STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03437

A HALBER YORHUNDERT RUSISHE REVOLUTSYE

Lev Deitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ האַלבער יאָרהונדערט רוסישע רעוואָלוציע

ערינערונגען פון

לעוו דייטש

ערשטער טייל.

איבערזעצט פון רוסיש

פון ד. קאַפּלאַן.

ארויסגעגעבען פון
פאַרלאַג „וועקער"
פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד
175 איסט בראָדוויי, נ. י.
יוני, 1923.

אַ האַלבער יאָהרהונדערט רוסישע רעוואָלוציע

.1

אונזער ניאַניע, נאָך ניט גאָר קיין אַלטע, מיט אַ סימפּאַטישען פּנים, איז געווען אַ פּויערטע פון טיף „ראַסעי", וואָס איז פאַרוואָגעלט געוואָרען אין קיעוו. איינמאָל אין אַ וואַרימען פריהלינגס־טאָג איז זי מיט מיר און מיין שוועסטערל סאָניע אוועק שפּאַצירען אין גרויסען פרוכט־גאָרטען, וואָס האָט זיך געצויגען ביז אונזער הויז, וועלכע איז באַקענט געווען אַלס די הויזט פון שיאַנאָוו'ס יורשים. אין דעם דאָזיגען גאָרטען איז פאַר אונז, קינדער, געווען אַ הוידע.

איך בין דאַן פינף יאָהר מיט עטליכע מאָנאַטען אַלט געווען; מיין שוועסטער — פיר און אַ האַלב. דער ניאַניע האָבען מיר זעהר געליבט פאַר איהר גוטער ליבליכער נאַטור, ווי אויך, באַזונדערס, פאַר די שעהנע מעשה'לאַך, וואָס זי פלעגט אונז דערצעהלען. אפּנים, אַז זי האָט זיך אויך צו אונז צוגעבונדען און אונז זעהר ליב געקראָגען, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס מיר זיינען ניט געווען קיין קריסטען. זי האָט אויף אונז אַכטונג געגעבען מיט צאַרטקייט, האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין אומגעדולד און כעס, ווען מיר פלעגען זיך צופיל צושפּילען און נעמען שרייען און וויינען. אין אַזוינע פעלע פלעגט זי זיך סטאַרען אונז צו באַרוהיגען מיט לאַסקעס און פאַרשפּרעכען גוטע זאַכען, אָדער מיט מעשה'לאַך.

הוידענדיג זיך אין גאָרטען, האָבען מיר דערהערט די קלויסטערם קלינגען. דאָס האָט מיר פאַרוואונדערט, ווייל די ניאַניע פלעגט אונז שטענדיג פאָראויס זאָגען, וואָס פאַר אַ יום־טוב ס'דאַרף זיין; יענעם טאָג האָט זי אונז גאָר ניט געזאָגט. אויף מיין פראַגע, ווארום קלינגט מען, האָט די ניאַניע מיט דער לינקער האַנט וויטער געוויגט אונז און מיט דער רעכטער גענומען זיך צלמ'ען, און האָט דערצעהלט, אַז ס'איז געקומען אַ גרויסער יום־טוב, ווארום דער „צאַר־באַטיושקאַ האָט אַלע פּויערים פרייהייט געשאָנקען".

ווישענדיג די טרערען, וואָס האָבען זיך געקייקעלט פון איהרע אויגען, האָט די גוטע ניאַניע אַ לאַנגע צייט דערצעהלט אונז, קליי־

נע אידישע קינדער, וועגען דעם לעבען פון די פּויערים ביי די „העררען“, פּריצים, און וועגען דער פרייהייט, וואָס זיי האָבען איצט געקראָגען. מיר האָבען דאַן ווענינ געקאָנט פאַרשטעהן, אָבער ס'איז מעגליך, אַז איהר ערצעהלונג, צוזאַמען מיט איהרע טרערען, און אין אַלגעמיין די גאַנצע סביבה, וואָס איך וועל שפּעטער מעהר אויספיהרליך באַשרייבען, — אַז דאָס אַלץ איז געווען דער ערשטער ריהר צו אַנטוויקלען אין מיין כאַראַקטער דעם געפיהל און די שטרעבונג צו פאַרלייכטערען די לאַגע פון די אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע.

פּיל שטאַרקער און בולט'ער, ווי די באַפרייאונג פון די פּויערים, האָט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט די אונטערדריקונג פון פּוילישען אויפשטאַנד אין יאָהר 1863. ערשטענס, בין איך שוין דאַן געווען צוויי יאָהר עלטער, דערצו האָט די דאָזיגע געשעהעניש לענגער געדויערט און איז באַגלייט געוואָרען פון פילע אומפאַרגעסליכע עפּיזאָדען.

מיר האָבען געוואוינט אויפ'ן „פּעטשערסק“*), וואו ס'האָט זיך געפונען די פעסטונג. דעריבער, אין דער צייט פון שפּאַצירען— איצט שוין ניט מיט דער ניאַניע, נאָר מיט אַ פּוילישע גואוווערנאַנטקע — פלעגען מיר אָפּט באַגעגענען גאַנצע מחנות געשמידטע בונטאָווטשיקעס, וועלכע מ'פלעגט אונטער אַ שטאַרקע וואַך פיהרען אין די טורמעס. אונזער גואוווערנאַנטקע פלעגט שטענדיג שטאַרק זיך צוקוקען צו די אַרעסטירטע, זוכען צווישען זיי איהרע פריינד און פאַרוואַנדטע, און פלעגט זיך אָפּט באַגיסען מיט טרערען. דאָס האָט, פאַרשטעהט זיך, אַרויסגערופען ביי אונז מיטלייד צו איהר.

צווישען אונזערע שכנים זיינען אויך געווען פּאָליאַקען, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט'ן אויפשטאַנד. אין אָוונט פלעגען זיי זיך אַמאָל פאַרזאַמלען ביי אונז אין הויז, און זיי פלעגען ניט בלויז רעדען אויף פּויליש מיט מיין פאָטער און דער גואוווערנאַנטקע, נאָר אפילו זיך ערלויבען צו זינגען זייערע נאַציאָנאַלע הימנען, אמת, פאַרמאַכענדיג דערביי פעסט די פענסטער און לאָדען.

איינמאָל, געדענק איך, ווען אונזערע געסט האָבען גענומען זינגען „יעשצע פּאָלשאַ ניע סגניעלאַ“, און די גואוווערנאַנטקע האָט באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ, האָט זיך אויפ'ן שוועל פּלוצלונג באַוויזען אַ פּאָליציי־באַאַמטער. אַלע זיינען געוואָרען טויט־דערשראָ-

*) אריסטאָקראַטישער קריסטליכער טייל שטאָדט אין קיעוו.

קענע: פאַר אַזאַ שווערען פאַרברעכען האָבען אי די געסט, אי די בעלי־בתּים, אין אַזאַ שרעקליכער צייט, געקאָנט טייער באַצאָהלען. צום גליק איז דער דאָזיגער פּאָליציי־באַאַמטער געוועזן אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען. ער האָט גוט געקענט מיין פאָטער, ווי אויך אַלע געסט, וואָס האָבען זיך געפונען ביי אונז אין הויז. אָנשטאָט, אַלזאָ, צו מאַכען אַ קלאַגע, ווי ס'האָט זיך געפאָדערט, האָט ער זיך באַנוגענט מיט דערמאָנען אונז, אַז ס'איז שטרענג פאַרבאָטען צו זינגען פּוילישע הימנען. פאַרבייגעהענדיג וויל איך דאָ דערצעהלען, אַז מיט אָט דעם זעלבען פּאָליציי־באַאַמטען האָב איך זיך מיט אַ יאָהר צוועלף שפּעטער באַגעגענט אונטער זאָנדערבאַרע אומשטענדען — אין אַן אַרעסטאַנטען־וואָגען, וואָס האָט מיר, אונטער אַ שטאַרקער וואַך, געפיהרט צו אַ קריגס־געריכט אין אָדעס *).

איך געדענק אויך, וואָס פאַר אַ טרויעריגען איינדרוק עס פלעגט אויף מיר מאַכען דער אויסזעהן פון די פאַרהאַפטעטע פּוילישע בונטאָווששיקעס, וועלכע פלעגען אַרויסקומען פון הינטער די טורמע־גראַטעס, ווען מיר פלעגען מיט דער גוּוואַרנאַנטקע שפּאַצירען לעבען דער וואַנט פון דער פעסטונג. שפּעטער מיט יאָהרען, ווען איך בין שוין אַליין געזעסען אין טורמעס און אין פעסטונגען, האָב איך זיך ניט איין מאָל דערמאָנט אָן יענע פאַרהאַפטעטע פּאָליאַקען און די געפיהלען, וואָס איך האָב אין מיין קינדהייט דערביי דורכגעלעבט.

אַ סך האַרצוועה האָט אונז אַלעמען דאַן פאַרשאַפט דער קלאַנג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז צוליב עפּעס אַ נאַרישער קלייניגקייט האָט זיך ניט איינגעגעבען אַ פאָלשטענדיג צוגעגרייטער פאַרזוך פון די פאַרהאַפטעטע צו אַנטלויפען פון פעסטונג: עפּעס אַן אַלטע פרוי. דורכגעהענדיג איינמאָל לעבען פעסטונג אויף אַ גלייכען, גלאַטען אָרט, איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלען אין אַ גרוב, וואָס האָט זיך געעפענט אונטער איהרע פיס. ווען מ'האָט די גרוב אונטערזוכט, האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס איז געוועזן אַן אויסגעגראָבענער טונעל, וואָס האָט זיך געצויגען פון פעסטונג אין דרויסען. נאָכדעם, פאַרשטעהט זיך, האָט מען שוין גענומען שטרענגער אַכטונג געבען אויף די אַרעסטירטע, און זייער לאַגע איז אַ סך פאַרערגערט געוואָרען.

---

*) איינצעלהייטען וועגען דעם קאָנט איהר געפינען אין מיין בוך: „זעכצעהן יאָהר אין סיביר", זייט 98. — ל. ד.

ניט אַלץ, נאַטירליך, וואָס ס'איז פאָרגעקומען און האָט ביי די ערוואַקסענע אַרויסגערופען שרעק, אומרוה און טרערען, איז פאַר אונז, קליינע, געווען פאַרשטענדליך. פריהער פון אַלץ האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפען, וואָרום „די פאָליאַקען האָבען זיך צובונטעוועט". און ווען אימיצער האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָט זיך פאַרוואָלט פרייהייט, איז מיר אויסגעקומען קשה, וואָרום דער צאַר־באַטיושקאַ האָט די רוסען געגעבען פרייהייט און די פאָליאַקען ניט.

אויף אָט די פראַגען, וועלכע איך האָב געשטעלט מיין גואוואַרנאַנטקע, מאַדמואַזעל מאַסאַלסקאַיאַ, ווי אויך אַנדערע ערוואַקסענע, האָב איך קיין צופרידענשטעלענדען ענטפער קיינמאָל ניט געקראָגען, און דאָס האָט נאָך מעהר אַרויסגערופען מיין נייגעריגקייט.

מיין סימפּאַטיע איז, נאַטירליך, געווען אויפ'ן זייט פון די פאָליאַקען, און אָט די קינדערשע איינדרוקען, דענק איך, זיינען ניט אַוועק אָהן אַ באַדייטענדען איינפלוס אויף מיינע שפּעטערדיגע באַציהונגען צו די פאָרשטעהער פון אָט דעם אונטערדריקטען פאָלק: אומעטום, וואוהין איך בין נאָר פאַרוואָרפען געוואָרען, האָב איך צווישען פאָליאַקען געפונען פריינד און חברים.

אָבער נאָך העלער און בולט'ער, ווי די צוויי דערמאָנטע היסטאָרישע פּאַסירונגען, איז ביי מיר אין זכרון פאַרבליבען אַ דריטע, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, ווען מיר איז געוואָרען צעהן יאָהר און מ'האָט זיך געקליבען אַריינצוגעבען מיר אין גימנאַזיע.

אַ שעהנע אידישע פרוי, אונזערע אַ באַקאַנטע, איז פּלוצלונג אַריינגעקומען צו אונז, און מיט אַן אויפגערעגטער שטימע דערצעהלט: „האָט איהר געהערט די שרעקליכע נייעס?... אויפ'ן צאַר האָט עפּעס אַ ליידאַק געשאָסען". דערנאָך האָט זי, שושקענדיג, איבערגעגעבען אייניגע איינצעלהייטען פון קאַראַקאָזאָוו'ס אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען *), און ווי אַזוי דער פויער קאָמיסאַראָוו האָט אויף אַ וואונדערליכען אופן געראַטעוועט דעם צאַר.

די דאָזיגע ידיעה האָט שטאַרק באַאומרוהיגט און פאַרשאַפט שמערצען מיינע עלטערען. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אין יענער צייט געווען זעהר פּאָפּולער צווישען מיינע גלויבענס־גענאָסען, ווייל ער האָט זיי געבראַכט פיל פאַרלייכטערונגען נאָך די

---

*) אין יאָהר 1866, ערשטער רעוואָלוציאָנערער אַטענטאַט אויפ'ן לעבען פון אַ צאַר אין רוסלאַנד. — ד. ק.

גרויזאַמקייטען און רציחות, וואָס זיינען געגען אידען באַגאַנגען גע־וואָרען אין דער צייט פון זיין פּאָטער׳ס, ניקאָלאַי דעם ערשטענס, הערשאַפט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די אידען, וועלכע האָבען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען גערופען „דער גוטער קייסער״, האָבען זיך טאַקע אויפריכטיג געפרעהט, וואָס ער איז געראַטעוועט געוואָרען פון קאַראַקאָזאָוו׳ס קויל.

איך געדענק אויך גאַנץ גוט די אַלערליי מעשיות און קלאַנגען, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטאָדט וועגען אַ סך אַרעסטען אויף אומשולדיגע מענשען. דער רעזולטאַט פון אַזוינע פּאַרפּאָל־גונגען איז געווען, אַז אַ שרעקליכע פּאַניק האָט אַלעמען אַרומגע־כאַפּט און ביי פילע מענשען האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו מסירות. דער שרעק האָט ביי איינצע דערגרייכט אַ שטופּע פון אומגעהויערע לעכערליכקייט.

פאַרהעלטניסמעסיג האָב איך שוין דאַן אַ סך פאַרשטאַנען וועגען „פּאָליטיקע״. אום צו ערקלערען עס, ווי אַזוי דאָס קומט צו אַ אידישען אינגעל, ניט מעהר ווי אַ יאָהר צעהן אַלט, מוז איך, כאָטש אין קורצען, דערצעהלען וועגען מיינע עלטערען און ווי אַזוי איך האָב זיך געהאָדעוועט.

2.

מיינע עלטערען.

מיין זיידע פון מיין פּאָטער׳ס זייט איז געקומען אין רוסלאַנד פון עסטרייך. אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וואו ער האָט זיך באַזעצט, האָט מען איהם גערופען „דער דייטש״, און אַזוי איז געבליבען זיין נאָמען, ווען מ׳האָט אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס צייט גענומען געבען די אידען פאַמיליען־נעמען, כאָטש אין עסטרייך איז זיין אמת׳ער נאָמען געווען ברייטמאַן.

מיין פּאָטער איז געווען אַן ערשטע גילדע סוחר, און פאַר זיין צייט — די 50־גער און 60־גער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט — איז ער געווען אַ זעלטענע ערשיינונג ניט בלויז צווישען די אידען, וואָס זיינען געווען פאַרזונקען אין אַלערליי אַבערגלויבענס און פאָראורטיילען, נאָר אפילו צווישען די קריסטליכע סוחרים פון זיין שטאַנד.

ער האָט, דאַכט זיך, אַליין, אָהן אַ לעהרער, זיך אויסגעלערענט די רוסישע גראַמאַטיקע, — אַ זאַך, וואָס ס׳איז דאַן, אין דער פאָלשטענדיגער אומוויסענהייט פון יענער צייט, געווען זעלטען צו

באגעגענען, און בפרט נאָך ביי אידען. ער איז גאָרניט געווען רע־ליגיעז, מ׳האָט איהם גיכער געקענט האַלטען פאַר א פרייַדענקער, נאָר צוליב געשעפטס־אורזאַכען האָט ער גערעכענט אַז ס׳לוינט זיך בעסער צו פיהרען זיך פרום, כאָטש ער האָט ווייט ניט אַלץ אָפּגע־היט. ער האָט געהאַט א שעהנעם אויסזעהן, געווען אייראָפּעאיש געקליידט, און האָט געפיהרט באַקאַנטשאַפט מעהרסטענס מיט קריסטען — אפשר דערפאַר ווייל ער האָט געוואוינט אויפ׳ן פּע־טשערסק, וואו אידען, א חוץ ערשטע־גילדע סוחרים, האָבען קיין וואוינונגס־רעכט געהאַט.

מיט נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך מיין פאָטער געהאַלטען ווייט ניט געפאַלען ביי זיך, און האָט זיך באַצויגען צו אַלעמען זעהר העפליך, קאָררעקט, פיין. ער איז געווען א גרויסער כעסן, און אַז מ׳פלעגט אָנריהרען זיין אמביציע, פלעגט ער אַזוי אָנגעצונדען ווערען, אַז ער פלעגט פאַרלירען דעם קאָנטראָל איבער זיך. ער פלעגט זיך אַזש כאַפּען שלאָגען, און דערנאָך מוזען זיך אויסקויפען מיט געלט פאַר אַזעלכע אָנפאַלען.

באַשעפטיגט האָט זיך דער פאָטער אויסשליסליך מיט רעגי־רונגס־פּאָדריאַדען. אין יענער צייט, ד. ה. אין אָנפאַנג פון די 60־ער יאָהרען, האָט ער צוגעשטעלט אַלע נויטיגע זאַכען פאַר א גרויסען מיליטערישען האָספּיטאַל פון עטליכע טויזענט חולאים אויפ׳ן פּע־טשערסק. אין דער צייט פון קרימער קריג האָט מיין פאָטער, ווי מ׳דערצעהלט, אָנגעפאַרדינט פון פּאָדריאַדען א גרויסען פאַרמעגען, און האָט זיך גערעכענט פאַר א רייכען מאַן.

ניט באַקומענדיג אַליין קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, האָט ער פונדעסטוועגען געשטרעבט צו ערציהען זיינע זיבען קינדער אויפ׳ן בעסטען אופן, לויט ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען. אַלזאָ, א חוץ דער גוּוואָרנאַנטקע, וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט, האָבען מיר, איינגערע קינדער, געהאַט אויך א ספּעציעלען לעהרער. די על־טערע דריי שוועסטער מיינע האָבען באַזוכט גימנאַזיע און זיך גע־לערענט שפּילען ביים בעסטען פּיאַניסט אין קיעוו.

ביי יעדער געלעגענהייט האָט דער פאָטער געזוכט צו באַווייזען אונז, ווי ס׳איז וויכטיג צו זיין א געבילדעטער מענש, און אויף אונזער בילדונג האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין געלט, כל־זמן ער האָט עס פאַרמאָגט. אָבער, אָה וועה! פּלוצלינג האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ רייכער מאַן, ווי אַלע, אפילו זיין אייגענע פרוי און קינדער, האָבען געדענקט.

מיין מוטער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך גוטע, איבער־

געבענע פּרוי, וואָס וואָלט פאַר איהרע קינדער זיך מקריב געווען. הגם זי איז געווען זעהר אַ פּרומע און האָט אָפּגעהיט אַלע מנהגים און מצוות, האָט זי אָבער אַזוי הויך געהאַלטען פון איהר מאַן, אַז זי איז מרוצה געוואָרען, מ׳זאָל איהרע קינדער געבען אַ „גוי׳אישע ערציהונג״.

ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס מיין מוטער איז גאָר ניט געווען באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און נאָך וויניגער מיט געשיכטע, האָט זי פונדעסטוועגען געהאַט אַ געוויסען סאָרט איינפלוס אויף מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט „פּאָליטיקע״. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס זי איז געווען אַ געבאָרענע פון דער שטעדטעל טולטשין, וועלכע איז אין די 20־סטע יאָהרען געווען, ווי באַקאַנט, דער מיטעלפונקט פון דער דרום׳דיגער געזעלשאַפט פון די דעקאַבריסטען *). די מוטער האָט געוואוסט איניגע נעמען — פעסטעל, מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל — און זייער טרויעריגען שיקזאַל. זי פלעגט אַמאָל האָלט האָבען צו דערצעהלען וועגען די פאַרשווערונג פון פעסטעל׳ן און זיינע חברים. נאָך עד־היום וואונדערט מיר ווי אַזוי זי האָט עס געקענט געדענקען: קיין רוסיש האָט זי ניט געקענט, און די פּאַסירונגען זיינען געווען פון אַזאַ ווייטער צייט, ווען זי איז נאָך געווען אַ ברעקעל קינד. אַפּנים, אַז די פאַרשווערונג פון די דעקאַבריסטען האָט איבערגעלאָזען אַ טיפען רושם אויף די טולטשינער איינוואוינער און לאַנג נאָכדעם, מסתמא, האָט מען געהאַלטען אין דערצעהלען וועגען דעם.

ניט אַלעס, וואָס זי האָט דערצעהלט, איז ביי מיר געבליבען אין זכרון, אָבער דאָס געדענק איך, אַז גענעראַלען, פּאָלקאָווניקעס, פירסטען זיינען אַרוים אין קריג געגען צאַר. זייער הויפּט פיהרער איז געווען פּאָלקאָווניק פעסטעל. אָבער דער צאַר האָט זיין חיל צוקלאַפּט, גענומען זיי אַלעמען אין געפענגניש, און דערנאָך איינינע אויפגעהאַנגען און אַ סך פאַרשיקט אין סיביר.

אפילו צווישען רוסישע קינדער פון מיין עלטער איז דאַן ניט געווען קיין סך, וואָס האָבען אַזוי פיל געוואוסט וועגען די דעקאַבריסטען.

שפּעטער, ווען איך פלעג נאָר נעהמען עפּעס לעזען וועגען די דעקאַבריסטען, פלעגען גלייך ביי מיר אין זכרון אויפלעבען מיין מוטער׳ס מעשיות וועגען זיי.

אויף מיין ערשטער אַנטוויקלונג האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקען

---

*) פאַרשווערונג פון דעצעמבער, 1825.

איינפלוס דאָס וואָס איך האָב געהאַט פינף שוועסטער; דריי זיינען געווען עלטער פון מיר און זיי האָבן געפיהרט באַקאַנטשאַפט מיט סטודענטען. צו זייערע געשפּרעכען האָב איך זיך אויפמערק־זאם צוגעהערט און געדענקט זיי.

און אפשר אַ פיל באַדייטענדערע ראָלע האָבען אין מיין יונגען לעבען געשפּילט יענער טייל שטאָדט, און אויך די הויז, וואו מיר האָבען אָפּגעוואוינט פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד, — פון מיין קינד־הייט ביז איך בין געוואָרען אַ גרויסער בחור.

3.

דער איינפלוס פון דער הויז און דער אומגעבונג.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז מיר האָבען געוואוינט אויפ׳ן פּעטשערסק, וואו ס׳געפינט זיך דער באַריהמטער מאָנאַסטיר „טראָ־איצקאַיאַ לאַווראַ״, אין וועלכען ס׳איז דאָ אַ ריזיגער סקליעפּ מיט קברים פון פילע הייליגע. פון קליינוויז אָן פלעגט מיר די ניאַניע אַהין פיהרען, וואו איך האָב זיך אָנגעזעהן אַ סך וואונדערבאַרע זאַ־כען, פול מיט מאַיעסטעטישען פּראַכט און צויבער. די הויז, אין וועלכער מיר האָבען געוואוינט, איז אויך געווען אַ זאָנדערבאַרע, אַ מערקווירדיגע, און האָט אויף מיר איבערגעלאָזען אַן אומגעהויערען איינדרוק.

די הויז (פון די שיאַנאָוו׳ס יורשים, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט) האָט פאַרנומען זעהר אַ גרויסען פּלאַץ און האָט געהאַט אַ לאַנגען פרוכט־גאָרטען. דער אייגענט־מער פון הויז איז געווען אַ העכסט־איינפלוסרייכער מענש. מ׳דערצעהלט, אַז ער איז געווען זעהר אַ רייכער פריץ און אַז צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער פלעגט איהם באַ־זוכען, ווען ער פלעגט קומען אין קיעוו. וועגען זיין ווילדען, עקשנות׳דיגען, טיראַנישען כאַראַקטער פלעגט מען אָנדערצעהלען וועלטען מעשיות, וואָס האָבען געקלונגען כמעט ווי לעגענדעס.

די הויז איז מיר מאָדנע געפעלען געווען. פון אַלץ האָט זיך דאָרט געטראָגען עפּעס אַ מין געהיימניספולע אַלטקייט און וואונ־דערבאַרע פּאָעזיע. דאָס האָט אויף מיין דמיון געהאַט אַ באַזונדער ווירקונג, הויפּטזעכליך דאָס איך בין געווען אַ שטאַרקער ליבהאָ־בער פון אַלטע מעשיות, ווי מאַין־ריד׳ס, קופּערס און ענליכע. אין דעם גרויסען גאָרטען, אָן אָפּגעלאָזענעם, אַ פאַרוואָקסענעם מיט ווילדע אומגעלומפּערטע קוסטעס, פלעג איך כלומר׳שט אומ־

זוכען גזלנים, אינהיאַנער און זיך פאַרשטעלען פאַרשיידענע שרעק־ליכע זאַכען.

אין דעם הויז, ווי אויך צווישען אונזערע שכנים האָבען זיך געפונען גאַנץ אינטערעסאַנטע מענשלאַך, אויף וועלכע איך קען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען. אָבער די באַקאַנטשאַפט מיט זיי האָט געגעבען אַ רייכען מאַטעריאַל פאַר מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט און געליים־טעט אַן אומשעצבאַרע דינסט מיין גייסטיגע אַנטוויקלונג.

מיינע עלטערען און די גוואוערנאַנטקע האָבען, פאַרשטעהט זיך, ניט געוואָלט לײדען איך זאָל האָבען אַזוינע סאָרטען באַקאַנטע, און אַז איך זאָל מיך שפּילען מיט זייערע קינדער, מיינע גאַס־חברים. און איך האָב זיך אַליין אויך ניט צופיל געיאָגט נאָך זיי, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין שטאַרקע נייגונג צו קיינע קינדער־שפּילכ־לאַך. מיין פאָטער האָט זיך אַמאָל פאַרוואָלט אויסלערנען מיר רייטען אויף אַ פערד. האָט ער געהייסען אויסקלייבען פאַר מיר אַ רוהיגען שטילען פערדעל, אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל ארויפגעזעצט, האָב איך מעהר בשום אופן ניט געוואָלט זיך לערנען רייטען. דערפאַר האָב איך זעהר ליב געהאַט לעזען ביכער, פאַרברענגען מיט דערוואַקסענע, און דערנאָך זיך באַריהמען פאַר מיינע חברים מיט דעם, וואָס איך האָב געלעזען אָדער געהערט פון די גרויסע. צו 11-12 יאָהר בין איך שוין געווען באַקענט מיט פילע ווערק פון אונזערע בעסטע בעלעטריסטען. פון אָט די ביכער, ווי אויך פון די געשפּרעכען צווישען מיינע שוועסטער און זייערע באַקאַנטע סטודענטען, האָב איך אָנגעקראָגען די סאַמע ליבעראַלסטע אַנזיכטען און גענומען מאַכען די פאַרטגעשריטענסטע פּלענער פאַר מיין ווייטערדיגען לעבען.

4.

מיין פאָטער׳ס באַנקראָט און די נוץ וואָס דאָס האָט מיר געבראַכט.

אַ חוץ די דערמאָנטע אומשטענדען האָט זעהר אַ באַדייטענדע ראָלע אין מיין ערשטער אַנטוויקלונג געשפּילט מיין פאָטער׳ס פּלוצ־לונגער אָרים ווערען, וואָס האָט פּאַסירט פונקט דאַן, ווען איך בין אָנגעקומען אין גימנאַזיע.

שוין אַ צייט פריהער האָט איהם דער גליק פּאַרלאָזען, און ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון דורכפאַלען און צרות. אום אויסצוהאַלטען זיינע קאָנטראַקטען האָט ער געמוזט צולעגען דעם

גאַנצען פאַרמעגען זיינעם און שפּעטער נאָך דערצו באָרגען געלט און צאָהלען גרויסע פּראָצענטען. אזוי ווי ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלעם ווידער פאַרבעסערען, האָט ער אַ צייט לאַנג פון אַלעמען, אַפּילו פון דער מוטער, באַהאַלטען זיין לאַגע. אָבער פון זיין צוטראָגענקייט און אָפּטע אויפגערעגטקייט האָט מען געקאָנט זיך אָנשטויסען, אַז עפּעס איז מיט איהם ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ווען מ׳האָט שוין מעהר ניט געקענט פאַרבאַהאַלטען זיך, האָט ער אַלעמען ערקלעהרט, אַז ער איז באַנקראָט.

באַלד נאָכדעם — כ׳געדענק דאָס איז געווען אַ שבת׳צו־נאַכט — איז צו אונז געקומען דערזעלבער פּאָליציי־באַאמטער, באַגלייט פון אַ גאָרדאָוואָי, און גענומען ביים פאָטער אַן אונטערשריפט, אַז ער טאָר ניט אָפּפאָהרען פון שטאָדט. דער פּאָליציאַנט איז פאַרבליבען ביי אונז נעכטיגען.

דורכשמועסענדיג זיך מיט דער מוטער, האָט דער פאָטער געהייסען שפּאַנען דעם פערד און איז אוועקגעפאָהרען, ניט זעגענענדיג זיך אַפּילו מיט אונז, די קינדער. פון דאַן אָן איז ער געוואָרען אַן „אומלעגאַלער”: ער האָט אויף אַ פאַלשען פּאַספּאָרט געוואוינט אין פּעטערבורג, וואו איך האָב זיך אין איין יאָהר אַרום מיט איהם געזעהן. איך בין שוין דאַן אויך געווען אַן אומלעגאַלער. דאָס איז אָבער אַ שפּעטערדיגע געשיכטע.

מיין פאָטער האָט געמוזט אַנטלויפען, ווייל די קרעדיטאָרען האָבען איהם געוואָלט אַריינזעצען אין טורמע. מיין מוטער, הגם זי איז געווען אַ ווייכע, גוט הערציגע פרוי, האָט זיך ניט פאַרלאָרען נאָך דעם צווייענדיגען אומגליק, וואָס איהר האָט געטראָפען — פּלוצלינגע אָרעמקייט און צושיידונג מיט׳ן מאַן, אפשר אויף אייביג. (ערשט יאָהרען שפּעטער, ווען דער פאָטער איז ווייטער געוואָרען לעגאַל און רייך, האָט זי זיך מיט איהם דערזעהן). זי האָט זיך גלייך גענומען ברענגען אין אָרדנונג די רואינירטע בעל-הבית׳שקייט אונזערע: זי האָט אויספאַרקויפט וואָס מ׳האָט נאָר געקענט, אויסגעצאָהלט די אָרימערע בעלי־חובות, פאַרדונגען אַלע ליידיגע צימערען אין הויז א. אז. וו.

ניט אַכטענדיג אויף דעם אַלעמען, פונדעסטוועגען, איז אונזער מאַטעריעלע לאַגע געווען אַזוי טרויעריג, אַז מיינע דריי שוועסטער האָבען געמוזט פאַרלאָזען די גימנאַזיע, כאָטש זיי זיינען שוין געווען אין די לעצטע קלאַסען, ווייל ס׳איז פּשוט ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָהלען די עטליכע רובל לעהרע־געלט. קוים מיט צרות, געדענק איך, איז איהר געלונגען צונויפצוקלייבען די צעהן

רובל צו באצאהלען פאר מיר, ווארום מ׳האט געסטראשעט צו אנטלאסען מיר פון גימנאזיע, אויב איך וועל צו דער באשטימטער צייט ניט ברענגען דעם געצאהלט.

שוין ניט מעהר אויף א שעהנעם פערדעל, געשפאנט אין א פרעכטיגען וועגעל, ווי פריהער, נאר צופוס, אין רעגען, שנעע און פראסט, אין אן אפגעריסענעם בגד׳ל, פלעג איך זיך שלעפען אין גימנאזיע, וועלכע איז געווען אן ערך דריי וויארסט פון אונזער הויז. און ניט איינמאל האט מיר געפעהלט די פאר קאפיקעס אויף צו קויפען עפעס איבערביים אין גימנאזיע.

נאך מעהר: ווען איך בין אריבער אין צווייטען קלאס, האב איך שוין גענומען געבען „אוראקען", צוגרייטענדיג אזעלכע יונגע אינגלאך, ווי איך, אין ערשטען קלאס גימנאזיע.

איך וויל זיך שוין מעהר וועגען דעם ניט פארברייטען, כ׳וועל נאר זאגען, אז אין שיאנאוו׳ס זאנדערבארע הויז האב איך זיך אנגעזעהן מיט א סך אומגליק און שמערצען, און פון 11—12 יאהר האב איך זיך אליין אויך גענוג אנגעליטען נויט און צרות. איך האב זיך אבער קיינמאל ניט באקלאגט אויף דעם, וואס דער פאטער האט אונז פלוצלונג פון רייכקייט, פון וואוילטאג, אריינגעווארפען אין ארימקייט. פארקעהרט, איך האב אימער אנערקענט און געווען איהם דאנקבאר פאר זיין שטרעבונג צו געבען אונז בילדונג. וואס איז שייך זיין באנקראט, איז דאס אויך, ווי ס׳האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, געווען פאר מיר ניצליך: ס׳האט אין מיר אנטוויקעלט די פעהיגקייט צו ארבייטען און זיין זעלבסטשטענדיג, און הויפטזעכליך, ס׳האט מיר דערנעהנטערט צום ארימען פאלק און אויסגעלערענט פארשטעהן די אונטערדריקטע, דערשלאגענע.

.5

אין גימנאזיע.

איך בין אריין אין גימנאזיע אומגעפעהר אין דערזעלבער צייט ווען אלס מיניסטער פון פאלקס-בילדונג איז אנגעשטעלט געווארען דער באוואוסטער פינסטערלינג גראף ד. טאלסטאי. דאס האט אויך געהאט א גרויסען איינפלוס אויף מיין לעבען.

פון קינדוויז אוּף האב איך זיך פון די דערוואקסענע א סך אנגעהערט וועגען פיסארעוו׳ס אנשויאונגען. האב איך זיך, פארשטעהט זיך, געהאלטען פאר א רעאליסט און א פארברענטען געגנער פון ד. טאלסטאי׳ס באמיהונגען צוריק איינצופיהרען דעם קלא־

סיציזם (צו לערנען די קלאסיקער, גריכישע און רוימישע). זיין שטארקען נאכפאלגער קאטקאוו'ן האב איך שוין געהאסט פון לאנג. איז מיר דעריבער זעהר שווער געפאלען, וואס כ'האב געמוזט פאר-לירען א סך צייט אויף צו לערנען די אומנוציגע אלטע שפראכען.

און ניט נאר בין איך דאן, אריינטרעטענדיג אין גימנאזיע, געווען א „רעאליסט" און א „דעמאקראט", נאר איך בין אויך גע-ווען אן אטעאיסט, אן אפיקורס. דאס איז געווען גאנץ נאטירליך, ווייל איך האב גיט באקומען קיין אידיש-רעליגיעזע ערציהונג און האב פארקעהרט, ווי כ'האב שוין דערצעהלט, זיך ארומגעדרעהט מעהרסטענס צווישען גויים.

אין פארבינדונג מיט מיין אפיקורסת געדענק איך פאלגענדען פאל, וועלכער האט ערשטוינט אלע גימנאזיסטען מיינע גלויבענס-גענאסען, וועלכע, כ'וויל פארבייגעהענדיג באמערקען, מ'האט דאן אריינגענומען אין די שוהלען אהן פראצענטען.

איינמאל, אין די ערשטע טעג פון מיין אנקומען אין גימנאזיע, ווען איך האב אין רוה-צייט געהאלטען אין עסען הייסע ווארשט-לאך, וואס מ'פלעגט קויפען ביים באדינער פון גימנאזיע, איז צו מיר צוגעקומען א אידישער גימנאזיסט, אן עלטערער, פון די העכערע קלאסען. ער איז אויפגעבראכט געווארען פון דעם, וואס איך עס טריפה, און האט מיר געפרעגט, ווי אזוי וואג איך עס צו באגעהן אזא עבירה. אויף דעם האב איך איהם געענטפערט, אז ס'איז ניטא קיין שום גאט, און צווישען אונז האט זיך פארבונדען א הייסע דעבאטע. נאכדעם האבען זיך אלע אידישע גימנאזיסטען דער-וואוסט, אז איך, א יונגער שנעק פון ערשטען קלאס, לייקען אפ די עקזיסטענץ פון גאט. דורך דעם בין איך גלייך באריהמט געווארען.

די גימנאזיע האט אין יענער צייט ניט ארויסגעוויזען קיין באדייטענדען איינפלוס אויף דער גייסטיגער אנטוויקלונג פון די תלמידים. א סך א גרעסערע ראלע האט אין דעם הינזיכט גע-שפילט די היימישע סביבה און די אויסערליכע באדינגונגען פון זייער לעבען. אין א באזונדער גראד איז עס געווען ריכטיג מיט מיר.

ניט בלויז מיינע חברים, נאר אפילו א סך עלטערע פון מיר, האבען קיין אהנונג ניט געהאט, צום ביישפיל, וועגען טשערנישעוו-סקי'ן, און איך האב שוין געוואוסט וועגען זיין טרויעריגען גורל און צו 13—14 יאהר שוין איבערגעלעזען זיין באריהמטען ראמאן „טשטא דיעלאט?" (וואס זאל מען טאן?).

דערנאך, א ביסעל שפעטער, האב איך זיך אויך באקענט מיט

איינינע ווערק: דאָבראָליובאָוו׳ס, טורגעניעוו׳ס, און אויך לאַסאַל׳ס, מילל׳ס, באָקל׳ס און אנדערע. ס׳פארשטעהט זיך, אז ווייט ניט אלץ פון דאָס געלעזענע האָב איך פארשטאנען. דאָך, אפילו אָן אויבערפלעכליכע באקאנטשאַפט מיט די דאמאָלסדיגע פּאָפּולערע שרייבער האָט אָהן צווייפעל געהאט אַן איינפלוס אויף מיין אנט־וויקלונג.

שוין גאַנץ באַצייטענס בין איך, אויף אַזאַ אופן, געוואָרען אַ הייסער אָנהענגער פון דער פרוי׳ס באַפרייאונג, און געפיהרט דיסקוסיעס וועגען דעם מיט אַ סך עלטערע פון זיך.

גאַנץ פריה האָב איך אויך איבערגעלעזען די ווערק פון אונ־זערע בעלעטריסטען און פּאָעטען. מעהר פון אַלעמען האָב איך גע־ליבט טורגענעוו׳ען, אָבער באַזאַראָוו איז מיר ניט געפעלען גע־ווען. פון פּאָעטען איז מיין באַליבטער געוועזן נעקראַסאָוו; אַ גרויסע צאָהל פון זיינע געדיכטע האָב איך געוואוסט אויף אויס־ווענינ. פּושקין׳ען האָב איך, אונטער פּיסאַרעוו׳ס איינפלוס, נאַ־טירליך, געהאַלטען פאַר אַ פאַרעלטערטען, צוריקגעשטאַנענעם.

אַזוי ווי איך בין געווען פיל באַלעזען, האָבען מיינע חברים מיט דעם זיך אָפט באַנוצט, אויף אַרויסצודרעהען זיך פון עפּעס אַן אוראָק: זיי פלעגען מיר בעטען איך זאָל „פאַרציהען" עפּעס אַ שמועס מיט׳ן לעהרער, וואָס איך האָב שטענדיג גאַנץ ערפאָלג־רייך אויסגעפיהרט, און אַזוי פלעגט די צייט אריבער, ביז זיי פלעגען שוין דאַרפען געהן אַ היים.

איך נעהם זיך דורכפיהרען רעפאָרמען ביי אידען.

ביי׳ן יאָהר 1871 האָב איך, אַ דאַנק די אויבענדערמאָנטע באַדינגונגען, גאָר ניט געפיהלט, אַז איך געהער צו דער פאַרפאָלג־טער אידישער נאַציאָן. איך בין שטענדיג געווען אַרומגערינגעלט פון קריסטען, האָב איך ניט געהאַט קיין קלאָהרען באַגריף וועגען די רעכט־באַשרענקונגען, פון וועלכע מיינע גלויבענס־ברידער האָ־בען געליטען, און כ׳האָב אין אַלגעמיין קיינמאָל זיך ניט פאַר־טראַכט וועגען זייער לאַגע. איך האָב אַליין ניט געליטען פון יענע באַשרענקונגען, און פון די מענשען, וואָס האָבען מיר אַרומגע־רינגעלט, האָב איך ניט געהערט קיין זאַך, וואָס זאָל אין מיר אויפ־וועקען אַ נאַציאָנאַלען געפיהל. האָב איך זיך געהאַלטען פאַר אַ רו־סישען לויט די סימפּאַטיען, שטרעבונגען און אידעאַלען.

אָבער פּסח, אין יאָהר 1871 האָבען אין אָדעס אויסגעבראָכען

די ערשטע פּאָגראָמען אויף אידען. די דאָזיגע טרויעריגע פּאַסירונג האָט מיר פּלוצלינג געעפענט די אויגען. דאָס האָט אויפגעשוידערט אונזער גאַנצע משפּחה, אַלע אונזערע באַקאַנטע, און אַרויסגערופען ביי אַלעמען אַ שטאַרקע פאַרביטערונג און אַ שווערע שטימונג. ז'ערנאָך האָט מען גענומען ריידען און דעבאַטירען וועגען דעם, צי זיינען אויך די אידען אַליין ניט שולדיג אין דעם האַס, וואָס די קריסטען פיהלען צו זיי. אייניגע, און איך אויך צווישען זיי, האָבען אַנערקענט, אַז אונזערע אידען גיבען גענוג אורזאַכען פאַר די פיינדליכע באַציהונגען צו זיי. די הויפּט־אורזאַכע איז זייער ליבע צו לייכטע, נישט־פּראָדוקטיווע, אָבער מעהר פּראָפיטירענדע באַשעפטיגונגען. דאַרף מען דעריבער זעהן, אַז די אידישע מאַססע זאָל זיך נעמען פאַר שווערע, הויפּטזעכליך פיזישע, אַרבייט, און די אידישע אינטעליגענץ איז מחויב צו העלפען אין דעם דער אידישער מאַסע. זי דאַרף העלפען באַפרייען די אידען פון אַלערליי אבערגלויבענס, פאַראורטיילען, שעדליכע געוואוינהייטען, — מיט איין וואָרט, אַרויסשלעפען די אידען פון פינסטער'ניש און אָרימקייט, אין וועלכע דאָס רוב פון זיי לעבען. צו אָט דעם צוועק דאַרף מען אויך צוציהען די פאַרמעגליכע און רייכע אידען, וועלכע טאָרען ניט פאַרבלייבען גלייכגילטיג צום גורל פון זייערע אָרימע אומוויסענדע ברידער.

איך בין נאָך קיין זיבצעהן יאָהר ניט אַלט געווען, ווען איך האָב זיך גענומען פּראַקטיש צו פאַרווירקליכען דעם דאָזיגען צוועק.

אין קיעוו, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעדט פון אידישען „תחום", איז געווען אַ תלמוד־תורה פאַר אָרימע אידישע קינדער, וועלכע איז, ווי געוועהנליך, אויפגעהאַלטען געוואָרען פון דער אידישער צדקה־חברה. די קינדער האָבען דאָרט געקראָגען זעהר שלעכטע שפּייז, און אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסען. ענדיגענדיג די תלמוד תורה, זיינען די קינדער געווען פּונקט אַזוי וועניג צוגעגרייט צו פּראַקטישע אַרבייט, ווי פאַר'ן אַריינטרעטען אין איהר.

האָב איך און נאָך עטליכע חברים מיינע — מעהרסטענס סטודענטען און גימנאַזיסטען פון די לעצטע קלאַסען — ערקלעהרט דעם קאָמיטעט פון דער תלמוד־תורה, אַז מיר זיינען גרייט אָהן געצאָהלט צו לערנען די אָרימע קינדער די רוסישע שפּראַך, אַריפמעטיקע און געשיכטע, און דער קאָמיטעט האָט אויף דעם פאַלשטענדיג איינגעוויליגט.

מיט אַן אומגלויבליכע היץ האָבען מיר זיך גענומען לערנען

די קינדער, און מיר האָבען גאַנץ גיך דערזעהן, אַז איינִיגע פון זיי, וואָס צייכענען זיך אויס מיט באַזונדערע פעהיגקייטען און התמדה, האָבען אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע פעולה געהאַט. מיר האָבען זיך אָבער באַלד באַטראַכט, אַז דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג צו מאַכען פון זיי פּראָדוקטיווע אַרבייטער. פאַרקעהרט: דאָס וועט זיי געבען נאָך מעהר געלעגענהייטען צו כאַפּען זיך פאַר אומפּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס. האָב איך דעריבער פאָרגעשלאָגן מיינע חברים, די פרייוויליגע לעהרער, מ'זאָל דער צדקה־חברה שטעלען אַן אולטימאַטום: מיר וועלען מעהר ניט אונטערריכטען די קינדער, אַוואו מ'וועט זיי אין דער זעלבער צייט ניט פאַרזאָרגען מיט עפּעס אַ פאַך — לערנען זיי שניידעריי, שוסטעריי, שלאָסעריי, סטאָלעריי, איינבינדעריי. נאָך מעהר: די סאַמע פעהיגסטע און באַגאַבטסטע קינדער זאָל מען אַריינגעבען אין גימנאַזיע אָדער רעאַל־שול, און די אידישע גבירים זאָלען זיי אויסהאַלטען.

מיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען, און מען האָט ערוועהלט אַ קאָמיטעט פון דריי — איך און נאָך צוויי סטודענטען, עלטערע פון מיר — צו זעהן זיך וועגען דעם מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער תלמוד־תורה.

די פאַרוואַלטונג וועלכע האָט זעהר הויך געשעצט אונזער אַרבייט, האָט זיך מיט פרייד אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן צו לערנען די קינדער אויך עפּעס אַ מלאכה. אָבער זי האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו באַשליסען עס אַליין, אָהן דער הסכמה פון דער צדקה־חברה, אויף דער שפּיץ פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען די רייכסטע אידען פון שטאָדט. ווען די דאָזיגע חברה האָט זיך פון דער תלמוד־תורה־פאַרוואַלטונג דערוואוסט וועגען אונזער אולטימאַטום, האָבען זיי באַפּאָלמעכטיגט זייער פאָרזיצענדען, דעם דאַמאָלסט־באַריהמטען באַנקיר ראָזענבערג (אַ שווער פון דעם באַוואוסטען פילאַנטראָפּ, באַראָן גינזבורג), דורכצורייִדען זיך מיט אונז און אויסגעפינען דעם תוך פון אונזער פּלאַן. האָבען מיר באַלד געקראָגען פון איהם אַן איינלאַדונג צו באַזוכען איהם. דערביי איז אַרויסגעקומען אַ קוריעזער פאַל, וועלכען ס'איז כדאי איבערצודערצעהלען, ווייל ער שפּיגעלט טיילווייז אָפּ די דאַמאָלסטיגע שטימונג.

ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער פּראַכטפאָלער געביידע, וואו דער מיליאָנער ראָזענבערג האָט געוואוינט, און גענומען געהן דורך'ן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, האָט דער שווייצאַר מיט ווירדע

אונז געבעטען געהן דורך דער הינטער־טיר, ווארום „דער גובערנאַטאָר אַליין איז ביי'ם פריץ", האָט ער אונז ערקלעהרט און אָנגעוויזען אויף דער קאַרעטע לעבען הויז.

— זאָגט אייער פריץ, — האָב איך אַ געשריי געטאָן, — אַז מיר געהען ניט דורך'ן הינטער טיר.

און מיר זיינען אַוועק.

די חברים, וואָס האָבען מיר נאָכגעפאָלגט, זיינען געווען מיט דעם מיינונג, אַז צוליב אַזאַ קלייניגקייט האָט זיך ניט געלוינט צו מאַכען אַזאַ וועזען, איבערהויפּט נאָך, אַז מיר זיינען ניט געקומען בעטען עפּעס פאַר זיך פּערזענליך. דערצו האָט באַלד, אין עטליכע שטונדען אַרום, געדאַרפט אָפּגעהאַלטען ווערען אַ פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער וואָהלטעטיגער חברה, אויף וועלכער דער פּאָרזיצענדער ראָזענבערג האָט עס געדאַרפט אָפּגעבען אַ באַריכט וועגען אונזערע פאָרגעשלאָגענע רעפאָרמען. איך האָב אָבער מיט זיי ניט איינגעשטימט. איך האָב ערקלעהרט, אַז מ'דאַרף אָנלערנען די גבירים, זיי זאָלען אונז, אָרימע, אויפנעמען מיט די זעלבע אַכטונג און העפליכקייט, וואָס זיי ווענדען אָן פאַר די הויכגעשטעלט פּערזאָנען. וואָס אַנבאַלאַנגט די קורצקייט פון צייט ביז דער פאַרזאַמלונג, האָב איך געזאָגט, אַז אויב ראָזענבערג'ען געפעלט אונזער פּלאַן, וועט ער שוין געפינען אַ מיטעל דורכצושמועסען זיך מיט אונז.

און ווירקליך, באַלד ווי איך בין געקומען אַהיים, איז צו מיר האַסטיג אַריינגעלאָפען איינער פון דער תלמוד־תורה פאַרוואַלטונג און דערצעהלט, אַז ראָזענבערג האָט צוגעשיקט אַ ספּעציעלען שליח אויפצוזוכען אונז און בעטען גלייך קומען צו איהם, ווארים ער האָט זיך דערוואוסט פון שווייצאַר, וואָס ס'האָט פּאַסירט, און ער האָט איהם באַפעהלען אַרויפצונעמען אונז אויף די פּאַראַדנע טרעפּ.

די דאָזיגע ערקלעהרונג האָט מיר צופרידען געשטעלט, און מיר זיינען זאַלבעדריט ווידער אַוועק צו ראָזענבערג'ען.

דער לאַקעי האָט אונז אַריינגעפיהרט אין אַ פּראַכטפאָלען צימער, וואו אונז האָט אויפגענומען אַ גרייז־גראָהער אַלטער מאַן, אַ פאָלשטענדיג אידישער טיפּ. ער האָט זיך נאָך אַמאָל אַנטשולדיגט פאַר דער מיספאַרשטענדניס, וואָס איז אַרויסגעקומען אָהן זיין ווילען, און האָט אונז איינגעלאַדען פאָרצולעגען אונזער פּלאַן. מיינע חברים האָבען מיר, אַלס איניציאַטאָר, געבעטען צו

טאָן עס, וואָס איך האָב מיט גרויס פאַרגעניגען ערפילט. מיט היץ, איילענדיג, האָב איך פאַרנאַנדערגעלעגט דעם פאָרשלאָג.

דאָס איז געווען אַ מאָדנער, אויסערגעוועהנליכער געשפּרעך. דער אַלטער מיליאָנער, קענטיג זעהר אַ קלוגער און אַ גאַנץ-גע־בילדעטער, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, זיך געסטאַרעט ניט צו פאַרלירען קיין איין וואָרט פון דער היציגער רעדע פון'ם יונ־גענמאַנטשיק נאָך אַהן וואָנצעס — אַ היציגע רעדע ווי אַזוי צו ערלייזען זיינע ברידער אידען פון אָרימקייט, אומוויסענהייט און אבערגלויבען, און אין דערזעלבער צייט אויך פון דער קריסטלי־כער שנאה צו זיי.

איך האָב ניט געצעהלט די ווערטער און ניט מקפיד געווען אויף די אויסדרוקען. איך האָב געמאַכט פאַרוואורפען די אידישע רייכע לייט, ס'הייסט אויך ראָזענבערג'ען, אַז ווי נאָר זיי ווערען רייך פאַרגעסען זיי אָן זייערע ברידער. אָבער אפילו צוליב זייער אייגענעם אינטערעס האָבען זיי ניט באַדאַרפט זשאַלעווען קיין געלט אויף צו פאַרשפּרייטען בילדונג צווישען אידען און צו לער־נען די אידישע מאַססע פּראָדוקטיווע באַשעפטיגונגען.

אַזוי ווי מיר האָבען געוואוסט, אַז ראָזענבערג איילט זיך צו דער פאַרזאַמלונג, האָבען מיינע חברים אַפּאָר מאָל איבערגעשלאָ־גען מיין דרשה, און פאַרגעשלאָגען אַוועקצוגעהן. ראָזענבערג האָט זיי אָבער יעדען מאָל אָפּגעשטעלט און ערקלעהרט, אַז איהם איז זעהר אינטערעסאַנט פאַרטצוזעצען דעם שמועס.

צום שלום האָט דער דאָזיגער גביר, וועלכער האָט אַ פּנים באַזעסען אַ גאַנץ-פיהלענדע האַרץ, ערקלעהרט אונז, אַז ער וועט טאָן אַלעס אין זיינע כחות צו פאַרווירקליכען אונזער פּלאַן. ער האָט אויך פאַרשפּראָכען, אומאָפּהענגיג פון דעם באַשלוס פון דער חברה, אַריינצוגעבען עטליכע פון די פעהיגסטע קינדער אין אַ מיטעל-שוהל און אויסהאַלטען זיי אויף זיין רעכנונג. זעגענענדיג זיך מיט אונז, האָט ער אונז גאַנץ אויפריכטיג געדאַנקט פאַר אונ־זער שטרעבען צו העלפען אונזערע שוואַכערע ברידער, ווי אויך פאַר אָנווייזען איהם דעם בעסטען וועג ווי אַזוי צו זיין זיי נוצליך.

6.

דער סוף פון אונער פּלאַן צו רעפאָרמירען די תלמוד-תורה.

מיר האָבען זיך געשיידט מיט ראָזענבערג'ען, פאָלשטענדיג צופרידענע מיט'ן רעזולטאַט פון אונזער געשפּרעך. באַלד נאָכ־

דעם האָט מען אונז געלאָזט וויסען, אַז אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג — וועלכע, כ'וויל פאַרביינגעהענדיג באַמערקען, האָט עטליכע שטונדען צייט געוואַרט אויף ראָזענבערג'ן, ביז ער איז מיט אונז פאַרטיג געוואָרען, — האָט ראָזענבערג ענערגיש פאַרטיידיגט אונזער פאָרשלאַג, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט זעהר אַ גרויסע דעה, איז איהם געלונגען צו פועל'ן, די חברה זאָל אויף זיך נעהמען אַלע הוצאות, וואָס האָבען זיך געפאָדערט אויף צו פאַרווירקליכען אונזער פּלאַן. זיי האָבען טאַקע גלייך אויפ'ן אָרט ערוועהלט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך שוין נעהמען צו דער אַרבייט.

איהר קענט זיך שוין אליין פאָרשטעלען, ווי מיר האָבען געטאַנצט פאַר שמחה: מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז באַלד, אין דער ניט גאָר ווייטער צוקונפט, וועט פון די פעהיגסטע תלמידים אונזערע ארויסקומען ווער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסע מענשען, אפשר אַזעלכע גאונים, ווי שפינאָזאַ און לאַסאַל. (מאַרקס' נאָמען איז נאָך אונז דאַן געווען אומבאַוואוסט). מיר האָבען געהאָפט, אַז דער נאָמען פון דער קיעווער תלמוד-תורה וועט שנעל באַוואוסט ווערען און זי וועט דינען אַלס ביישפיל פאַר אַנדערע שטעדט פון אידישען „תחום“. אַזוי האָבען מיר גע'חלומ'ט. אָבער, וועה! אונזער פרייד האָט ניט לאַנג געדויערט.

די אויבענבאַשריבענע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען ווינטער פון יאָהר 1872—73. אין פריהלינג האָבען זיך געזאָלט עפענען די פאַך-ווערקשטאַטען אַלס אַן אָפּטיילונג פון דער תלמוד-תורה.

איינמאָל, אין אַ שעהנעם זוניגען טאָג, האָט אַ פיין-געקליידעטער מיטעל-יעהריגער הערר געשפּאַצירט אין דער פאַרוואָרפענער טייל פון שטאָדט, וואו די אידען האָבען געוואוינט, און האָט פון ווייטען דערהערט הויכע קינדערשע שטימען. ער איז פאַראינטערעסירט געוואָרען, און איז אַוועק צו דער דאָזיגער הויז, פון וואַנען די קולות זיינען געקומען. דאָרט האָט ער געפונען אַ פּאָר חדרים מיט קינדער, וואָס זיינען געזעסען מיט ביכלאַך און געלערענט. דער אויפזעהער האָט איהם ערקלעהרט, וואָס אַזוינס די תלמוד-תורה איז, און אַז די קלאַסען פאַר די גוי'אישקע תורות ווערען געפיהרט פון פריוואַליגע לעהרער-סטודענטען און גימנאַזיסטען.

דער „פיינער“ הערר האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַראינטערעסירט און געבעטען דעם אויפזעהער צו באַווייזען איהם די גאַנצע

אינסטיטוציע. דער ריידעוודיגער אידעל, א צופרידענער פון דעם, וואָס אזא וויכטיגער קריסט, אפנים, שענקט אזוי פיל אויפמערקזאמקייט דער תלמוד תורה, האָט מיט פארגעניגען איהם אלעס באוויזען. דער באזוכער האָט איהם אויסגעפרעגט א סך זאכען, און דער אויפזעהער האָט איהם אלץ געענטפערט. דער אויפזעהער האָט איהם אויך דערנאָך דערצעהלט וועגען דער נייער רעפאָרמע, די ווערקשטאטען, וואָס זיי געהען אין גיכען איינפיהרען אין דער תלמוד תורה. דער נייגעריגער הער האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו אלעס, פארצייכענט עפעס נאָטיצען אין זיין ביכעלע, און איז אוועק.

ווען דער אויפזעהער האָט אונז אין אָוועגט דערצעהלט וועגען דעם באזוכער, האָבען מיר באשלאָסען, אז דאָס איז מסתמא עפעס א רעפאָרטער פון א צייטונג. אָבער באלד נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דאָס איז גאָר געווען דער ניי־אָנגעשטעלטער אינספעקטאָר פון פאָלקס־שולען, וועלכער האָט צופעליג זיך אָנגעשטויסען אויף א פאָלשטענדיג־איינגעאָרדענטער שול מיט א סך קלאסען. קיין ערלויבניש האָט זי, פארשטעהט זיך, ניט געהאט, און דאָס אליין איז שוין געווען א שווערער פארברעכען.

איז געקומען א צרה: מ'האָט באשטימט א שטרענגע אויספאָרשונג. די פאראנטוואָרטליכקייט איז געפאלען אויף די גבירים, די הויפט בעלי־בתים פון דער תלמוד־תורה. מ'האָט אויך אויסגעפרעגט די פאמיליען פון די פרייוויליגע לעהרער. איז געוואָרען א פאניק. האָבען די גבירים זיך שנעל גענומען שמירען רעכטס און לינקס, און דער גאנצער עסק איז דערשטיקט געוואָרען. אָבער די תלמוד־תורה האָט זיך געמוזט צושליסען, און די אומגליקליכע יתומים'לאך האָבען זיך צושפרייט אין אלע זייטען.

אָט אויף אזא טרויעריגען אופן האָט זיך געענדיגט אונזער אונטערנעהמונג, וועלכע וואָלט זיך מיט דער צייט זיכער ארויסגעוויזען פאר זעהר ניצליך. נאָך עד היום געדענק איך איינגע קינדער, וועלכע האָבען ארויסגעוויזען באזונדערע פעהיגקייטען. זיי זיינען מסתמא פארלאָרען געגאנגען צווישען די שרעקליך אָרימע אידישע מאסען. עס פרעגט זיך: וועמען, גוואלד, וואָלט עס געשאדט, ווען מיר וואָלטען פארווירקליכט אונזער פלאן צו רעפאָרמירען די אידישע תלמוד־תורה?

⁂

איך האָב זיך ברייטער אָפגעשטעלט אויף אָט דעם פאל, ווייל ער האָט געשפילט א באדייטענדע ראָלע אין מיין לעבען:

טיילוויז האָט ער מיר געעפענט די אויגען אויף די פּאַראַנדקעס, וואָס האָבען געהערשט ביי אונז אין לאַנד. איך בין געווען אַזוי פאַרביטערט פון דעם, וואָס מ'האָט פאַרמאַכט די תּלמוד־תּורה און מיין פּלאַן איז צושטערט געוואָרען, דאָס איך בין די ערשטע צייט ארייננעפאַלען אין פאַלשטענדיגער פאַרצווייפלונג.

איך גרינד אַ שפּאַר־לייה קאַסע צווישען מיינע חברים־לערער.

זעהר פריה האָט אין מיר ערוואַכט דער באַגעהר צו געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, די שטרעבונג צו ברענגען נוצען די אונטערדריקטע. כ'וואָלט געקענט ברענגען אַ סך אילוסטראַציעס אויף דעם. כ'וועל זיך אָבער באַנוגענען בלויז מיט נאָך איינער.

באַלד נאָך דעם אקאַרשט־דערמאָנטען פאַל מיט דער תּלמוד תּורה, איז מיר אין די הענט אריינגעפאַלען אַ סטאַטוט־ביכעל פון עפּעס אַ שפּאַר־לייה געזעלשאַפט. איבערלעזענדיג עס, האָב איך באַשלאָסען צו גרינדען אַן עהנליכע געזעלשאַפט ביי אונז, גימנאַזיסטען און סטודענטען, וואָס האָבען זיך באַשעפטיגט מיט לעהרעריי, און פלעגען גאַנץ אָפט ליידען שרעקליכע דחקות, ווייל די דאָזיגע פּרנסה איז געווען ניט קיין באַשטענדיגע.

האָב איך צונויפגערופען מיינע באַקאַנטע לעהרער און פאָרגעלעגט זיי מיין פּלאַן — מיר זאָלען אָפּשפּאָרען געלט און שאַפען אַ געמיינשאַפטליכען פאָנד אויף צו שטיצען די נויטבאַדערפטיגע לעהרער אונזערע. יעדער לעהרער איז מחויב איינצוצאָהלען אין דער קאַסע אַ געוויסען טייל פונ'ם איינקונפט פון זיינע אורעקען. קיין לעהרער טאָר ניט אָננעהמען מעהר ווי אַ באַשטימטע צאָהל אוראָקען; די איבעריגע דאַרף ער אָפּגעבען די יעניגע לעהרער וואָס נויטיגען זיך אין דעם א. אז. וו.

איך וויל זיך ניט אריינלאָזען אין ווייטערדיגע איינצעלהייטען וועגען דעם. כ'וועל בלויז באַמערקען, אַז דער פּלאַן איז גאַנץ גיך פאַרווירקליכט געוואָרען און אַלעס האָט זיך איינגעאָרדענט אויסגעצייכענט. אָבער אין אַ יאָהר ארום האָבען מיר, צוליב פּאָליטישע אורזאַכען, וועלכע איך וועל שפּעטער דערצעהלען, געמוזט אויפגעבען די גאַנצע אונטערנעהמונג.

פּאָליטיש בין איך נאָך אַ ליבעראַל.

לויט מיינע פּאָליטישע אנשויאונגען און שטרעבונגען בין איך דאַן געווען ניט מעהר ווי אַ ליבעראַל, כאָטש איינינע מיינע באַקענטע, — פּאַוועל אַקסעלראָד, סעמיאָן לוריע און אַנדערע, — זיינען שוין געוואָרען רעוואָלוציאָנערען. טיילוויז אונטער'ן איינ־

פלוס פון די באריכטען, וואס די צייטונגען האבען איבערגענעבען וועגען ניעטשאיעוו'ס פראצעס, בין איך געווארען אן איבערצייג־טער געגנער פון יעדען סארט גוואלט־טעטיגקייט. די פארשווע־רונגען און באטרוגען, וואס זיינען ארויסגעבראכט געווארען אויפ'ן געריכט, און איבערהויפט וואס ניעטשאיעוו האט אויף א נידערטרעכטיגען אופן ערמארדעט זיין גאנץ אונשולדיגען חבר, דעם סטודענט איוואנאוו — דאס אלעס האט געהאט א באדויי־מענדע ווירקונג אויף מיין נעגאטיווער באציהונג צו דער רעוואָ־לוציאנערער קאמפס־מעטאדע. צוליב דעם, גלויב איך, איז מיר אויסגעקומען צו קריגען זיך מיט פ. אקסעלראד'ן, וועלכער איז געווען א סך עלטער פון מיר: דאן בין איך נאך קיין אכ־צעהן יאהר ניט געווען, און ער איז שוין געווען צוויי־דריי און צוואנציג יאהר אלט.

אזוי ווי איך האב שוין דא דערמאנט זיין נאמען, מוז איך זאגען עטליכע ווערטער וועגען אט דעם יונגען נאבעלען רעוואָ־לוציאנער, וואָרים ער האט דאן געשפילט א גרויסע ראלע ביי א געוויסען טייל פון דער קיעווער פארטגעשריטענער אינטעליגענץ.

דער רוהם וועגען איהם האט זיך פארשפרייט ווייט. ווען ער איז נאך געווען אין די לעצטע קלאסען פון מאהליווער גימ־נאזיע, האבען מיר זיך שוין אין קיעוו דערוואוסט וועגען דעם אויסערגעוועהנליך גייסטיג־אנטוויקעלטען, ערהאבענעם, מענשען־ליבענדען פאוועל אקסעלראד. ווען ער האט געענדיגט גימנאזיע און איז געקומען קיין קיעוו, האט ער גלייך געקראגען דעם גאנ־צען איינפלוס אויף די מעהר אנטוויקעלטע יונגע לייט פון אונ־זער קרייז. קיין צו־שטארק באלעזענער איז ער דאן ניט געווען; פארקעהרט, פאר זיינע יאהרען האט ער קיין סך ניט געוואוסט. אבער א דאנק זיין נאטירליכען געבארענעם שכל און די נייגונג צו פרעדיגען און פאפולאריזירען די געדאנקען, וואס ער האט געבאפט אין דער לופטען, האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון אן אוי־סערגעוועהנליכען מענשען.

אין פאליטישע, אזוי גוט ווי אין טאג־טעגליכע פראגען, איז ער דאן געווען גענייגט צו די סאמע ראדיקאלסטע אנזיכטען. ווינטער אין יאהר 1872—73, ווען די רעוואלוציאנערע באווע־גונג האט זיך אנגעפאנגען גלייכצייטיג אין פילע שטעדט, איז פ. אקסעלראד געווען איינער פון די ערשטע אינטעליגענטען אין קיעוו, וואס זיינען צוגעשטאנען צו דער באוועגונג. אויף מיר האט ער געקוקט פון אויבען אראפ, ווי אויף א נעבעכדיגען ליבע־

ראל. מיר האבען אויפגעהערט צו טרעפען זיך. איבער א יאהר שפעטער (אין הערבסט 1874) האט ער עמיגרירט נאך אויסלאנד. אלס גלייכע געזינונגס־גענאסען האבען מיר זיך ווידער באגעגענט ערשט אין יאהר 1878, אין זשענעווע. אבער דא בין איך שוין פארלאפען ווייט פאראוים.

.7

כ׳דערזעה די נוצלאזיגקייט פון ליבעראלער טעטיגקייט.

געשטרעבט האב איך נאכ׳ן ענדיגען גימנאזיע צו שטודירען מעדיצין, אום אלס דאקטאר צו דינען די סאמע נויטוועגדיגסטע, ארימסטע מאסע פון דער באפעלקערונג, פונקט ווי דאס האט געטאן דער דאמאלסט העכסט־פאפולערער דאקטאר פארטוגאלאוו.

אבער די בייזע, ביטערע ווירקליכקייט האט מיר באלד איבערצייגט, מיר, פונקט ווי פילע אנדערע יונגעלייט מיט גוטע, פרומע אביזיכטען, אז אונטער די הערשענדע פאראנדקעס איז אונמעגליך אנצופיהרען א ברייטע ארבייט פאר די אונטערדריקטע, נויטליידענדע, און דערביי בלייבען אן אנשטענדיגער, ארענטליכער מענש, וועלכער גיט זיך אפ א רעכנונג אין דעם, וואס דינגעלט איהם ארום. במעט יעדער רעוואלוציאנער אין יענע צייט האט אנגעפאנגען זיין געזעלשאפטליכע טעטיגקייט אויף עפעס א געזעצליבען אופן צו ברייננען נוץ די ארימע ליידענדע. אבער יעדער איינער פון זיי האט זיך גיך ארומגעזעהן, אז ס׳איז אונמעגליך אנצוגעהן מיט אזא סארט ארבייט, ווארים מ׳ווערט אויף טריט און שריט געשטערט, און אפט זאגאר פארפאלגט פון פארשיידענע סארטען רעגירונגס־פארטרעטער. ניט אכטענדיג אויף דער שטרענגער צענזור, פלעגען זיך דאן אין דער ליטעראטור פון צייט צו צייט באווייזען ווערק, וואס האבען געמאלען, ווי אזוי א סך ארענטליכע מענשען מאטערען זיך נעבאך אומזיסט צו פארטיידיגען די אומגערעכט־בארויבטע, פארפאלגטע. איך, צום ביישפיל, געדענק נאך עד היום דעם שטארקען איינדרוק, וואס ס׳האט אויף מיר און מיינע חברים געמאכט דער ביכעל „זיילען", וועלכער איז דאן ארויס. אין דעם ביכעל איז איבערגעגעבען געווארען א געריכטס־פראצעס, וועלכער האט אויפגעדעקט אומגלויבליכע נידערטרעכטיגקייטען און רציחות, און די פאלשטענדיגע מאכטלאזיגקייט פון די, וואס האבען געוואלט באשיצען די בא׳עולה׳טע.

פונדעסטוועגען האָב איך זיך ניט אזוי גיך אונטערגעגעבען. ערשט נאָך א באַדייטענדען אינערליכען קאַמף האָב איך באַשלאָסען צו שיידען זיך מיט מיינע מעסיג־ליבעראַלע אַנזיכטען און פּרידליכע פּלענער וועגען צוקונפט. דאָס איז געשעהן ערשט נאָך א גאַנצע רייהע אומשטענדען.

כ'בּאַקען זיך מיט'ן דאָרף און דעם לעבען פון'ם פויער.

ביז איך בין אַלט געוואָרען אַכצעהן יאָהר איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען אַרויסצופאָהרען פון קיעוו, און מיט'ן פויערשען לעבען בין איך באַקאַנט געווען בלויז פון די עטליכע ווערק, וואָס האָבען דאַן עקזיסטירט. נאָר אין פריהלינג פון יאָהר 1874 האָב איך אויף קאַניקול (וואַקיישאָן) צייט געקראָגען אַן אורלאַס ביי א רייכען פריץ אין קיעווער גובערניע, און האָב צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם דאָרף.

דער דאָרף האָט אויף מיר געמאַכט א שווערען, טרויעריגען איינדרוק, כאָטש יענער דאָרף האָט זיך ניט פיל אונטערשיידעט פון אַנדערע. ער האָט זיך נאָך אפשר געפונען אין א בעסערען צושטאַנד ווי אַנדערע.

אין קיעוו האָב איך, פאַרשטעהט זיך, אויך געזעהן א סך אָרימע לייט, פאַרשיידענע סאָרטען שלעפער, בעטלער, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אז לגבי דער איבריגער באַפעלקערונג זיינען דאָס צופעליגע ערשיינונגען, — אומגליקליכע אויסנאַמען פון דער אַלגעמיינער מאַסע. דערצו, בין איך צו זיי צוגעוואוינט געוואָרען פון קליינווייז אויף און האָב, על פי טבע, זיך ניט פאַרטראַכט וועגען דעם קאָנטראַסט צווישען די פאַרשיידענע שיכטען פון דער באַפעלקערונג. א גאַנץ אַנדער ווירקונג האָט אָבער אויף מיר געהאַט דער לעבען פון די פויערים.

ערשטענס, האָב איך דערזעהן, אז די „ווייסע שטיבער מיט די קאַרשען־סעדער", ווי די אוקראַינער דיכטער האָבען זיי באַזונגען, זיינען נאָר טרויעריגע, אָרימע כאַלופּקעס. צווייטענס, בין איך איבערראַשט געוואָרען פון דעם, וואָס דער פויער האָרעוועט איבער די כחות אויפ'ן פעלד, אין שאַיער, אַרום הויז און ביי אַנדערע אַרבייט. דערצו האָב איך זיך דערוואוסט, אז דאָס ברענגט איהם אַריין אַזא נישטיגען געצאָהלט, דאָס ער איז געצוואונגען דעם גאַנצען אָסיען און ווינטער צו אַרבייטען 14—16 שטונדען א מעת־לעת, אום אויסצוצאָהלען די עטליכע רובעל (אַן ערך פון 15—18) אויף צינזען און דורכלעבען זיך ביז'ן קומענדען שניט. איך האָב דערזעהן, אז א חוץ לייוואַנטענע העמדער און הויזען, און א פּראָס־

טען זאַנטעל פון אייגענע האַנט־אַרבייט, איז ביי אַט די איי־ביגע זאַרעפּאַשניקעס קיין אַנדער בגד ניט געווען. און פּונקט ווי די קליידער, איז אויך זייער שפּייז געווען אַן אָרימע, אַ פּראָס־טע, ווי אויך דאָס אינוועניגסטע פון זייערע הייזלאַך — הווילע פּאַלאַטקעס מיט אָניטשעס אַנשטאָט בעטן מיט בעטגעוואַנט.

דאָס אַלעס איז פאַר מיר געווען ניי, און האָט דעריבער גע־מאַכט אַ שווערען איינדרוק. נאָך שווערער איז דער איינדרוק געוואָרען, ווען איך האָב דערביי, אין שכנות מיט אָט דעם אָרימען קאַטאָרזשנעם לעבען פונ׳ם פויער, געזעהן דעם לוקסוס־לעבען פון דעם זאַטען, אָבגעפרעסענעם פּוסטעפּאַסניק, אונזער פּריץ און זיין הויז־געזינד, ווי אויך מיין אייגענם אַרט לעבען.

ביים וועניג באַלעזענעם און איינדרוקספולען יונגענמאַנ־טשיק, ווי איך בין דאַן געווען, זיינען צום ערשטען מאָל אַרויפ־געשוואומען די פראַגען: אויף וועלכען אופן איז פאָרגעקומען אָט דער קאָנטראַסט, און וואָרום זיינען די אומגליקליכע האָרע־פּאַשניקעס צופרידען מיט זייער שווערען, ביטערען שיקזאַל? און וואָס דאַרף מען טאָן צו באַזייטיגען עס?

ווי נאָר די דאָזיגע פראַגען האָבען מיר גענומען באַאומרו־היגען, האָט שוין מיין מח געאַרבייט עקשנות׳דיג זוייטער אין דער זעלביגער ריכטונג. לעדיגע צייט האָב איך געהאַט גענוג, וואָרים איך האָב ניט פיל געהאַט צו לערנען מיט מיין תלמיד. האָב איך געהאַלטען אַלץ אין טראַכטען וועגען די דערמאָנטע פראַגען.

אַוועקפאָהרענדיג אין דאָרף, האָב איך מיטגענומען אייניגע ביכער. צווישען זיי, געדענק איך, זיינען אויך געווען די דאַ־מאָלסט־פּאָפּולערע ווערק פון לאַסאַל, באָקל׳ס „געשיכטע פון ציי־וויליזאַציע״, פלעראָווסקי׳ס „די לאַגע פון אַרבייטער קלאַס״, און אַנדערע.

אייניגע פון אָט די ביכער האָב איך שוין פריהער געלע־זען. איצט אָבער האָבען זיי אויף מיר געמאַכט אַ גאַנץ נייעם איינדרוק. איך האָב אין זיי איצט געשעפּט אַזעלכע געדאַנקען, וואָס איך האָב דאָרט פריהער ניט באַמערקט. דאָ, פּאַרבייגעהענ־דיג, איז נויטיג צו דערמאָנען וועגען מירטאָוו׳ס (לאַווראָוו׳ס) באַ־ריהמטע „היסטאָרישע בריף״, און אויך וועגען נ. מיכאַילאָווסקי׳ס אַרטיקלען, וואָס האָבען זיך געדרוקט אין די „אָטעטשעסטווענניע זאַמיעטקי״, וואָרים אַ סך „קענער״ פון אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דערצעהלען וועגען עפּעס אַן אומגעהויערען איינפלוס,

וואָס אַט די צוויי שרייבער האָבען געהאַט אויף דער רעוואָלו־ציאָנערער יוגענט אין אָנפאַנג פון די 70־גער יאָהרען. אין דער ווירקליכקייט איז עס אָבער גאָר ניט געווען אַזוי. די דאָזיגע „בריף" האָבען קיין רעוואָלוציאָנערען איינפלוס אויף אונז ניט געהאַט, כאָטש, אמת, זיי האָבען באַשטעטיגט אַ סך פון אונ־זערע שטרעבונגען צו ברייגנען נוצען די אָרימע, ליידענדע.

וואָס אַמבאַלאַנגט נ. מיכאַילאָווסקי'ן, איז ער ניט בלויז ניט געווען „דער הערשער פון אונזערע געדאַנקען", גאָר אַ סך, און איך אויך צווישען זיי, זיינען אין יענע יאָהרען גאָר ניט געווען באַקאַנט מיט זיינע אַרטיקלען, און איינינע האָבען אַפילו ניט געוואוסט זיין נאָמען, דענקענדיג, אַז דאָס איז דער פּאָעט מיר־כאַלאָווסקי.

אַ גאַנץ אַנדער ווירקונג האָבען דאַן געהאַט פון איין זייט לאַסאַל'ס און פון אַנדער זייט פלעראָווסקי'ס ווערק. און דאָך האָבען קיינע פון די דערמאָנטע ווערק, און אויך קיין אַנדערע, ניט געלייזט אונז, רוסען, די פראַגע: וואָס זאָלען מירטאָן? ווי אַזוי ראַטעוועט מען דעם רוסישען פאָלק פון זיין טרויעריגער, דחקות'דיגער לאַגע?

ניט מירטאָוו'ס „בריף", ניט פלעראָווסקי'ס ווערק און נאָך וועניגער מיכאַילאָווסקי'ס אַרטיקלען, האָבען אויף די דאָזיגע פראַ־גען געגעבען אַן ענטפער. אַן אַנטשיידענע ווירקונג האָבען אָבער אַמאָל געהאַט איינצעלנע, אָפט גאַנץ אומבאַדייטענדע צופאַלען און אומשטענדען. אַזאַ פאַל איז פאַר מיר געווען פאָלגענדע פאַסירונג, וועלכע איך האָב בייגעוואוינט יענעם זומער אין דאָרף.

8.

אַ געוועהנליכע פאַסירונגעל וואָס האָט אַן אומגעוועהנליכע ווירקונג.

איינמאָל, אין שניט־צייט, האָט מען מיר געלאָזט וויסען, אַז מאָרגען פריה וועט קומען אַ וואָלאָסטנאָיער באַאַמטער און וועט איבערגעבען די פויערים עפּעס אַ וויכטיגען באַפעהל פון דער רעגירונג.

אַזוי ווי איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אויף אַ דאָרפס־פאַרזאַמלונג, האָב איך באַשלאָסען אַ קוק טאָן וואָס אַזוינס דאָס איז. אין דער פריה האָב איך זיך, ווי געוועהנליך, אָנגעגעסען

צו־זאַט מיט אַלערליי געשמאַקע מאכלים און צוזאַמען מיט'ן פּריץ'ס עלטערן זוהן אַוועק צום הויז פון דער דאָרפס־פאַר־וואַלטונג.

דאָרט איז שוין געווען פאַרזאַמעלט אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג פון דאָרף. די פּויערים האָבען שוין אַ צייט גע־וואַרט אויפ'ן באַאַמטען. איין שעה נאָך דער אַנדערער איז אַריבער, און ער איז נאָך אַלץ ניט געקומען. עס איז געווען די ברענענדסטע שניט־צייט, ווען עס איז אַ גרויסע ריזיקע צו פאַרלירען אַ פּרוקענעם זונען־טאָג. האָט אימיצער אויסגעדריקט אומגעדולד און אומצופרידענהייט מיט דעם, וואָס דער באַאַמטער קומט ניט. דאָך האָט קיינער ניט געוואַגט אַוועקצוגעהן. האָבען זיי זיך צולעגט גרופּענווייז אין שאָטען און גענומען דערצעהלען פאַרשיידענע נאַרישע מעשיות וועגען שדים און עהנליכעס.

דאָ האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צוצוקוקען זיך, ווי נאַריש און אַבערגלויביש אַזעלכע דערוואַקסענע מענשען זיינען.

מיטאָג־צייט האָבען די פּויערים אַרויסגעשלעפּט שטיקער ברויט מיט זאַלץ פון די קעשענעס און פון דעם איז באַשטאַנען דער גאַנצער מאָלצייט זייערער. איך מיט מיין חבר זיינען אַוועק אַהיים און ווידער געגעסען עטליכע געשמאַקע געריכטען. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען איז דער באַאַמטער נאָך אַלץ ניט גע־ווען. ערשט פאַרנאַכט האָט זיך פון ווייטענס באַוויזען אַ שעהנע פוהר מיט אַ פּאָר לעבעדיגע פערדלאַך. די פּויערים האָבען זיך גלייך אויפגעהויבען און האָבען אַלע אַרונטערגענומען די היטלען, און גענומען זיך נידעריג פאַרנויגען, ווען פון פוהר איז אַרויס דער באַאַמטער, אַ מיטעל־יעהריגער מאַן, אין אַ שעהנעם זומער־דיגען אַנצוג, מיט אַ גראָבע גאָלדענע קעיט אויפ'ן זשילעטקע און גאָלדענע רינגעלאַך אויף עטליכע פינגער.

צוקוקענדיג דאָס אַלעס, בין איך ערשטוינט געוואָרען, און ס'האָט מיר שרעקליך אויפגעבראכט: ער האָט זיך אפילו ניט אנטשולדיגט פאַר'ן קומען שפּעט. ער האָט גלייך גענומען ער־קלעהרען, אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַראָרדנונג, דאָס יעדע דאָרפס־קהלה האָט דאָס רעכט אויף איהר אייגענעם רעכענונג אַרויס־צושיקען אין סיביר די ניט־געווינשטע מיטגלידער איהרע.

איבערלעזענדיג די פאַראָרדנונג, האָט דער באַאַמטער זיך געווענדט צו די פּויערים, זיי זאָלען אָנרופען די יעניגע איינ־וואוינער פון זייער דאָרף, וועמען זיי וואָלטען וועלען אַרויס־שיקען.

דער נאָמען סיביר האָט אין יענע צייטען ארויפגעוואָרפען א שרעק אויף יעדען איינעם. די פויערים האָבען געשוויגען. דער באַאַמטער איז אָבער צוגעשטאַנען, זיי זאָלען אָנרופען די יעניגע, וועמען זיי ווילען ארויסשיקען. האָט זיך איין פויער אָפּגערופען, אַז ביי זיי אין דאָרף איז גאָר נישטאָ אַזעלכע פאַרזינדיגטע מענשען, וועלכע מ׳זאָל דארפען פארשיקען קיין סיביר, און דערצו נאָך אויפ׳ן דאָרף׳ס חשבון.

— וואָס הייסט נישטאָ אַזוינע? — האָט דער באַאַמטער געגומען שרייען. — און איוואַן רודי! ער איז דאָך שוין ניט איינמאָל געזעסען אין טורמע פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט. און סטעפּאַן פעדטשענקאָ, וועלכער ברענגט קיינמאָל אין צייט ניט זיינע צינזען!

אַזוינע „שעדליכע מענשען" האָט ער אָנגערופען נאָך עטליכע.

— ס׳איז אמת! — האָבען צוגעבאַמקעט איינינע, וועלכע, ווי איך האָב דערנאָך אויסגעפונען, זיינען געווען פערזענליכע שונאים פון אָט די פויערים, וואָס דער באַאַמטער האָט אויסגערעכענט אויף ארויסצושיקען קיין סיביר.

— נו, איז גוט! — האָט זיך דער באַאַמטער דערפרעהט, — וועל איך אויפשרייבען א באשולדיגונגס-אַקט, אַז די גאַנצע דאָרפס-קהלה אייערע דריקט אויס דעם וואונש, מ׳זאָל די דאָזיגע זינדיגע מיטגלידער איהרע אַוועקשיקען אין סיביר.

— איינשטימיג! איהר מעגט! — האָבען ווידערהאָלט וואהרשיינליך דיזעלבע עטליכע שטימען, אָבער דאָס רוב פויערים האָבען געשוויגען, ווייל זיי האָבען ענטוועדער מורא געהאַט אָדער זיי זיינען געווען גלייכגילטיג, צי אפשר ווייל זיי זיינען געווען מיד און שוין געוואָלט געהן גיכער אהיים אָפּרוהען, וואָרים זיי האָבען באַדאַרפט אויפשטעהן מאָרגען פאַרטאָג צו דער ארבייט.

דאָ האָט זיך אָבער אָנגעפאַנגען א סצענע, וועלכע מיין פעדער איז ניט אימשטאַנד צו באשרייבען. די אויסגערעכענטע פויערים האָבען ערשט איצט, ווי מ׳זאָגט, זיך אויפגעטשוכעט און דערזעהן, וואָס פאַר א געפאַהר זיי שטעהט פאָר: גלאַט פאַר אומזיסט און אומנישט אָפּגעריסען צו ווערען פון זייער געבורטס-אָרט, פון זייער ליבלינגס-דאָרף, וואו זיי, און זייערע עלטערען און עלטער-עלטערען, האָבען פארבראַכט דעם גאַנצען

לעבען. האבען זיי גענומען שרייען, וויינען און קלאגען אויפ׳ן קול.

— פאר וואס ווילט איהר אונז אומברענגען?! ראטעוועט אונז! — האבען זיי זיך מיט געבעט און געוויין געווענדט צו די עלטערע, מעהר בכבוד׳ע פויערים, וואס האבען געהאט מעהר איינפלוס אין דארף.

איך געדענק ניט, וואס די עלטערע פויערים האבען געענטפערט. כ׳געדענק נאר, אז די דאזיגע סצענע האט אויף מיר געמאכט אן אומגעהויערען רושם. אבער אזוי ווי ס׳איז שוין געווען פינסטער און מיין באגלייטער, דעם פריץ׳ס זוהן, האט מיר געאיילט אהיים, האבען מיר די פארזאמלונג פארלאזען איידער זי האט זיך געענדיגט.

אויפ׳ן וועג אהיים האט מיר מיין באגלייטער דערצעהלט, אז דער דאזיגער באאמטער, וועלכער האט די פולע שוץ פון די העכערע באאמטע איבער איהם, שינדט שרעקליך די הויט פון אלע פויערים אין זיין וואלאסט, און זיי ציטערען פאר איהם ווי פאר פייער. דאס, וואס ער האט איצט געוואלט ניט אנדערש ארויסשיקען די עטליכע פויערים פון דארף, האט ער געטאן צוליב צוויי אורזאכען: ערשטענס, האט ער זיך געוואלט אויספיינען פאר נאטשאלסטווא, אז ער שלאפט ניט אין היטעל און טוט עפעס אויף, און צווייטענס, וועט עס איהם מאכע ארייןטראגען א גוטע מטבעה.

דערצעהלט האט ער עס מיר מיט א גאנץ רוהיגען טאן, אזוי ווי דאס איז א געוועהנליכע, נאטירליכע זאך, פון וואס ער ווערט ניט איבערראשט און ניט אויפגעבראכט. ביי מיר א׳ן די אויערען אבער האבען נאך אלץ געקלונגען די קולות און דער געוויין פון די אומגליקליכע, וועלכע ווערען ארויסגעשליידערט צו אזא שרעקליכען שיקזאל בלויז דערפאר, ווייל אזוי האט זיך פארוואלט דעם וואלאסטנאיעם שרייבערל.

דא וויל איך באמערקען, אז מיט א יאהר עלף שפעטער, אויפ׳ן וועג אין דער קאטארזשנער טורמע פון קארע, איז מיר אויסקומען צו באגעגענען א סך אזעלכע אומגליקליכע ארויסגעשיקטע קיין סיביר, און איך האב זיך גענוג אנגעזעהן די שרעקליכע צרות און באליידיגונגען, וואס זיי שטעהען זיך אויס. זיי ווערען באהאנדעלט ווי די ערגסטע אין דער „אונטערוועלט“, כאטש לויט׳ן געזעץ האבען זיי זייערע רעכט ניט פארלארען.

אויף מאָרגען פריה, ווען איך בין נאָך געלעגען אין בעט, האָב איך דערהערט אַ טומעל, געוויין, קולות, קרעכצען. דאָס זיינען די אומגליקליכע געקומען צום פריץ בעטען רחמים, ער זאָל זיך פאַר זיי אָננעהמען און זעהן פאַר זיי פועל'ן עפּעס ביים וואָלאָסטנאָיעם שרייבער, וועלכער איז פאַרבליבען נעכטינגען אין דאָרף, אום אויף מאָרגען פאַרענדיגען אַלע פאָרמאַליטעטען ווע־גען אָט דעם ענין. זיי האָבען זיך אויך געווענדט צום גלח, אָבער זיי האָבען גאָר נים גע'פועל'ט.

איך געדענק נים דעם סוף. כ'וויים אָבער, אַז אויף מיר האָט די דאָזיגע פּאַסירונג געהאַט אַן אַנטשיידענע ווירקונג אין מיין לעבען.

צום ערשטען מאָל האָב איך דאַן דערזעהן, בולט, שניידענד־קלאָר דערזעהן, אין וואָס פאַר אַ שרעקליכע באַדינגונגען עס לעבט דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָרעוועט איבער די כחות און האַלטען אוים אַ הייפעלע פּוסטעפּאַסניקעס, גנבים, פּראָצענטניקעס. דאַן האָב איך ערשט באַגריפען, אַז די אַלע שטרעבונגען פון דער פּאָרטנעשריטענער טייל פון דער געזעל־שאַפט צו העלפען די עקספּלואַטירטע קלאַסען קענען, אין בעס־טען פאַל, ביי די בעסטע אומשטענדען, דינען בלויז אַלס שוואַכע אומבאַדייטענדע פאַרלייכטערונגס־מיטלען, וואָס זיינען נים אימ־שטאַנד אפילו אויף אַ האָר צו ענדערען די עקזיסטירענדע אָרד־נונג, וועלכע איז פול מיט הימעל־שרייענדע אומגערעכטיגקייטען.

כמעט אין דערזעלבער צייט איז אין פּעטערבורג פאָרגע־קומען דער משפט פון די דאָלגושינצעס. די באַריכטען פלעגען געדרוקט ווערען אין די צייטונגען, און איך האָב זיי נאָכגעפאָלגט מיט גרוים אויפמערקזאַמקייט.

אָט דער פּאָליטישער פּראָצעס האָט אויף מיר געמאַכט גאָר אַן אַנדער איינדרוק, ווי דער פּראָצעס פון די ניעטשאַיעוו־צעס, צו וועלכען איך האָב קיין שום סימפּאַטיע נים געהאַט. די מעטאָדען פון די דאָלגושינצעס האָבען, פאַרקערט, פאָל־שטענדיג געשטימט מיט מיינע אַנזיכטען און נייגונגען. די דאָלגושינצעס, ווי באַקאַנט, זיינען געווען די ערשטע סאָציאַ־ליסטען אין אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע זיינען „אַוועק אין פאָלק", און האָבען דערפאַר באַצאָהלט מיט לאַנג־יאָהריגע קאַטאָרגע, וואו דאָס רוב פון זיי זיינען אומגעקומען.

צו דער דאָזיגער טעטיגקייט האָב איך זיך אויך גענומען נייגען. „וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם, וואָס מיט דער צייט

וועסטו ווערען אַן עהרליכער רופא? — האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע. — דאָס פאָלק, וואָס גיט אונז עסען און אַלע מעגליכקייטען פאַר בילדונג און אַלערליי באַקוועמליכקייטען, וועט פון דעם ניט אויפהערען צו ליידען. מ'מוז מאַכען אַ גרינדליכע איבערקעהרעניש אין דעם גאַנצען געבוי פון דער געזעלשאַפט און דער רעגירונג".

בלויז צוליב איין אומשטאַנד האָב איך זיך ערנסט פאַרטראַכט, איידער איך האָב אָנגענומען מיין ענדליכען באַשלוס: „וואָס וועט זיין מיט דער מאַמען, און אויך טיילווייז מיט מיינע שוועסטער, ווען איך וועל זיך אין גאַנצען איבערגעבען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף?" האָב איך זיך געפרעגט. שוין ניט ריידען וועגען דעם, וואָס מיין מוטער און שוועסטער וועלען פאַרלירען די ביסעל שטיצע וואָס איך פלעג זיי געבען דורך מיינע אורּאָקען, האָט מיין מוטער שטענדיג גע'חלום'ט, אַז איך זאָל ווערען אַ דאָקטאָר און פאַרלייכטערען איהר דעם לעבען אויף דער עלטער. וועט זי איצטער זיך מוזען שיידען מיט אָט דעם טרוים און זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז איך וועל זיך וואַלגערען אין טורמע, פוילען אויף קאַטאָרגע. וואָס פאַר אַ שרעקליכער קלאַפּ מיין באַשלוס וועט זיין פאַר מיין אָרימער מוטער!

איך האָב מיר אָפּט געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרלייכטערען דער מוטער'ס צושטאַנד, אָבער איך האָב גאָר ניט געקענט אויסטראַכטען. אין קאָפּ איז מיר אַלץ געקומען דער זעלבער געדאַנק, אַז איך בין ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וואָס פאַרשאַפט ליידען, שמערצען און אומגליק זיין מוטער און זיינע איבעריגע קרובים. ווען מ'זאָל זיך אָפּשטעלען ביי אַזעלכע זאַכען, וואָלט מען אין גאַנצען באַדאַרפט זיך אָנטזאַגען פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, ווייל כמעט יעדע באַשעפטיגונג איז, מעהר אָדער וועניגער, פאַרבונדען מיט ריזיקע, מיט געפאַהר צו ליידען און פאַרשאַפען שמערצען אונזערע נאָהענטע און געטרייע. דאַן וואָלט קיין שריט פאָרווערטס ניט מעגליך געווען. דערצו ליידט דאָך דאָס פאָלק ניט אין ערך מעהר, און אונזער פליכט איז צו קומען איהם צו הילף.

ענדליך האָב איך באַשלאָסען צו לאָזען עס געהן ווי ס'געהט, און אַזוי שנעל ווי איך בין צוריק געקומען אין קיעוו, בין איך גלייך אריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פאָהרענדיג פון דאָרף, האָב איך אויפ'ן וועג, אין דער אויעזדנער שטאָדט, צופעליג באַגעגענט אַ פעטערבורגער סטודענט, וועלכער איז

אהין געקומען אויף קאניקול־צייט און האָט מיט זיך מיטגע־בראַכט עטליכע אומלעגאַלע בראָשורען, צווישען וועלכע ס'האָבען זיך אויך געפונען באַקונין'ס און לאַוראָוו'ס אייניגע זאַכען. איך האָב זיך צו זיי אַ נעהם געטאָן מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז כ'האָב זיי כמעט אַלע דורכגעלעזען מיט איין מאָל. כ'געדענק וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען איך האָב געהאַט צו לעזען זיי, קוקען אויף זיי, אפילו נאָר האַלטען זיי אין האַנט. איך האָב געדענקט, אַז זיי זיינען ווערט ווער וויים וואָס פאַר אַ פּרייז, ווייל זיי זיינען דער בעסטער מיטעל צו באַפרייען די אונטערדריקטע מאַסען.

זייער אינהאַלט איז פאַר מיר, כדרך הטבע, ניט גאָר גוט קלאָר געווען: אַלעס, וואָס איך האָב געלעזען, איז מיר אויס־געקומען ריכטיג, צוגעפּאַסט צו מיינע געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך ביי מיר אויסגעאַרבייט פון זיך אַליין, נאָך דער דאָרפס־פאַרזאַמלונג און דעם פּראָצעס פון די דאָלגושינצעס. ניט בלויז האָב איך ניט געוואוסט מיט וועמען איך סימפּאַטיזיר — מיט די באַקוניסטען צי מיט די לאַוריסטען, — נאָר אפילו די פראַגע גופא האָט מיר דאַן ניט אָנגעריהרט. אַזוי פרעמד זיינען פאַר מיר געווען די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען, וואָס האָבען דאַן עקזיסטירט.

9.

צווישען לאַוראָוו'ן און באַקונינ'ען.

פאָהרענדיג צוריק פון דאָרף, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט מיט וואָס פאַר אַ פרייד איך וועל זיך איצט טרעפען מיט אַקסעלראָד'ן און די איבעריגע מיטגלידער פון זיין קרוזשאָק, וואָס זיינען שוין פריהער געוואָרען רעוואָלוציאָנערען.

„איצט בין איך אייערער! לאָמיר געהן צוזאַמען! לאָמיר אַרבייטען אויף איין פעלד", — אַזוינע פראַזען האָבען זיך אומ־געטראָגען ביי מיר אין קאָפּ, ווען איך בין געפאָהרען צו קיעוו צו.

דאָרט האָב איך אָבער געפונען אַ גאַנץ אַנדער לאַגע: מיין שוועסטער האָט מיר גלייך ביי די ערשטע ווערטער אָנגעזאָגט, אַז אין קיעוו זיינען ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטען: סעמיאָן לוריע און אַנדערע זיינען אַרעסטירט, אַקסעלראָד און עטליכע חברים איז געלונגען צו פאַרבאַהאַלטען זיך, און זיי זיינען אַנטלאָפען אין אויסלאַנד.

בין איך נאָכדעם אַוועק זיך זעהן מיט די מיטגלידער פון אונזער שפּאָר־לייה חברה, און האָב אויסגעפונען, אַז זי האָט זיך אויך צוגעמאַכט. צוליב די הויז־זוכונגען האָט מען מורא געהאַט טאָמער שטויסען זיך די זשאַנדאַרען אָן אויף זייערע געלט־באַריכטען און נעמען עס אָן פאַר אַ געהיימען פּאָליטישען קרוזשאָק, וואָרים קיין ערלויבניש פון דער רעגירונג האָט דאָך די חברה ניט געהאַט.

אַזוי ווי איך בין איצט געווען פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען און שטרעמונגען, האָב איך זיך גאַנץ גלייכגילטיג באַצויגען צו אָט דער נאָכריכט. די נייעס וועגען די אַרעסטען אין קיעוו איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער קלאַפּ: אַ חוץ אַקסעלראָד'ן און זיינע חברים האָב איך ניט געקענט קיין אַנדערע רעוואָלוציאָנערען, ביי וועמען איך זאָל קריגען אומלעגאַלע אויסגאַבען, אינפאָרמאַציע, עצות און עהנליכע זאַכען, וואָס זיינען אַזוי נויטיג די ערשטע צייט פאַר אַ „נאָוואָבראַניעץ" אין דער באַוועגונג.

אַ שטיק צייט האָב איך זיך געפיהלט איינזאַם, הילפלאָז. כ'האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, וואוהין צו ווענדען מיינע כחות. געהאָפט האָב איך, גלייך ווי איך וועל צוריקקומען אין קיעוו, אַריינצוואַרפען זיך אין דער פרוכטבאַרער טעטיגקייט צוזאַמען מיט ערפאַהרענע חברים רעוואָלוציאָנערען. און דאָ האָב איך נאָר פּלוצלונג געפונען אַ מדבר, וואו ס'האָבען אומגעוואַנדעלט טויט־דערשראָקענע מענשען, וועלכע האָבען קיין שום שייכות ניט מיט עפּעס פּאָליטישעס.

אַביסעל לייכטער איז מיר געוואָרען, ווען איך האָב זיך געטראָפען מיט אַ פריינד, מיינעם אַ שול־חבר, יאָסיף שטשעפּאַנסקי. צו מיין גרויס פרייד האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פּונקט ווי איך, איז ער אויך גאַנץ זעלבסטשטענדיג געקומען צו דעמזעלבען שלום וועגען די נוצלאָזיגקייט פון לעגאַלער טעטיגקייט, און ער האָט זיך גענומען נויגען צו רעוואָלוציאָנערע אַנשויאונגען.

מיר האָבען ביידע באַשלאָסען צו נעמען פּראָפּאַגאַנדירען אונזערע איבערצייגונגען צווישען די מעהר־אַנטוויקעלטע חברים אונזערע. מיר האָבען אויסגעקליבען עטליכע גימנאַזיסטען פון די לעצטע קלאַסען און איינגעלאַדען זיי צו מיר, און איך מיט שטשעפּאַנסקי'ן האָבען זיי ערקלערט אונזערע געדאַנקען.

קיין באַזונדער ענטוזיאַזם האָט אונזער פּראָפּאַגאַנדע ביי קיינעם פון זיי ניט אַרויסגערופען. זיי האָבען אפילו איינגעוויליגט צוזאַמענצוקומען זיך צו לעזען אומלעגאַלע ביכלאַך, אָבער נאָכ'ן צווייטען מאָל האָבען זיי אויפגעהערט צו קומען — איך

געדענק ניט צוליב וואָס פאַר אַן אורזאַכע. ערשט אין מאַנאַטען אַרום איז אימיצער פון די דאָזיגע גימנאַזיסטען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

באַלד נאָכדעם האָב איך פון סעמיאָן לוריע׳ס כלה (די איינ־ציגע וואָס איז פאַרבליבען פון אַקסעלראָד׳ס קרוזשאָק) זיך דער־וואוסט, אַז אין קיעוו געפינט זיך דער יונגער דאָקטאָר וולאַדימיר עממע, זעהר אַן אינטערעסאַנטער, העכסט־געבילדעטער און גאַנץ ערפאַהרענער סאָציאַליסט. ביי איהם האָט מען אויך געמאַכט אַ הויז־זוכונג, אָבער אַזוי ווי מ׳האָט קיין פאַרדעכטיגטע זאַכען ניט געפונען, האָט מען איהם בלויז געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

דורך דער הילף פון אָט דער מיידעל האָב איך, פאַרשטעהט זיך, באַלד זיך באַקענט מיט איהם.

דאָקטאָר עממע.

דאָקטאָר עממע איז ווירקליך געווען ווייט ניט קיין געוועהנלי־כער מענש. מיין באַקאַנטשאַפט מיט איהם האָט מיר זעהר פיל נוץ געבראַכט. ער איז ניט בלויז געווען פילזייטיג באַלעזען און האָט אויסגעצייכענט געוואוסט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, נאָר ער איז שוין אויך געווען אין אויסלאַנד און האָט געקענט פּערזענליך אַלע דאַמאָלסטדיגע באַריהמטע רעוואָלוציאָנערען, גע־וואוסט אַלע ריכטונגען, פאַרשיידענע פּאַסירונגען און עהנליכעס. ער האָט מיר מיט פאַרגעניגען אַלעס מיטגעטיילט, און איך האָב זיך דורשטיג צוגעהערט און ניט איינמאָל זיך פאַרזעסען ביי איהם ביז אין האַלבע נאַכט אריין.

פון איהם האָב איך זיך עס דערוואוסט וועגען די „לאַווריס־טען״ און „באַקוניסטען״, וועגען „טשאַיקאָווצעס״, „פּראָפּאַגאַנדיס־טען״, „בונטאַרען״ און פילע אַנדערע זאַכען, וואָס איך האָב פון די עטליכע בראָשורען ניט געקענט אויסגעפינען. דורך דאָקטאָר עממע האָב איך זיך אויך באַקענט מיט זיין זינונגס־גענאָסע ניקאָלאַי קאָלאָטקעוויטש, וועלכער איז נאָך דאַן געווען אַ סטודענט אין קיעווער אוניווערסיטעט און איז שפּעטער געוואָרען אַ באַ־ריהמטער נאַראָדאָוואָלעץ (ער איז אומגעקומען אין שליסעלבורגער פעסטונג). ביי איהם האָב איך אויך צום ערשטען מאָל באַגעגענט די ערשטע „אומלעגאַלע״ פּרווי, וואָס די פּאָליציי האָט געזוכט, די

באַריהמטע אננאַ ראָזענשטיין־מאַקאַרעוויטש,*) מיט וועמען איך האָב זיך שטאַרק באַפריינדעט שפּעטער אין אַ קרוזשאָק בונטאַרען אין דרום־רוסלאַנד. דורך איהם האָב איך אויך געקראָגען אַלע פאַר־וועהרטע ווערק, וואָס פלעגען קומען פון אויסלאַנד.

לויט זיינע איבערציינונגען איז עממע געווען אַ לאַוורויסט. באַ־קונינ'ס נאָכפאָלגער האָט ער ניט געליבט; ער פלעגט וועגען זיי דערצעהלען אַ סך אומסימפּאַטישע מעשיות, באַזונדערס פון דעם עמיגראַנטען־לעבען אין ציוריך, שווייצאַריען, וואו ער האָט עס אַליין צוגעזעהן. די דאָזיגע מעשיות זיינע האָבען געמאַכט זעהר אַ שווע־רען איינדרוק אויף מיר, אַ יונגענמאַנטשיק, וועלכער האָט דאַן פאַר־געטערט אַלע רעוואָלוציאָנערען.

אויף וויפיל איך בין דאַן געווען פעהיג אָפּצוגעבען זיך רעכנונג וועגען די ריכטונגען, וואָס האָבען ביי אונז געהערשט, איז מיר אויסגעקומען, אַז לויט מיין טעמפּעראַמענט און נייגונגען, דאַרף איך צושטעהן צו די לאַווריסטען. און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

ווי באַוואוסט, האָט לאַווראָוו געפאָדערט פון זיינע נאָכפאָל־גער אַ ברייטע און פולזייטיגע פאָרפּערטיגונג איידער זיי טרעטען אריין אין דער טעטיגקייט אויפ'ן פּראַקטישען פעלד. אַזוי ווי איך האָב נאָך דאַן ניט באַגריפען די שוועריגקייט פון פאַרווירקליכען עס, האָב איך זיך מיט חשק גענומען לערנען, אָנפאַנגענדיג, ווי לאַוו־ראָוו רעקאָמענדירט, פון לאַפּלאַס' (אַסטראָנאָמישע) סיסטעם, אום דערנאָך אריבערצוגעהן פון דעם צו פיזיקע, דערנאָך צו כעמי, פיזיאָלאָגיע און ,ערשט ביים שלוס, צום סאָציאַליזם. אום אויסצו־פירען אַזאַ פּראָגראַם, אַפילו מ'זאָל לערנען מיט דער גרעסטער התמדה, וואָלט נויטיג געווען עטליכע יאָהר צייט, און דערוויל

---

*) אננאַ ראָזענשטיין־מאַקאַרעוויטש האָט אין יאָהר 1877 אונטער'ן פּסעו־דאָנים קולעשעווא, עמיגרירט נאָך אויסלאַנד, וואו זי האָט גלייך גענויגען גרויס אויפמערקזאַמקייט אַלס אויסגעצייכענטע אַגיטאַטאָרקע, צוערשט צווישען פראַנ־צויזען און דערנאָך איטאַליענער. דערפאַר איז איהר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זיצען אין טורמע. אין איטאַליע האָט זי געהייראַט מיט דעם דאָרטיגען באַריהמטען אַנאַרכיסט אַנדרעאַ קאָסטאַ. דערנאָך, ווען זי איז געוואָרען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, האָט זי זיך מיט איהם געשיידט און צוזאַמענגעקומען מיט'ן באַ־וואוסטען איטאַליענישען אָנפיהרער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, טוראַטי. אננאַ קושעלעווא־טוראַטי אַרבייט נאָך עד היום אין די רייהען פון אָט דער פּאַרטיי אַלס איינע פון די פּראָמינענסטע אָנפיהרער. זי איז זעהר פּאָפּולער אין איטאַליע.

וואָלט מען, צוליב עפּעס אַ קליינינקייט, נעקענט אַריינפאַלן אין טורמע און נאָך אפשר אָוועקגעשיקט ווערן אויף קאַטאָרגע.

לעזענדיג לאַווראָוו׳ס ווערק, די אַרטיקלען פון דעם זשורנאַל „וופּעריאָד" (פאָרוועדטס), וואָס ער האָט רעדאַקטירט, האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם שווערען געפיהל: ניט אַלעס האָב איך דאָרט פאַרשטאַנען, און געמיינט האָב איך, אַז דאָס איז מיין שולד, ווייל איך בין ניט גענוג צוגעגרייט צו פאַרשטעהן אַזוינע „ערנסטע און טיפע" ווערק. ערשט שפּעטער האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז אין מיין ניט פאַרשטעהן די דאָזיגע אַרטיקלען און ווערק איז טיילווייז שולדיג לאַווראָוו אַליין, ווייל ער שרייבט אויף אַזאַ שווערען, אומ־אינטערעסאַנטען אופן.

האַלטענדיג זיך פאַר אַ לאַווריסט, האָב איך פונדעסטוועגען מיט מעהר חשק געלעזען באַקונינ׳ס ווערק, וואָרים איך האָב זיי פאָלקאָם פאַרשטאַנען און דערצו האָב איך געפיהלט, אַז זיי וועקען אין מיר די בעסטע געפיהלען און שטרעבונגען. נאָך עד היום געדענק איך, צום ביישפּיל, דעם שטאַרקען איינפלוס, וואָס אויף מיר האָט דאַן געהאַט די באַמערקונג, וועלכע באַקונין האָט אין עפּעס אַן אַרטיקעל פאַרבייגעהענדיג געמאַכט, אַז דאָס רוב רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען עקסטרעם אין דער יוגענט, ווערען מיט דער צייט מעסי־גער און אויף דער עלטער ווערען זיי אין גאַנצען רעאַקציאָנערען.

דאָס האָט מיר געמאַכט צו פאַרטראַכטען זיך, וואָרום מיט מענשען זאָל פּאַסירען אַזאַ ענדערונג. כ׳געדענקט ניט, ווי אַזוי איך האָב געלעזען די דאָזיגע פראַגע. אָבער איך האָב דאַן געגעבען זיך אַ שבועה, אַז ביז׳ן קבר זאָל איך ניט פאַרראַטען די אידעאַלען פון יוגענט. זאָלען אַנדערע איצט אורטיילען, צי איך האָב געהאַלטען וואָרט, און צי איך דאַרף ניט דאַנקבאַר זיין באַקונינ׳ען דערפאַר וואָס ער האָט, כאָטש ניט ווילענדיג, אַרויסגעקראָגען די דאָזיגע שבועה פון מיר. איך קען זיך ניט דערמאָנען אַז איך זאָל לאַווראָוו׳ן זיין פאַרפליכטעט מיט עטוואָס עהנליכעס.

איך האָב אָבער דאָ אַביסעל אָפּגעטראָטען פון מיין טעמע.

10.

כ׳ווער אַ סטאָליער און נעם זיך „געהן אין פאָלק".

אין יענער צייט, וואָס איך באַשרייב דאָ, האָט זיך פון אַן אויסגעהאַלטענעם רעוואָלוציאָנער געפאָדערט ער זאָל אַלעס מקריב זיין צוליב׳ן פאָלק׳ס אינטערעסען. ווי באַקאַנט, איז מען געוועזן

אפילו געגען ענדיגען דעם אוניווערזיטעט־שטודיום, ווייל דאָס גיט דאָך אַ מעגליכקייט צו פאַרנעמען אַ „פּריווילעגירטע לאַגע". אַן אמת'ער רעוואָלוציאָנער האָט געמוזט „פאַרברענען די שיפען הינטער זיך", און צופערטיגען זיך און „אוועקגעהן אין פאָלק". ווען איך בין צוריקגעקומען אין קיעוו, האָב איך, אַלזאָ, ניט פיל געטראַכט און ערפילט מיין פליכט אין דעם הינזיכט: אויפגעגעבען דעם שטודירען, אוועקגעוואָרפען די קאַריערע און גענומען זיך גרייטען צו ווערען טעטיג צווישען די פּויערים.

ביים צוגרייטען זיך צו „געהן אין פאָלק" איז, אַ חוץ אַ באַדייטענדען „באַגאַזש וויסענשאַפט", אויך אומבאַדינגט נויטיג געווען אויסצולערנען זיך עפּעס אַ מלאכה, אַ פיזישע אַרבייט. איך האָב אויסגעקליבען סטאָלעריי.

צו פאַרווירקליכען די דאָזיגע אויפגאַבע האָב איך באַדאַרפט פאַרקלייבען זיך ערגעץ ווייט פון מיין מוטער און שוועסטער. און דאָס איז ניט געווען אַזאַ לייכטע זאַך. איך געדענק שוין איצט ניט, וואָס פאַר אַ תירוץ איך האָב געגעבען דער מאַמען, מיט וועמען איך האָב זיך ביז דאַן, אַ חוץ יענעם זומער אויף קאַניקול, קיינמאָל ניט געשיידט.

איך האָב אויפגעזוכט עפּעס אַ סטאָליער־ווערקשטאַט ערגעץ אין עק שטאָדט, אין אַ פייכטען ווילגאָטנעם קעלער, וואו ס'האָט זיך אויך פאַרדונגען אַ קליין צימערל. איך האָב זיך ניט געדונגען מכח'ן פּרייז מיט'ן בעל־הבית, אַ דייטש, און האָב באַלד אַריבערגעטראָגען אַהין מיין ביסעל חפצים.

ווען איך האָב זיך ביי איהם באַזעצט, האָב איך איהם געבעטען פאַר אַ קליין געצאָהלט צו לערנען מיר סטאָלעריי. אַלס אורזאַכע וואָרום איך טו עס, האָב איך אים ערקלערט, אַז צוליב מיין שוואַכען געזונט נויטיג איך זיך אין פיזישע איבונגען, כדי צו אַנטוויקלען מיינע מוסקולען. דער דייטש האָט מיט פאַרגעניגען איינגעשטימט צו לערנען מיר.

אין די אָוועגטען האָב איך זיך פאַרנומען מיט גייסטיגע זאַכען, געזעסען איבער די ביכער, און בייטאָג האָב איך געאַרבייט אין ווערקשטאַט, געהובעלט, געטשעסעט א. אז. וו.

אָט דעם טייל פון דער אויפגאַבע האָט זיך מיר, אַלזאָ, לייכט איינגעגעבען צו פאַרווירקליכען. איך האָב זיך אָבער מיט דעם אליין ניט באַנוגענט. איך בין זעהר אומגעדולדיג געווען, ס'האָט זיך מיר זעהר געוואָלט נעמען שנעלער צוגרייטען זיך אין דערזעלבער

צייט אויך צו פּראַקטישער טעטיגקייט, און אויך אין דעם האָב איך געהאַט מזל.

אימיצער האָט מיר געזאָגט, אַז דער בעל־הבית פון דעם קאַרעטען־ווערקשטאַט, אַנטקעגנאַיבער אונז, איז אַ געוועזענער סטודענט, טראָפּימאָווסקי, אַ געבילדעטער מענש, און דערצו אַן אויסערגעוועהנליכער מענש, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע ניט צו עקספּלואַטירען זיינע אַרבייטער, נאָר, פאַרקערט, צו זעהן מיט אַלע כחות העלפען אויסבעסערען זייער לאַגע.

בין איך מיט איהם שנעל באַקאַנט געוואָרען. ער איז געוועזען אַ הויכער, פּראַכטפּאָל־שעהנער ברונעט, און האָט דערצו באַזעסען זעהר איינפאַכע אַנציהענדע מאַניערען, און ער האָט מיט דעם געוואונען אַלעמענס סימפּאַטיע.

גלייך ביי די ערשטע ווערטער האָט ער באַשטעטיגט דעם קלאַנג, וואָס האָט זיך צו מיר דערטראָגען, אַז ער האָט זיך גענומען פאַר דער באַשעפטיגונג בלויז מיט'ן ציל אויסצובעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, אַוועקצושטעלען זיי אין בעסערע באַדינגונגען, זיי זאָלען מעהר פאַרדינען, אַרבייטען קירצערע שטונדען און אין אַ מעהר היגיענישען צושטאַנד א. אז. וו.

דאָס אַלעס איז מיר, פאַרשטעהט זיך, זעהר געפעלען געוואָרען, און איך האָב איהם געבעטען ער זאָל מיר ווייזען דעם ווערקשטאַט און די צימערען, וואו זיינע פאַר צעהנדליג אַרבייטער שלאָפען, עסען און פאַרברענגען זייער פרייע צייט.

ווען איך האָב עס דערזעהן, בין איך שטאַרק אַנטוישט געוואָרען. איך האָב דאָרט ניט געפונען קיין האָר עהנליכקייט ניט צו די פאַלאַנסטערען (קאָמוניסטישע געביידען), פון וועלכע פוריע האָט גע'חלומ'עט, און ניט צו דער באַריהמטער פאַבריק, וואָס ראָבערט אָווען האָט אויפגעשטעלט אין ניו־לאַנאַרק. אי דער ווערקשטאַט, אי די וואוינונגען האָבען אויסגעזעהן זעהר מיאוס, כאָטש אפשר זיינען זיי יע געוועזען עטוואָס בעסער פון אַנדערע אַזעלכע מאַסטערסקאַיעס אין יענער צייט.

ווען טראָפּימאָווסקי האָט געזעהן, אַז ס'האָט אויף מיר געמאַכט ניט קיין באַזונדער גינסטיגען איינדרוק, האָט ער גענומען מיר פאַרזיכערען, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנפאַנג, וואָרים ער האָט ניט גענוג מאַטעריעלע מיטלען צו מאַכען גרינדליכע רעפאָרמען א. אז. וו. מעגליך, אַז דאָס איז טאַקע געוועזען אַן אמת'ע אורזאַכע, אָבער איך צווייפעל צי איהם וואָלט ווען געלונגען איינצופיהרען ממשות'דיגע אויסבעסערונגען.

פארנומען איז ער געווען פון באגינען ביז שפעט אין דער נאכט. ארומגעהאוועט האט ער איבערהויפט צו קריגען באשטע־לונגען אויף קארעטען ווי אויך צו קריגען געלט אויף צו מאכען פארשיידענע אויסצאהלונגען. אין ווערקשטאט פלעגט ער אריינ־כאפען זיך ווען ניט ווען און בלויז אויף א קורצע ווײלע. אמת, מיט די ארבייטער, אויף וויפיל איך האב עס געקענט באמערקען, איז ער זיך באגאנגען זעהר פיין, איינפאך און סימפאטיש, און זיי האבען עס, קענטיג, הויך געשעצט. עס איז קיין ספק ניט, אז אין יענער צייט איז טראפימאווסקי געווען אן אויסערגעווערהנלי־כער בעל־הבית, מיט אונטערנעמונגס־גייסט, און אן אריגינעלער מענש.

איך האב איהם פארגעשלאגען מיין דינסט: אז איך בין גרייט אהן געצאהלט צו לערנען זיינע ארבייטער אין די אווענטען און זונטאגס און יום־טובים. ער האט אויף דעם גערן איינגעשטימט. מען מוז, אלזא, אנערקענען, אז דאס איז געווען זעהר שעהן פון זיין זייט, ווארים אין יענע צייטען האט אזא מין סארט באשעפ־טיגונג ארויסגערופען פארדאכט ביי דער פאליציי און געקענט ברענגען צו זעהר טרויעריגע פאלגען.

עס פארשטעהט זיך, אז איך האב געהאט בדעה, ביים לער־נען מיט די ארבייטער, צו פראפאגאנדירען זיי, אבער איך האב באשלאסען צו זיין פארזיכטיג, נים צו איילען זיך, צוגרייטען זיי פאמעלאך, שטופענווייז.

זונטאג פריה האט טראפימאווסקי צוזאמענגערופען די אר־בייטער און האט זיי אין מיין אנוועזנהייט ערקלערט וועגען מיין אבזיכט צו לערנען זיי. צו מיין גרויס איבערראשונג און ערבי־טערונג האב איך פון זיי דערהערט אזעלכע מין רייד: „צו וואס דארפען מיר זיך לערנען?" „מיר'ן אזוי אויך קאנען לעבען", „לעזען קענען מיר, און דאס דארפען מיר אויך אויף כפרות", און אז. וו.

זעהר ווייניג האבען געזאגט: „מהיכא תיתא, לאמיר פרו־בירען".

אין א האלב־טונקעלען, ניט קיין איבעריג־ציכטיגען קאמער, וואס האט געדינט אי אלס שלאף־צימער, אי אלס עס־צימער, הא־בען זיך פארזאמעלט א מאן צעהן. איך האב מיטגעבראכט נאאומאוו'ס ווערק „גויט ברעכט אייזען", וועלכע אנטהאלט אין זיך ערציילונגען פון'ם לעבען פון די מינען־ארבייטער, וואס זיינען דאן זעהר פאפולער געווען.

איך האָב אויפגעקליבען די סאַמע אינטערעסאַנטסטע שיל־דערונג, לויט מיין מיינונג, און גענומען עס פאַרלעזען, דענקענ־דיג, אַז אויף אַזאַ אופן וועל איך זיי צוגעבען חשק צו לערנען זיך. כ׳האָב זיך אָבער גאַנץ גיך איבערצייגט, אַז מיין פּובליקום הערט זיך צו מיט ווייט ניט קיין איבעריגען אינטערעס, און זיי האָבען זיך גענומען ביסלעכוויז אַרויסרוקען. פאַרבליבען זיינען בלויז פיר. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי אינטערעסירען זיך ניט מיט מיין פאַרלעזען. כ׳האָב אָבער געהאַפט, אַז אַם ווייניגסטענס די פאַרבליבענע פיר ווילען זיך לערנען, האָב איך זיי געגעבען מיין אַדרעס און איינגעלאַדען קומען צו זיך, וואָרום ביי מיר אין צימער איז געווען באַקוועמער ווי אין זייער אַלגעמיינער קאַמער.

מיט אומגעדולד האָב איך יענעם אָוועגט געוואַרט אויף די פיר. געקומען זיינען אָבער נאָר צוויי. האָב איך זיך מיט דעם אויך דערפרעהט, און גענומען זיך צום פאַרלעזען. גאַנץ גיך אָבער האָב איך באַמערקט, אַז איינער, אַ בחור פון אַ יאָהר צוואַנציג, גענעצט אין הויפען. האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן, צי איהם איז ניט אינטערעסאַנט די ערצעהלונג, וואָס איך האָב אויסגעקליבען. פאַרקערט, ס׳איז גאַנץ אינטערעסאַנט, האָט ער מיר געענטפערט, אָבער מ׳מאַטערט זיך אַזוי אָן דעם גאַנצען טאָג ביי דער אַרבייט, אַז אין אָוונט פאַלט מען שלאָפען.

אַמאָל דריי זיינען די צוויי בחורים געקומען צו מיר, דער־נאָך האָט דער, וואָס האָט גענענעצט, אויפגעהערט צו קומען. איז מיר פאַרבליבען בלויז איינער, אַ יונגער אַרבייטער. ער האָט ווירקליך געדורשט צו לערנען און וויסען. האָב איך פאַר איהם ווייטער פאַרגעלעזען דעמזעלביגען נאַאומאָוו׳ס ווערק.

11.

מיין מוטער דערוויסט זיך, אַז איך בין געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער.

דערווייל האָב איך דערפיהלט עפּעס אַ וועהטאָג אין ברוסט — איך ווייס ניט פון וואָס, צי ווייל ביי מיר אין צימער איז געווען פייכט, ווילגאָטנע, צי ווייל איך האָב זיך צופיל אנגעשטרענגט, וואָרים אַ חוץ מיינע אייגענע אַרבייט, בייטאָג פיזישע און ביי־נאַכט איבער די ביכער, האָב איך נאָך געגעבען אורָאָקען, אום צו האָ־בען פון וואָס צו לעבען. אַ יונגער דאָקטאָר, מיינער אַ גוטער פריינד,

האָט מיך אונטערזוכט און גערעטען מיר גהען צו אַ ספּעציאַליסט. אזוי האָב איך געטאָן.

— וואָס איז אייער באַשעפטיגונג? — האָט מיר דער ספּע־ציאַליסט געפרעגט, אָנגעמענדיג מיך, לויט מיינע קליידער, פאַר אַן ארבייטער, און דאָס, געדענק איך, איז פאַר מיר געווען זעהר שמייכעלהאַפט.

איך האָב איהם געזאגט אַז איך ארבייט אין אַ סטאָלער־ווערקשטאַט. האָט ער מיר ערקלערט, אַז די ארבייט איז פאַר מיר זעהר שעדליך און געראַטען פאָהרען אין דאָרף, אַז ניט, וועל איך נאָך אפשר קראַנק ווערען.

„נו, אָט דער פּראָפעסאָר הייסט מיר אויך גהען אין פאָלק", האָב איך ביי זיך געטראַכט, ווען איך בין ארויס פון איהם.

דערווייל, ווי פאַרזיכטיג איך האָב זיך ניט פאַרבאַהאַלטען פון מיינע פאַרוואַנדטע און באַקאַנטע מיט מיין באַשלוס צו ווערען אַ רעוואָלוציאָנער, האָט זיך ביסלעכווייז פאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגען דעם. איך האָב עס אויסגעפונען פון פאָלגענדען געשפּרעך.

איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך זיך באַגעגענט מיט אַן אַלטען באַקאַנטען מיינעם, דאָקטאָר סאָשצין, אַ הויז־פריינד אונזערען, וועלכער האָט מיך געקענט פון קינדרווייז אויף. ווי נאָר ער האָט מיר דערזעהן און זיך באַגריסט מיט מיר, האָט ער מיך גלייך אַ פרעג געטאָן, צי ס'איז אמת וואָס מ'זאָגט, אַז איך בין געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער. איך האָב ניט געדענקט, אַז איך דאַרף זיך פון איהם פאַרבאַהאַלטען. ער איז געווען אַ גוטער, פיינער מענש, און, איבערהויפּט, אַ פאָרטגעשריטענער מענש. ווען ער האָט דערהערט מיין ענטפער, האָט ער גענומען מיט היץ מיך איינריידען, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגען פון מיין באַשלוס. זיינע טענות זיינען געווען די געוועהנליכע אין יענער צייט: „איהר'ט אומקומען אומזיסט און אומנישט, איהר'ט גאָר ניט אויספיהרען, און וועט דערנאָך חרטה האָבען", א. אז. וו. ווען ער האָט שוין אויסגעגאָסען אַלע זיינע אַרגומענטען, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

„נו, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס ווילט איהר, וואָס ער־וואַרטעט איהר?"

איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך וויל אַ רעוואָלוציע. האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— געגען אָט די ווילט איהר עס מאַכען אַ רעוואָלוציע! — האָט ער אויסגעשריען, אָנווייזענדיג אויף אַ פאַרבייגעהענדיגער מחנה באַוואָפענטע סאָלדאַטען. — זיי זיינען מיט לייב און לעבען

איבערגעבען דעם צאַר און זייער פאָטערלאַנד, און זיי וועלען אייך צושיסען אויף שטיקער. אין רוסלאַנד אַ רעוואָלוציע! אפילו אין הונדערט יאָהר אַרום אויך ניט. ניט מיר און ניט אונזערע קינדער וועלען עס דערלעבען.

— אַז מיר'ן לעבען, וועלען מיר זעהן! — האָב איך געענטפערט.

— איהר'ט עס ניט דערלעבען זעהן, איהר'ט צופוילט ווערען אין טורמע, אויף קאַטאָרגע.

— „אָבער וואו, זאָג, אין וועלכער לאַנד האָט מען אָהן קרבנות געקראָגען פרייהייט?" — האָב איך ציטירט רילעיעוו'ן.

— וואָרום זאָלסט איהר אָבער זיין דער קרבן? דערמאָנט זיך אָן אייער אָרימע מוטער, אייערע שוועסטער. — האָט ער געזאָגט.

— אַנדערע האָבען דאָך אויך קרובים, מיט וועמען זיי איז שווער צו שיידען זיך.

אַ צייט לאַנג האָט אָט דער פאַרטגעשריטענער מענש נאָך געהאַלטען אין איינריידען און בעטען מיך, און ענדליך האָט ער יאוש'דיג אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד, און אַ זאָג געטאָן:

— איך דערקען אייך ניט: איהר זייט געווען אַ קלוגער יונגערמאַן און פלוצלונג זייט איהר געוואָרען אַן אומהיילבאַרער פאַנאַטיקער!

מיט אַ טרויעריגע מינע האָט ער זיך געזעגענט מיט מיר, רעבענענדיג, מסתמא, אַז איך בין שוין אַ פאַרלאָרענער. נאָכדעם האָבען מיר זיך שוין ניט באַגעגענט. דער גוטער דאָקטאָר האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאַר אַ שלעכטען נביא אין צוויי הינזיכטען: ערשטענס, הגם איך האָב זיך שפּעטער אַ סך אָנגעליטען אין מיין רעוואָלוציאָנערען לעבען, האָב איך פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט באַדויערט, וואָס איך האָב זיך אויסגעקליבען אָט דעם וועג. צווייטענס, האָט מען ניט באַדאַרפט וואַרטען קיין הונדערט יאָהר אויף דער רעוואָלוציע, מיר האָבען עס דערלעבט.

איך האָב אָבער נאָך ניט דערצעהלט, ווי אַזוי מיין מוטער האָט זיך באַצויגען צו מיין באַשלוס. אַזוי ווי איך האָב איהר ניט געוואָלט פאַרביטערען דאָס האַרץ, האָב איך איהר אַלץ ניט געוואָלט דערצעהלען, און האָב עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג. איינמאָל אָבער, ווען איך בין, ווי געוועהנליך, געקומען צוהיים עסען, האָט מיין שוועסטער סאָניע, וועלכע האָט זיך מיט מיר צוזאַמען געלערנט און געוואוסט וועגען מיין באַשלוס, מיר דערצעהלט, אַז גע־

טען האט עפעם א דאמע באגעגענט דער מאמע'ן און פארבייגע־הענדיג איהר מיט באדוירען דערמאנט וועגען דעם, ווי וועגען א באוואוסטען פאקט, אז איך בין געווארען א רעוואלוציאנער. מיין מוטער, וועלכע האט פון דעם קיין אהנונג ניט געהאט, איז שרעק־ליך איבעררואשט געווארען און זינט דאן, האלט זי אין וויינען ביטער, האט מיר די שוועסטער געזאגט.

ווייטער אויסמיידען דעם ביטערען געשפרעך מיט דער מוטער איז שוין אוממעגליך געווען. זי איז ארוים א פארוויינטע. איך האב זי גענומען טרייסטען, בארוהיגען. וואס אבער האב איך געקענט זאגען? איך האב געזוכט צו באווייזען איהר, מיין ארימער מוטער, וועלכע האט מיר ניט גוט פארשטאנען, אז איך האב אנ־דערשט ניט געקאנט האנדלען, אז „מ'קאן פון מזל ניט אנטלויפען", און מ'קען פאראויס ניט וויסען וואס בעסער איז, א. אז. וו.

מיין מוטער האט מיר געגלויבט, גיכער געפיהלט איידער פאר־שטאנען, אז איך וועל קיין שלעכטס ניט טאן. אט דער געפיהל האט טיילווייז געווירקט אויף איהר, זי זאל רוהיגער אננעהמען דאס געשעהענע. אמת, זי האט נאך אלץ געזעהן טרויעריגע בילדער אין דער צוקונפט, טרויעריגע פאר זיך, פאר מיין שוועסטער און פאר מיר אליין, פונדעסטוועגען האט זי נאכ'ן געשפרעך מיט מיר זיך בארוהיגט, און מעהר האט זי שוין וועגען דעם ניט גערעדט.

פארענדיגענדיג אט די עראינערונגען וועגען דער „לאנגאניגער פארגאנגענהייט", פרעג איך: האב איך געקענט ניט ווערען קיין רעוואלוציאנער? ...

12.

ווי מיר האבען זיך געקליבען געהן אין פאלק.

נאך די ארעסטען אין קיעוו, אין יאהר 1874, ווי איך האב שוין דערמאנט, איז די לאגע פאר מיר, א יונגען רעוואלוציאנער, געווען זעהר א שווערע. מיין איינציגער חבר און זינונגס־גענאסע, יאסיף שטשעפאנסקי, האט אנגענונען א שטעלע אלס לעהרער אין דארף, ערשטענס, אום צו מאכען א לעבען, און צווייטענס, כדי צו באקענען זיך מיט'ן פויערשען לעבען. מיין צווייטער גוטער בא־קענטער, דאקטאר עממע, און אויך זיין פריינד ניקאלאי קאלאד־קעוויטש, זיינען געווען א סך עלטער פון מיר. האב איך זיך גע־פיהלט, אז זיי זיינען ניט מיין גלייכען און עטוואס אפגעפרעמדט. מיט מיין „צוגרייטען זיך" צו געהן אין פאלק בין איך אויך

עפּעס ניט געוועז צופרידען, כאָטש וואָרום, מיט וואָס אייגענט־
ליך איך בין ניט צופרידען, האָב איך נ׳ט געוואוסט. איך האָב
אינסטינקטיוו געפיהלט, אז עס איז אוממעגליך אויסצופילען
יענע ברייטע גרויסע פּראָגראַם פון זעלבסטבילדונג וואס פּ. לאַוור־
ראָוו האָט דאָן פאָרגעשלאָגען און דעריבער טויג זי ניט און איז
שרעקליך אומאינטערעסאנט. כ׳פלעג זיך טאַקע דעריבער אלע
ווײַלע אָפּרייסען פון לאפּלאַס׳עס „וועלטען־סיסטעם”, כאָטש איך
האָב דערביי געפיהלט, אז איך באַגעה א פעהלערהאַפטען טאַט, און
פלעג זיך צוכאַפּען לעזען ביכער און ארטיקלען וועגען טרויעריגען
גורל פון די רוסישע פּויערים.

דער פארזוך, וואָס איך האָב געמאכט צו פּראָפּאַגאַנדירען די
ארבייטער פון דעם קארעטען־ווערקשטאט, ווי איך האָב שוין אויבען
דערצעהלט, האָט זיך אויך געענדיגט מיט א פאָלשטענדיגען דורכ־
פאַל. קורץ, איך האָב זיך געפיהלט ניט שטאַרק פויגעלדיג. איז
מיר ביים ענד פון יאָהר 1874 דעריבער אריין א געדאַנק צו פאָר־
לאָזען קיעוו און אוועקפאָהרען ערגעץ אין אנאַנדער שטאָדט, ווי
פּאָלטאַווע, וואָראָנעזש, טשערניגאָוו, וואו מ׳איז ניט אזוי אנגע־
שראָקען פון ארעסטען, און דאָרט קען איך רעכענען צו האָבען
ערפאָלג. אָבער איידער איך האָב אָנגענומען אן ענדליכען באַ־
שלוס, האָב איך זיך געווענדעט צו דר. עממע נאָך א ראַט, ווי אויך
נאָך רעקאָמענדאַציעס צו באַקאַנטע.

איהם איז אויך געפעלען געווארען מיין פּלאַן, און ער האָט
געזאַגט, אז ער וועט מיר באַקענען מיט א פּראָמינענטען סאָציאַ־
ליסט, וועלכער איז נאָר וואס געקומען אין קיעוו און וועלכער האָט
באַקאַנטע אין טשערניגאָוו און פּאָלטאַווע. דער דאָזיגער סאָציאַ־
ליסט איז געוועזן איוואַן פּיאָדאָראָוויטש פעסענקאָ.

אין א באַשטימטען אָווענט האָבען מיר, איך און עממע, איהם
באַזוכט. אויסגעקוקט האָט ער איבער דרייסיג יאָהר אַלט, אָבער
אין אמת׳ען איז ער געוועזן ניט מעהר ווי א יאָהר 27-28. ער איז
געוועזן א ברייט־פּלייציגער, מיט א ברייטער געדיכטער העל־רויטער
באָרד, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א געזונטען פעסטען
מאַן. קיינעם וואָלט דאַן ניט איינגעפאַלען, אז ער טראָגט שוין
אין זיך די קערנער פון א שווערער קראַנקהייט, וואָס וועט איהם
באַלד אוועקשלעפּען אין קבר. מיט זיין גרויסער קאָפּ, מיט׳ן
ברייטען משופּע׳דיגען שטערן, שאַרע עטוואס פארשזמורעטע קורצ־
זיכטיגע אויגען, האָט ער אויסגעזעהן ווי א געלעהרטער, א פּראָ־
פעסאָר און האָט גלייך געוואונען יעדענס סימפּאַטיע. מיט נייע

באַקאַנטע איז ער געווען זעהר העפליך, איינפאַך, אויפמערקזאַם, גאַסטפריינדליך.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט אונז באַגריסט, איז ער באַלד הינגעריסען געוואָרען פון א דעבאַטע מיט עממע׳ן וועגען מיכאַילאָווסקי׳ס אַרטיקעל, וואָס איז דאָן ערשינען אין „אָטעטשעסטוועניא זאַפּיסקי” איבער דעם ענגלישען געלעהרטען ספּענסער. א סך פון זייער דעבאַטע האָב איך ניט פאַרשטאַנען, ווייל כ׳האָב צום ערשטען מאָל דערהערט מיכאַילאָווסקי׳ס נאָמען און האָב, פאַרשטעהט זיך, דעם אַרטיקעל ניט געלעזען. איך האָב זיך אָבער צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און זיך געסטאַרעט צו פאַרגעדענקען די נעמען פון די ביכער און פאַרפאַסער, וואָס זיי האָבען דערביי דערמאָנט. אָפטער פון אַנדערע האָט פעסענקא ציטירט „קאַפּיטאַל” מאַרקס׳, וועגען וועלכען איך האָב שוין געוואוסט.

זייער דעבאַטע האָט זיך פאַרצויגען זעהר לאַנג, און מיר איז יענעם מאָל ניט אויסגעקומען דורכצוריידען זיך מיט פעסענקאָ׳ן וועגען מיין אַבזיכט. האָב איך מיט איהם באַשטימט אַן אַנדער טאָג צו זעהן זיך.

* * *

— אזוי, הייסט עס, האָט איהר זיך שוין פון פערזענליכער ערפאַהרונג א בערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דעם ביבלישען שפּרוך: „קיינער קאָן ניט זיין קיין נביא אין זיין פאָטערלאַנד”, — האָט מיר פעסענקא געזאגט, שמייכלענדיג, ווען איך בין צו איהם באַלד נאָכדעם אין אָוונט געקומען.

שוין ביי מיין ערשטען באַזוך האָט ער אויף מיר געמאַכט זעהר א גינסטיגען איינדרוק, ווי איך האָב שוין באַמערקט. ער האָט געהאַט זעהר אַן איינדרוקספולען, אינטעליגענטען געזיכט, א שטאַרקע ברוסט־שטימע און א מאַלאָרוסישען אַקצענט. דערצו זיין וואַרימער פעסטער דריקען די האַנט, און זיין ברייטער, גוט־האַרציגער שמייכעל, ווען ער האָט געשפּאַסט, האָט אַרויסגערופען סימפּאַטיע צו איהם. אפילו זיין אומבאַקוועמער, אָנגערויכערטער, קליין צימערעל איז מיר געפעהלען געוואָרען, — א צימערעל, אין וועלכען, ביכער, איז קיין זאך ניט געוועזן. דער ריזיגער פעסענקאָ האָט מיר א חוץ א בעט, א טיש, א פּאָר שטוהלען און א פּאָליצקע מיט

אין אָט דעם צימערל אויסגעזעהן ווי א מין לעגענדארישער העלד, וואָס איז עפּעס מעשה־כשוף אריינגעפאלען אין א קליין קעסטעלע, פון וואַנען ער קען זיך ניט ארויסרייסען.

— איילט זיך ניט אוועקפאָהרען, לאָמיר זיך אפריהער באַקע־נען, — האָט ער מיר געזאָגט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, — און דערווייל וועלען מיר טרינקען טעי.

די דינסט האָט אין דער מינוט געבראַכט דעם סאַמאָוואר מיט אלע געהעריגע זאכען דערצו.

— לאָמיר אָנפאנגען אָט פון דעם, — האָט ער געזאָגט, אָנ־גיסענדיג טעי אין די גלעזער, — איז עס טאַקע אמת, ווי עממע האָט מיר דערצעהלט, אז איהר זייט אליין, אָהן קיינעמ׳ס פּראָ־פּאַגאַנדע, גאַנץ זעלבסטשטענדיג געקומען צום באַוואוסטזיין, אז מען מוז ווערען א רעוואָלוציאָנער ?

— יע, טיילווייז, אָבער וואָס איז דאָס אזוי אינטערעסאַנט ?

— דאָס איז זעהר אינטערעסאַנט, זעהר וויכטיג, — האָט ער ערקלעהרט.

— נו, אָט דערצעהלט מיר טאַקע וועגען דעם, וועל איך אייך דערנאָך וועגען מיר דערצעהלען, און אויף אזא אופן וועלען מיר זיך שנעל באַקענען איינער מיט׳ן אנדערען.

אז דער לעזער וועט זיך דערמאָנען דעם אונטערשייד צווישען אונזערע יאָהרען און דעם גינסטיגען איינדרוק, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, וואָס פעסענקאָ האָט גלייך ביים ערשטען באַזוך גע־מאַכט אויף מיר, דאַן וועט ער זיך קענען לייכט פאָרשטעלען דעם באַגייסטערטען געפיהל וואָס זיין פאָרשלאַג האָט ביי מיר ארויסגע־רופען.

איילענדיג, מיט היץ, אליין ווערענדיג היגעריסען פון דעם דערצעהלען און דעריבער אפט ניט פאַרענדיגענדיג די זאַצען, האָב איך גענומען איהם איבערגעבען די וויכטיגסטע פאַקטען און אומ־שטענדען פון מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבען מיר באַוועגען צו ווערען א רעוואָלוציאָנער.

פעסענקאָ האָט, קענטיג, זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטע־רעס : צייטענווייז פלעגט ער זיך א הויב טאָן פון שטול און אויס־שרייען עפּעס מיט צופרידענהייט. ווען איך האָב געענדיגט דער־צעהלען, האָט ער צו מיר מיט וואַרימקייט געזאָגט :

— ווייסט איהר, טייערינקער, וואָס איך׳ל אייך איצט זאָ־גען ? איהר דאַרפט פון דאַנען ניט אוועקפאָהרען : פאַר אייך וועט זיך דאָ אויך גענוג ארבייט געפינען.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו טאָן ? — האָב איך מיט אַ צווייפעל־טאָן באַמערקט.

— איהר'ט שוין זעהן, וויפיל ס'איז פאַראַן ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ געהיימניספולער מינע. — פריהער פון אַלץ ברענגט מיר צוזאַמען מיט יענע אַלע פערזאָנען פון'ם קרייז אייערע באַקאַנטע, וועלכע וואָלטען, נאָך אייער מיינונג, געקענט ווערען טעטיגע סאָציאַליסטען.

האָב איך איינגעשטימט און גענומען איהם אויסרעכענען די מעהר פּאַסיגע, דערביי כאַראַקטעריזירענדיג זיי אין קורצען. דאָס זיינען אַלץ געווען מעהרסטענס גימנאַזיסטען פון די לעצטע קלאַסען, און אויך מענשען אָהן באַשטימטע פּראָפעסיעס, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געגרייט צום עקזאַמען אויף אַלע קלאַסען גימנאַזיע. דורך אַ גוטע ווירקונג אויף זיי, וואָלטען אַם וועניגסטענס עטליכע פון זיי „פאַרברענט די שיפען אַהינטער זיך", ווי ס'האָט זיך דאַן געפאָדערט, ד. ה. אין גאַנצען זיך אָפּרייסען פון זייער „פּריווילעגירטער פאַרגאַנגענהייט".

— און איך וועל אויך שרייבען צו עטליכע פון מיינע חברים, זיי זאָלען אויך קומען אַהער : זיי וועלען דאָ אַלע האָבען גענוג וואָס צו טאָן ! — האָט מיר פּעסענקאָ געזאָגט. — איילט זיך ניט אַעוועקצופאָהרען, וואַרט נאָך אויף, אַט איהר'ט זעהן.

זיין זיכערער און קענטיג עטוואָס אויפגערעגטער טאָן, צוזאַמען מיט זיין געזעצטען אימפּאָזאַנטען אויסזעהן, האָט, פאַרשטעהט זיך, געהאַט אויף מיר אַ ווירקונג : אויב אין אָנפאַנג פון אונזער שמועס האָב איך נאָך געצווייפעלט און ניט געקענט זיך באַשליסען, איז אָבער ביים ענד האָב איך זיך שוין ביי מיר אין געדאַנק אין גאַנצען אָנטזאָגט פון מיין אבזיכט צו פאַרלאָזען קיעוו.

— נו, איז זעהר גוט ! אויסגעצייכענט ! אַך, טייערינקער !

— האָט ער אויסגעשריען מיט זיין געדיכטער גלח'שער באַסאָווער שטימע, אפּנים זעהר אַ צופרידענער, ווען איך האָב איהם ענדליך ערקלעהרט מיין באַשלוס ניט צו איילען זיך מיט מיין אָפּפאָהרען פון קיעוו. — אָהה, וועלען מיר עם מיט אייך אָפּטאָן דאָ אַזוינע זאַכען ! אָבער אין יעוואַנגעליום ווערט גאַנץ ריכטיג געזאָגט : „ניט מיט ברויט אַליין קאָן מען לעבען". פ'טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט בלויז פּראַקטישער טעטיגקייט ; מ'דאַרף זיך אין דערזעלבער צייט אויך באַשעפטיגען מיט טעאָריע. דאָס איז נאָר די באַקוניסטען שטעלען זיך פאָר, אַז זיי וועלען אַלעס איבערקערען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און דערביי פאַרבלייבען אומוויסענדע מענ־

שען. זיי מאַכען אַ מיאוסען טעות; זיי וועלען קיינעם און קיין זאַך ניט ענדערען. אַלעס וועט פאַרבלייבען ווי ס'איז געווען, אויב מיר'ן נאָכפאָלגען באַקונין'ען. מ'קען, פאַרשטעהט זיך, ניט פאָדערען, ווי לאַווראָוו טוט עס, אַז יעדער פּראָפּאַגאַנדיסט זאָל פריהער דורכשטודירען שיער ניט אַלע וויסענשאַפטען. אום צו קריגען אַזאַ ענציקלאָפּעדישע בילדונג וואָלט ניט סטאַיען מתושלח'ס יאָהרען. מוז מען דעריבער אויסקלייבען די סאַמע נויטוועגדיגסטע און ממשות'דיגסטע פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. דער טעאָרעטישער לערנען זיך מוז אָבער געהן האַנד אין האַנד מיט דער פּראַקטישער טעטיגקייט. אויב איהר ווילט, קומט לאָמיר צוזאַמען זיך לערנען.

איך האָב קוים געגלויבט מיינע אייגענע אויערען, אַזוי ריכטיג האָט מיר אויסגעזעהן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, און ניט נאָר ריכטיג, נאָר אפילו גוט באַקאַנט, ווארום איך האָב שוין ניט איינמאָל געטראַכט וועגען אָט דעם טאַקע, אָבער איך האָב עס ניט געקענט קלאָהר אויסדריקען.

„יע, דאָס איז דאָך אַזוי ריכטיג! און ס'אַרא קלוגער מענש ער איז!" האָב איך ביי זיך געטראַכט, ווען איך האָב אַ באַגייסטערטער זיך צוגעהערט צו פּעסענקאָ'ס פליסענדער, איבערצייגענדער רעדע.

13.

פּעסענקאָ, דער ערשטער רוסישער מאַרקסיסט.

אַז פּעסענקאָ האָט געענדיגט וועגען איין פראַגע, איז ער זאָפאָרט אַריבער צו אַ צווייטער. ריידענדיג וועגען פּיאָטר לאַווראָוו'ן, האָט ער באַמערקט וועגען זיין באַוואוסטער מיינונג איבער די אויפגאַבען פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט. וועגען דעם זיינען דאַן אָנגעגאַנגען אומענדליכע ויכוחים און מחלוקות צווישען די באַקוניסטען און לאַווריסטען. לאַווראָוו'ס מיינונג איז געווען, אַז סאָציאַליסטען דאַרפען שטרעבען „אויפצוהויבען דעם גייסטיגען און מאָראַלען צושטאַנד פון די פּויערים צו דער שטופע, אויף וועלכער זיי, די אינטעלליגענטען, געפינען זיך". און די אינטעלליגענטען, האָט לאַווראָוו געדענקט, שטעהען זעהר הויך. באַקונין, ווידער, האָט געדענקט, אַז ניט נאָר קענען מיר דעם פאָלק גאָר נישט אויסלערנען, נאָר פאַרקעהרט, מיר דאַרפען זיך נאָך אַ סך ביי איהם לערנען. אין באַצוג צו אָט דעם אנזיכט לאַווראָוו'ס האָט פּעסענקאָ געזאָגט:

— דאָס איז דאָך אַ פּוסטער חלום, אַ שטות, אַן אומזין!

באטראכט נאָר, מיין טייערינקער, אָט די פּילאָ׳ס און סיסאָיקאָ׳ס*) אונזערע אויפצוהויבען צו דער שטופע פון די געבילדעטסטע און העכסט-מאָראַלע מענשען ווי לאַווראָוו!

אין מיר האָבען דאַן געקעמפט צוויי געגענגעזעצטע געפיהלען: פון איין זייט, איז מיר העכסט אנגענעהם און שמייכעלהאַפט געווען, וואָס אָט דער באַיאָהרענטער, ערנסטער און וויכטיגער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט זיך אין אויסלאַנד פערזענליך באַגעגנט מיט לאַווראָוו׳ן און אַנדערע באַריהמטע עמיגראַנטען, שפּרעכט זיך אוים אַזוי אָפּענהערציג וועגען אַזוינע וויכטיגע פראַגען. און וועמען קריטיקירט ער? טאַקע לאַווראָוו׳ן גופא, וועמען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַזא גרויסען, הויכען, אומדערגרייכבאַרען. אן אמת-גלויביגער קאַטאָליק ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפענעם ווינקעל שטעלט זיך אַזוי פאָר דעם רוימישען פּאַפּסט. פון דער צווייטער זייט, אָבער, האָב איך דאַן, פונקט ווי מיר אַלע, אידעאַליזירט אונזערע פויערים; האָט עס מיר באַליידיגט, וואָס פּעסענקאָ פאַרגלייכט זיי מיט רעשעטניקאָוו׳ס דערשלאָגענע, אומגליקליכע „פּאָדליפּאָווצעס“.

— נו, וואָס רעדט איהר, איוואַן פּיאָדאָראָוויטש! קען מען דען אַלע פויערים שטעלען אויף איין מדרגה מיט פּילאָ׳ן און סיסאָיקאָ׳ן? — האָט זיך ביי מיר ארויסגעריסען אַ פאָרוואורף, ניט אַכטענדיג אויף מיין עהרפורכטיגע באַציהונג צו פּעסענקאָ׳ן.

— און איהר גלויבט, אַז אַזא פאַרגלייך איז אַ פאַרברעכען, אַ חלול הקודש? — האָט ער מיר איראָניש אַ פרעג געטאָן. — לויט אייער איבערצייגונג באַזיצט אונזער פויער אַלע גוטע זייטען פון דער וועלט? ער איז, כדרך הטבע, גוט, קלוג, גראָסמוטיג, מענשענליבענד, גענייגט צום סאָציאַליזם פון די ווינדעלאַך אָן, אַ רעוואָלוציאָנער נאָך ביי דער מאַמען אין בויך, און נאָך אַזעלכע זאַכען. כ׳וויים, כ׳וויים אָט די אַלע פּלוידערייען, וואָס באַקונין האָט אויסגעטראַכט, אמת, ניט ער אליין. טיילווייז האָט ער, פונקט ווי הערצען, גענומען עס ביי די סלאַוואָפילען. נו, און נאָך באַקונינ׳ען האַלט לאַווראָוו אין איבער׳חזר׳ען, אָהן שום קריטיק, אָט די דאָזיגע שטות, — דערזעלבער מירטאָוו**), וועלכער,

---

*) צוויי העלדען פון רעשעטניקאָוו׳ס ערצעהלונג „פּאָדליפּאָווצי“, וואו ס׳ווערט געשילדערט אַן אָפּגעשטאַנענער, דערשלאָגענער, פאַרווילדעטער פאָלק אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל לעבען אוראַל.—ד. ק.

**) לאַווראָוו׳ס פּסעוודאָנים.

נאָכ'ן אָפּדרוקען זיינע „היסטאָרישע בריף", גיט צו אַזאַ פּראָ־מינענטע באַדייטונג דער „קריטיק" און דער ראָל פון דער „קריטיקירענדער פּערזענליכקייט" אין דער געשיכטע. גלויבט מיר, האָט פּעסענקאָ פאַרטגעזעצט, דערמאָנענדיג זיך זיינע ויכוחים מיט לאַווראָוו'ן, איך קען בשום אופן ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי אַט דער געבילדעטער און אויסערגעוועהנליך קלוגער מענש, דערצו נאָך אַ גאַנץ באַיאָהרענטער — ער איז שוין אַרום 50 יאָהר — קען מיט אַן ערנסטן טאָן רעדען אַזוינע קינדערייען. נעהמט, למשל, כאָטש דאָס, וואָס ער האַלט פאַר אַזוי וויכטיג אין דער צייט פון פּראָפּאַגאַנדע צו מאָהלען מיט שעהנע אָנציהענדע פאַרבען די בילדער פון דער צוקונפטיגער סאָציאַליסט־שער אָרדנונג. דאָס איז דאָך פּשוט אַ שטות, אַ ווילדער אומזין! נו, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס קענען מיר איצט וויסען אין וואָס פאַר אַ ממשות'דיגע פאָרמען, אחוץ אַלגעמיינע שטריכען, דער צוקונפטיגער לעבען וועט זיך אויסגיסען? עך, מיין טייערינקער, דאָס זיינען אַלץ פּוסטע פאַנטאַזיעס, אוטאָפּיעס, חלומות! גלויבט מיר!

— אויפ'ן וואָרט גלויב איך קיין זאַך ניט! — האָב איך ערקלערט, מסתמא דערמאָנענדיג זיך אָן עפּעס פון פּיסאַרעוו'ן, אַז אַזוי דאַרף אין אַזאַ פאַל ענטפערען אַן ערנסטער דענקענדער „רעאַליסט".

— נו, פאַרשטעהט זיך, דאָס רעדט זיך דאָך נאָר אַזוי, — האָט פּעסענקאָ שנעל איינגעשטימט מיט אַ קוים־מערקבאַרען גוט־מוטיגען שמייכעל. — איך דענק, אַז דער שכל אַליין איז דאָך מחייב, דאָס די פאַנסטשינע האָט אויף דעם פּויער אוועקגעלייגט אַ שטעמפּעל פון געהאָרכזאַמקייט, ערנידערונג, דערשלאָגענהייט, — אַלץ אַזוינע שטריכען, וואָס האָבען וועניג שייכות מיט די, וואָס באַקונין שרייבט איהם צו. נו, באַטראַכט נאָר: אויב ס'וואָלט נאָר אמת געוועזן, אַז אונזער פּויער, גאַנץ אַנדערש פון זיינע ברידער אין אַנדערע לענדער, באַזיצט טאַקע אַלע מעלות און גוטע זיטען, וואָלט מען דאָך אין אַזאַ פאַל באַדאַרפט צוגעבען, אַז די פאַנסטשינע איז ניט קיין אומגליק, נאָר אַ גרויסער גליק, אַ ברכה פאַר'ן פּויער. די דאָזיגע אַלע מעלות האָבען זיך דאָך ניט געקענט אַנטוויקלען ביים פּויער אין דעם צעהנדליג יאָהר, זינט ער איז באַפרייט געוואָרען. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז אין באַקונינ'ס באַהויפּטונג איז ניטאָ קיין האָר לאָגיק.

די אומפאַרמיטעלבאַרע איינדרוקען, וואָס איך האָב באַקומען פון די פּויערים, הגם זיי זיינען געווען זעהר באַשרענקטע, האָבען

פונדעסטוועגען באשטעטיגט די ריכטיגקייט פון פעסענקאָ'ס אנ־זיכט וועגען דעם. דערצו איז ער געווען גוט באקענט מיט'ן פויער־שען לעבען פון קליינוווייז אויף. זיין פאָטער איז געווען א קלויס־טער־שמש, האָט ער זיך געהאָדעוועט צווישען פראָסטען פאָלק, און מיט זיין געבאָרענער שטארקער באָאבאכטונגס־קראפט האָט ער גרינדליך און פילזייטיג געוואוסט דעם פויערשען לעבען. אָבער מיר האָט זיך דאַן אויסגעוויזען, אז ער איז אביסעל מגזם. דערצו האָט ער די חסרונות פון די מאלאָרוסישע פויערים אָנגענומען פאר אלגעמיין־פויערשע חסרונות. צוליב דער זעלבער אורזאכע, וואהרשיינליך, האָט ער ניט פיל געהאלטען פון דער אָבשצינע (קאָמ. דאָרפס־קהלה), קאָאָפעראטיווע נייגונגען און אנ־דערע יסודות פון פאָלקס־ווירטשאפט, וואָס זיינען פארבליבען מעהרסטענס ביי די גרויס־רוסען, און פון וואָס עס האָבען אזוי שטאַרק געהאלטען כמעט אלע פאָרטגעשריטענע מענשען אין רוס־לאנד. עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אז לויט זיין ארט דענ־קען האָט פעסענקאָ ניט געקענט אידעאליזירען די פויערים־סביבה, ווי כמעט מיר אלע האָבען עס געטאָן. א חוץ זיין גרינדליכע באקאנטשאפט מיט איהר, ווי אויך זיינע פערזענליכע אייגענ־שאפטען, האָבען א גרויסען איינפלוס אויף איהם געמוזט האָבען קארל מארקס' אנשויאונגען, וועלכע ער האָט גאנץ פריה אָנגענומען.

שארף ארונטעררייסענדיג, אומ'ברחמנות'דיג קריטיקירענדיג באקונינ'ען און לאווראָוו'ן, וועלכע זיינען אין מיינע אויגען גע־שטאַנען זעהר הויך, האָט פעסענקאָ אין דער זעלבער צייט פראָפא־גאנדירט די אנשויאונגען פון דעם פארפאסער פון „קאפיטאל", ניט געפינענדיג ממש קיין ווערטער אויף אויסצודריקען זיין באגייסטע־רונג פאר איהם.

— לערנט, שטודירט אָט די וואונדערבארע ווערק, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזענדיג אויפ'ן עקזעמפלאר „קאפיטאל", וואָס איז ביי איהם שטענדיג געלעגען אן אָפענער אויפ'ן טיש. — איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל איבערגעלעזען און נאָך אלץ געפין איך אין איהם יעדעס מאָל עטוואָס נייעס, וואָס איך האָב פריהער אנדערש פארשטאַנען. וואָס פאר א ריזיגע לאָגיק! סארא אומ־געהויערע בקיאות! ס'איז נאָך קיינמאָל ביז היינטיגען טאָג ניט געווען אזא גאון.

אוועקגעהענדיג שפעט ביינאכט פון פעסענקאָ'ן, האָב איך זיך געפיהלט אן איבערפאָקטער מיט א מאסע נייע קענטניסע, איינ־דרוקען, געפיהלען. דאכט זיך, אז ניט ביז איהם און ניט נאָך

איהם האָט מיר קיין אַנדער מענש ניט מיטגעטיילט אַזוי פּיל ווי דער דאָזיגער געוועזענער סעמינאַריסט.

.14

מיין פריינדשאַפט מיט פּעסענקאָ'ן איז שנעל געוואַקסען. ניט נאָר האָט ער זיך גערן געטיילט מיט מיר זיינע איינדרוקען און אַנשויאונגען, נאָר ער האָט מיר אויך אָפט און מיט איינצעל־הייטען דערצעהלט וועגען זיין פאַרגאַנגענהייט. צום באַדויערען, אַזוי ווי דאָס איז שוין געוועזען אַזוי לאַנג צוריק — שוין כמעט אַ האַלב יאָהרהונדערט איז פון דאַן אַריבער, — געדענק איך שוין ניט אַלעס, וואָס ער האָט מיר דערצעהלט. איך געדענק, צום ביישפּיל, ניט וועגען זיין קינדהייט און יוגענד, כאָטש ער האָט מיר, דוכט זיך, עפּעס יע דערצעהלט וועגען דעם.

געבאָרען געוואָרען איז פּעסענקאָ אין יאָהר 1846, ערגעץ אין אַ דאָרף אין פּאָלטאַווער גובערניע, וואו זיין פאָטער איז יאָהרען לאַנג געוועזען אַ קלויסטער־באַדינער און דערנאָך אַ גלח.

איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט פון קינדווייז אויף אַרויסגע־וויזען אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, אַ גוואַלדיגע תשוקה צום לערען און גרויס התמדה. אין אָנהויב פון די 50־גער יאָהרען איז ער אַריין אין דער בורסע (פּאַר־שולע) פון דער פּאָלטאַווער סעמי־נאַריע. דער שוידערליכער גייסט פון „ניקאָלאַיעווישצינע”, וואָס האָט דאַן געהערשט אין אַלע שולען, האָט ניט צוקאַליעטשעט זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען, אָבער דערפאַר האָט עס, אָהן צווייפעל, אונטערגעגראָבען זיין געזונט און געטריבען איהם פאַר דער צייט אין קבר אַריין.

די סעמינאַריע האָט ער פאַרלאָזען איידער ער האָט זי גע־ענדיגט, און איז אַריינגעטראָטען אין דעם דאַמאָלסט־באַריהמטען ניעזשינער ליצעאום, פון וועלכען עס זיינען אַרויסגעקומען אַ סך לייטע, וואָס זיינען דערנאָך געוואָרען פּראָמינענטע רעוואָלוציאָ־נערען. שפּעטער, אַרום סוף פון די 60־גער יאָהרען, האָט ער זיך אַריבערגעקליבען אין פּעטערבורג, וואו ער איז אַריין אין יורידישען פאַקולטעט.

אומעטום, וואו ער איז ניט געוועזען, האָט מען איהם שטאַרק געאַכטעט, און ער האָט געהאַט אויף אַלעמען אַן איינפלוס. זיין אויסערליכער אויסזעהן אַליין האָט געמוזט אויף אַ סך מענשען ווירקען אויף אַן אימפּאָזאַנטען אופן. אַ הויכגעוואַקסיגער, ברייט־

פליציגער, מיט אַ גרויסען קאָפּ, און אַ געדיכט־באוואקסענער מיט אַ העל־פלאַמיגע בערדעל, וועלכע האָט גאַנץ פריה ארויס־געשפּראָצט אויף זיין געזיכט, האָט ער אויסגעזעהן אַ סך עלטער פון זיינע יאָהרען. און אַז מ'האָט גענומען ריידען מיט איהם, האָט מען גלייך דערזעהן, אַז ער שטעהט גייסטיג העכער פון אַנדערע, מעהר באַלעזען, אַ שעהנער רעדנער, מיט אַ פעהיגקייט היציג צו פאַרטיידיגען זיינע איבערצייגונגען.

פעסענקאָ האָט, דאַכט זיך, ניט געהערט צו יענעם סאָרט יונגעלייט, וואָס זוכען צו אנטוויקלען זייערע חברים, אָדער, ריכ־טיגער געזאָגט, חבר'טעם. אָבער געגען זיין ווילען איז ער כמעט שטענדיג געווען ארומגערינגעלט פון יונגע לייט, איף וועמען ער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס. ער האָט זיך אָפט צונויפ־געטראָפען מיט אַזעלכע מענשען, וועלכע זיינען אויף יאָהרען לאַנג געוואָרען שטאַרק פאַרבונדען צו איהם. כ'וועל דאָ ברענגען איין כאַראקטעריסטישען פאַל, וואָס האָט דערנאָך געהאַט אַן אומגעהויערען איינפלוס אויף אונזער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פון די 70גער יאָהרען, און דעריבער אויך אין אַלגעמיין אויף דער וויטערדיגער געשיכטע פון אונזער לאַנד.

15.

דמיטרי ליזאָגוב, דער פינאַנסיר פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג.

פעסענקאָ האָט איינמאָל געקראָגען אַן אוראָק ביי אַ רייכען טשערניגאָווער פּריץ, וועמעס צוויי זיהן זיינען געווען אין פּעטער־בורג. דער עלטערער איז געווען אַ סטודענט אין מאַטעמאַ־טישען פאַקולטעט, און דעם אינגערען האָט עס פעסענקאָ געגעבען דעם אוראָק.

האָט פעסענקאָ אָפט פאַרבראַכט מיט'ן עלטערען, וועלכער האָט ביז זיבצעהן יאָהר זיך געהאָדעוועט מיט זיינע עלטערען אין דרום־פראַנקרייך, וואו ער האָט געענדיגט אַ העכערע שולע. ער איז געווען אַ וויכער, אַ פאַר'חלום'טער מענש און איז גיך אַזוי אונטערפאַלען פעסענקאָ'ס איינפלוס, דאָס ער איז באַלד אויך אַריבער אין יורידישען פאַקולטעט, אום גרינדליך צו ער־לערנען סאָציאַלע פראַגען. דערנאָך האָט ער זיך געשיידט מיט אַלע זיינע פריצישע מאַניערען און געוואוינהייטען, אחוץ דעם פראַנצויזישען אַקצענט, און איז געוואָרען אַזאַ פאַרברענטער שטרענגער אַסקעט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט

אין דער גאַנצער פאָרטגעשריטענער יוגענט פון די 70גער יאָהרען, וועלכע איז געוועזן אַזוי רייך מיט אויסערגעוועהנליכע מענשען, איבערגעבענע מיט לייב און לעבען צו די אינטערעסען פון די אונטערדריקטע מאַסען.

דער לעזער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער עפּאָכע, וואָס איך באַשרייב דאָ, שטויסט זיך מסתמא אָן, אַז דאָס איז דמיטרי אַנדרעיעוויטש ליזאָגוב: צוליב זיין מערקווירדיגען כאַראַקטער און צוליב די גרויסע סומען געלט, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבען אויף רעוואָלוציאָנערע אונטערנעהמונגען, האָט ער געהאַט אַן אומגעהויערען איינפלוס אויף דעם גאַנג און אַנטוויקלונג פון אונזער באַפרייאונגס־באַוועגונג. *) לאָמיר זיך אָבער אומקעהרען צו פּעסענקאָ׳ן.

אין אוניווערזיטעט האָט פּעסענקאָ זיך אויסגעצייכענט מיט זיין התמדה און דורשט נאָך וויסענשאַפט. מ׳האָט דערצעהלט, אַז די פּראָפעסאָרען האָבען איהם הויך געשעצט און געוואָלט איהם שיקען אין אויסלאַנד צוצוגרייטען זיך צו ווערען פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אָבער טאַקע כמעט ביים ענדיגען עקזאַמען, אַרום סוף יאָהר 1872, האָבען פּעסענקאָ, ליזאָגוב און נאָך עטליכע חברים זייערע פלוצלונג דערלאַנגט ביטעס צו באַפרייען זיי פון אוניווערזיטעט. לייטע, וואָס זיינען ניט געוועזן באַקאַנט מיט דער „געהיימער פּאָליטיק“, האָבען עס ניט געקענט פאַרשטעהן. די אורזאַכע פון דעם דאָזיגען פלוצלונגען באַשלוס זיינען געוועזן די פאָלגענדע אויסעראָרדענטליך־וויכטיגע אומשטענדען.

די צייט, וואָס פּעסענקאָ האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג, איז געוועזן אַ שטילע, ניט קיין טעטיגע צווישען דער שטודירענדער יוגענט, ווייל דאָס איז געוועזן נאָך דעם באַוואוסטען פּראָצעס פון די ניעטשאַיעווצעס. ווי ס׳איז באַקאַנט, זיינען אויפ׳ן געריכט אַרויסגעבראַכט געוואָרען די איינצעלהייטען פון די פּלענער און דער פאַרשווערונג, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען פון ניעטשאַיעוו׳ן, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער געהיימער געזעלשאַפט, וועלכער האָט אַליין עמיגרירט נאָך אויסלאַנד; דערצו זיינע באַטרוגען, גוואַלדטאַטען, און ענדליך זיין נידערטרעכטיגער

*) פּ. ליזאָגוב, וועלכער האָט דאָ ניט לאַנג געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אַלס פאָרזיצער פון מיניסטאָרען־סאָוועט אונטער סקאָראָפּאַדסקי׳ס ממשלה, איז, אויב איך האָב ניט קיין טעות, דמיטרי׳ס אַ ברודער און פּעסענקאָ׳ס געוועזענער תלמיד.

מאַרד פון זיין גאַנץ אומשולדיגען חבר, דעם סטודענט איוואַנאָוו — דאָס אַלעס האָט זעהר אָפּשטויסענד געווירקט אויף דאָס רוב דאַמאָלסטדיגע יונגע לייט: מ'האָט גענומען האַסען פאַרשווערער, בלאַנקיסטישע מעטאָדען און צענטראַליזירטע געהיימע אָרגאַניזאַציעס.

ניט אַכטענדיג אָבער אויף אָט דער באַציהונג צו דער „ניעטשאַיעווטשינע", האָט די דאַמאָלסטדיגע פּראָגרעסיווע יוגענט ניט פאַרלאָרען דעם אינטערעס צום ווייטערדיגען גורל פון אונזער באַפרייאונגס־באַוועגונג. פאַרקעהרט, נאָכ'ן פראַנצויזיש איז זעהר שטאַרק געוואַקסען דער מיטגעפיהל צו דער לאַגע פון די פראַצענדע מאַסען אין אַלגעמיין, און צו די פּויערים בפרט. ווי באַוואוסט, ביים ענד פון די 60גער יאָהרען זיינען אין פּעטערבורג און אַנדערע שטעדט גענומען ערשיינען גרופען פון זעלבסט־ענטוויקלונג, וועלכע האָבען געשטרעבט צו פאַרשפּרייטען צווישען דער פּראָגרעסיווער יוגענט געוויסע טענדענציעזע ווערק, ווי פלעראָווסקי'ס, לאַסאַל'ס, דרעפּער'ס און עהנליכע. אין דער זעלבער צייט האָבען די פּראָגרעסיווע יונגע לייט אָנגעפאַנגען פאַרבינדען באַקאַנטשאַפט מיט די שטאָדטישע אַרבייטער און גענומען זיי אויסבילדען. פון אויסלאַנד, וואו מאַרקס' ערשטער „אינטערנאַציאָנאַל" האָט געקלונגען און די פּאַריזער קאָמונע איז נאָר־וואָס דערטרונקען געוואָרען אין די בלוט פון צעהנדליגע טויזענדער אַרבייטער, האָבען אונזערע רוסישע עמיגראַנטען צוגעשיקט דעם באַריהמטען רוף „אין פאָלק אַריין", און דאָס האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון דער בעסטער טייל פון אונזער יוגענט.

די מעהר פיהלענדע, עמפּינדליכע טייל פון דער רוסישער יוגענט האָט זיך דאַן אויפגעכאַפּט, ווי זי וואָלט פּלוצלונג רייף געוואָרען, האָט זיך גייסטיג אַ הויב געטאָן און איז געקומען צום באַשלוס, אַז ס'איז אַ זינד, אַ פאַרברעכען צו פאַרזאָרגען זיך מיט דיפּלאָמען און אַטעסטאַטען, וואָס גיט אַ מעגליכקייט צו פאַרנעהמען אַ פּריווילעגירטע לאַגע צווישען דער פיל־מיליאָנענדיגער מאַסע האָרעפּאַסניקעס, וועלכע זיינען באַרויבט פון אַלעם נויטיגען.

די דאָזיגע שטימונג האָט ארומגעכאַפּט פּעסענקאָ'ן און זיינע חברים, ווען זיי האָבען געהאַלטען ביים ענדיגען זייער שטודיום. האָבען זיי פאַרלאָזען דעם אוניווערזיטעט. אָבער אויף וויפיל

איך קען זיך דערמאָנען, האָבען זיך פּעסענקאָ און ליזאָגוב ניט אָנגעשלאָסען אָן קיין פּאָליטישער ריכטונג, פון די „פּראָפּאַגאַנדיסטען" אָדער „לאַווריסטען", צי „בונטאַרען" אָדער „באַקוניסטען", וואָס האָבען אָנגעפאַנגען דאַן זיך פאַרשפּרייטען אין רוסלאַנד. ס'קען זיין, אַז די אורזאַכע דערפון איז דאָס, וואָס באַלד נאָכ'ן פאַרלאָזען דעם אוניווערזיטעט, זיינען זיי אַוועקגעפאָהרען נאָך אויסלאַנד.

אונזערע יונגע לייט, ווי באַקאַנט, זיינען דאַן געפאָהרען אין שווייצאַריע, ריכטיגער, ציוריך. אחוץ די עטליכע הונדערט רוסישע סטודענטען, פאַר וועמען דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט האָט ברייט געעפענט זיינע טירען, האָבען זיך דאָרט געפונען דאַן די שעהנסטע עמיגראַנטען אונזערע. דאָרטען זיינען עס געפיהרט געוואָרען די אומאויפהערליכע ויכוחים צווישען די נאָכפאָלגער פון די דאַמאָלסטדיגע צוויי סאָציאַליסטישע פראַקציעס, די „באַקוניסטען" און „לאַווריסטען" — וועגען די מעלות און חסרונות פון דעם אָדער יענעם אַרט טעטיגקייט צווישען פאָלק. די יונגע לייט פלעגען זיך באַקענען מיט די פאַרשיידענע מיינונגען, זיך צוזאַמענעהמען אין גרופּען און פאָהרען צוריק אהיים, אום „צו געהן אין פאָלק".

פּעסענקאָ און ליזאָגוב אָבער האָבען אפילו דאָרט, אין דעם קעסעלגרוב פון ויכוחים און פלפולים, ניט צוגעשטאַנען צו קיין איין צד. אַ געבוירענער אין דאָרף, האָט פּעסענקאָ זיך געהאַלטען פאַר אַ קענער פון פויערשען לעבען. פלעגט ער שרעקליך אויפגעבראַכט ווערען פון באַקונין'ס אַנאַרכיסטישע טעאָריעס און זיין אַנזיכט אויפ'ן רוסישען פאָלק, אַז ער איז שטענדיג פאַרטיג צו מאַכען אַן אויפשטאַנד, איז אַלטרואיסטיש א. אז. וו. ס'האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניג געבאָרענער פאַרשטאַנד, שטאַרקייט און גייסטיגע זעלבסטשטענדיגקייט אָפען ארויסצוטרעטען דאַן געגען באַקונין'ס אַווטאָריטעט, ווען אין אַלע רעוואָלוציאָנערע קרייזען איז מען היגנעריסען געוואָרען פון זיינע טעאָריען. אויסגעהאָלפען געוואָרען איז פּעסענקאָ פון דעם, ווי איך האָב שוין געזאָגט, וואָס ער איז גרינדליך באַקאַנט געוואָרען מיט מאַרקס' „קאַפּיטאַל". איך געדענק אָבער אַנדערע מענשען אין יענער צייט, וואָס האָבען אויך אויסגעשטודירט אָט די ווערק, ווי צ. ב., יוזאָוו־קאַבליץ, פלעבאַנאָוו, טישצענקאָ, פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך געהאַלטען ביי באַקונינ'ס אַנזיכטען.

טרודניצקי — דער אַזעוו פון די 70־ער יאָהרען.

איך געדענק ניט וויפיל צייט האָבען פעסענקאָ און ליזאָגוב פאַרבראַכט אין מערב־אייראָפּאַ. דאַכט זיך, גאַנץ לאַנג. זיי זיינען געווען אין פאַרשיידענע לענדער, און אַזוי ווי א סך אַנדערע אונזערע עמיגראַנטען האָבען זיי זיך פאַרזאָרגט מיט'ן זיכערסטען „פּלאַן", וואָס גיכער גליקליך צו מאַכען אונזער פאַטערלאַנד, און אין אָסיען פון יאָהר 1874 זיינען זיי צוריק אַוועקגעפאָהרען נאָך רוסלאַנד. אָבער אויפ'ן גרענעץ האָבען זשאַנדאַרען זיי פאַרהאַלטען, און, הגם מ'האָט ביי זיי קיין שום „טריפה" ניט געפונען, פונדעסטוועגען האָט מען ליזאָגוב'ן אַוועקגעשיקט אויף זיין טשערניגאָווער מאַיאָנטעק און פעסענקאָ'ן האָט מען פאַרגעשלאָגען אליין אויסצוקלייבען א שטאָדט וואו צו וואוינען, אָבער ער זאָל זיך אונטערשרייבען, אַז ער וועט פון דאָרט ניט אַרויספאָהרען. שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז פאַרהאַלטען זיינען זיי געוואָרען אויף דער מסירה פון טרודניצקי'ן, וועלכע האָט דאַן געקראָגען אַזאַ טרויעריגע „שוואַרצע באַריהמטקייט", ווי שפּעטער אַזעוו.

פאַרביי־געהענדיג וויל איך דאָ באַמערקען, אַז פאַר אונז, רעוואָלוציאָנערען פון די 70־גער יאָהרען, איז טרודניצקי נאָך עד היום א רעטעניש: וואָס האָט איהם, א פאַרמעגליכען, ניט קיין נאַרישען און גאַנץ אַנטוויקעלטען מענשען, געבראַכט צו פאַרראַטען זיינע אידעאַלען און אַרויסגעבען די בעסטע פריינד זיינע, חברים, און אויך אפילו איהם גאַנץ אומבאַקאַנטע און אומשולדיגע מענשען?

דעם מענשען'ס נשמה איז אין אַלגעמיין א פאַרפלאָנטערטער פינסטערער וועג, אָבער א פאַררעטער'ס נשמה איז אַן אומדורכזיכטבאַרער זומפּ.

טרודניצקי איז געווען א קליינער גוטסבאַזיצער אין א מאַלאָרוסישער גובערניע. אין יענער צייט איז ער אויך געווען אין אויסלאַנד, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט א סך רעוואָלוציאָנערען און איז צוגעשטאַנען צום קרוזשאָק פון די ברידער זשעבוניעוו. ער האָט זיין איינקופט אַוועקגעגעבען פאַר דער באַוועגונג, ווי דאָס איז געווענליך געווען דער פאַל מיט פילע אַנדערע, און איז „אַוועק אין פאָלק", אַלס דאָרף לעהרער. אָבער אין גיכען, גאָר אָהן דער קלענסטער אורזאַכע, האָט ער פּלוצלונג

אוועקגעשיקט א גרויסע מסירה צו דער דאמאָלסט מורא'דיגער „דריטער אפטיילונג", און האָט ניט בלויז מיט מאסען איינצעלהייטען דערצעהלט אלץ, וואס ער האָט געזעהן און געוואוסט, נאָר אויך א סך וואס איז געווען ניט מעהר ווי די פרוכט פון זיין אייגענער רייכער פאָרשטעלונגס־קראפט.

אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פון יענער צייט איז דאָס געווען די ערשטע מסירה, וואָס האָט פאַראורזאכט א מאסע צרות און אומגליק פאר אן אונגעהויערע צאָהל מענשען. די פאָלגען זיינען געווען שוידערליכע: עטליכע הונדערט יונגעלייט זיינען איינגעשפארט געוואָרען אין פעטראָפאוולאָווער פעסטונג, וואו א סך פון זיי זיינען נאָך פאר'ן געריכט אויסגעשטאָרבען פון קראנקהייטען, ארונטער פון זינען, באגאַנגען זעלבסטמאָרד. די איבריגע זיינען אפגעזעסען צו עטליכע יאָהר און דערנאָך פאָרגעבראכט געוואָרען פאר א געריכט, באקאנט אלס דער „גרויסער פראָצעס" אָדער דער „פראָצעס פון 193.*)

פעסענקאָ'ן און ליזאָגוב'ן האָט טרודניצקי, דאכט זיך, גאָר ניט געקאָנט; ער האָט בלויז וועגען זיי געהערט. דאָך האָט ער זיי אריינגעשריבען אין זיין צעטעל אין דער מסירה.

פראָפעסאָר זיבער, דער איינציגער אין דער וועלט, וואס האָט אָפען אין אוניווערזיטעט געפּרעדיגט מארקס' לעהרע.

פעסענקאָ האָט אויסגעקליבען די שטאָדט קיעוו. אמת, נאָך טרודניצקי'ס מסירה זיינען דאָרט פאָרגעקומען אזוי פיל ארעסטען, אז אלע זיינען געווען אין גרויס שרעק, און פארפאָלגטע פון דער פּאָליציי איז ניט געווען וואו צו באהאלטען זיך. אָבער דאָרט איז גראד דאן געווען פראָפעסאָר נ. זיבער, וועלכער איז געווען דער איינציגער אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, וואָס האָט אָפען פון דער אוניווערזיטעט־בימע געפרעדיגט מארקס' לעהרע. האָט פעסענקאָ'ן געצויגען אהין. ווי נאָר ער איז געקומען אין קיעוו איז ער אוועק זיך באקענען מיט איהם.

---

*) אין צוויי יאָהר אַרום, זומער 1876, האָט די רעגירונג באַריכטעט, אַז טרודניצקי, וועלכער איז געווען אין קאַווקאַז אַלס רעגירונגס באַאמטער, האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבען. צי דאָס איז געווען אַלס רעזולטאַט פון געוויסענסביסע, איז אומבאַקאַנט.

פּעסענקאָ פלעגט זעהר שטאַרק ליבען זיבער'ן, אַז ער איז געווען איבערגעגעבען מאַרקס' לעהרע און פלעגט אָפען און מוטיג זי פאַרטיידיגען אין זיינע לעקציעס און אין דער פּרעסע. און דאָך האָט ער ניט אין אַלעם איינגעשטימט מיט פּעסענקאָ'ן וועגען דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, הויפּטזעכליך וועגען דער נויטיגקייט פון פּראַקטישער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

זיבער איז געווען א הייסער מאַרקסיסט טעאָרעטיש, אָבער ער האָט געלייקענט, אַז מ'דאַרף פאַרווירקליכען מאַרקס' אַנזיכטען אין דער פּראַקטיק. זיין מיינונג איז געווען, אַז לויט מאַרקס' און ענגעלס'עס לעהרע וועט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָצעס אַליין, אָהן שום זייטיגע הילף, אומפאַרמיידליך ברענגען צום אונטערגאַנג פון'ם קאַפּיטאַליזם, דאָס הייסט צו דער פאַרווירקליכונג פון דער נייער, קאָלעקטיווער אָרדנונג. אָבער יעדער פאַרזוך פון איינציגע פּערזאָנען און גרופּען, אַזוי גוט ווי פון פּאַרטייען און רעגירונגען, אונטערצוטרייבען דעם דאָזיגען פּראָצעס, קען נאָך, פאַרקערט, אָפּהאַלטען איהם אביסעל. דאָס הייסט, אַז אַנשטאַט נוץ וועט עס גאָר ברענגען שאַדען די גרויסע פּראָצענדע מאַסען.

לויט אָט דער מיינונג, — אין גרונט גענומען א פאַלשע — האָט פּראָפעסאָר זיבער קיין באַדייטונג ניט צוגעגעבען ניט דעם קלאַסען־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, און ניט דער טעטיגקייט פון די אַרבייטער־פּאַרטייען, פאַראיינען א. אז. וו. דאָס הייסט, אַלעס וועט פון זיך אַליין ווערען, ווען די באַדינגונגען וועלען ווערען רייף פאַר דער נייער אָרדנונג, פּונקט ווי א קינד ווערט געבוירען, ווען זי ווערט דערצו צייטיג אין דער מוטער'ס בויך. אַ, מאַרקס אַליין, אין זיין פאָררעדע צו „קאַפּיטאַל", פאַרגלייכט דאָך דעם פּראָלעטאַריאַט'ס קלאַסען־קאַמף מיט דער ראָלע פון א הויבאַמע — האָט זיבער דאָס אויסגעטייטשט פאַרקערט, אַז עס מיינט, דאָס אַ זייטיגער דאַרף זיך ניט אַריינמישען אין דעם נאַטירליכען פּ ר אָ צ ע ס.

האָט זיך פּראָפעסאָר זיבער אויך באַצויגען איראָניש צו אונזערע שטרעבונגען צו פּראָפּאַגאַנדירען די פּויערים און אין אַלגעמיין צו אונזער גאַנצער טעטיגקייט פון „געהן אין פאָלק". ער האָט אָבער פאָלשטענדיג איינגעשטימט מיט פּעסענקאָ'ן וועגען אַנדערע זאַכען, ווי למשל רוסלאַנד'ס צוריקגעשטאַנענקייט. מיכאַילאָווסקי דערצעהלט, אַז זיבער האָט איהם געזאָגט, דאָס „דעם פּויער דאַרף מען פריהער אויסקאָכען אין'ם קאַפּי־

טאָליסטישען קעסעל”. אין דעם האָט פּעסענקאָ איינגעשטימט מיט זיבער׳ן, אָבער אַן אויסנאַמע האָט ער געמאַכט בלויז פאַר די אנהענגער פון די מאָדערנע רעליגיעזע סעקטעס.

מיר האָבען זיך איינמאָל פאַרנאַנדערגערעדט וועגען די אורזאַכען פון דעם חורבן, וואָס איז דאַן געמאַכט געוואָרען אין זייער טעטיגקייט.

— ס׳פאַרשטעהט זיך, — האָט מיר פּעסענקאָ דאַן געזאָגט, — אַז טרודניצקי און אַנדערע פאַררעטער האָבען אויך אין דעם געהאַט אַ האַנט. אָבער אפילו אָהן זיי, בין איך זיכער, וואָלט די גאַנצע באַוועגונג פון „געהן אין פאָלק”, געהאַט אַ דורכפאַל. די אָרט טעטיגקייט, וואָס די באַקונסטען און לאַווריסטען האָבען אויסגעקליבען, האָט קיין ערפאָלג ניט געקאָנט האָבען, ווייל זי איז געווען געגרינדעט אויף דער אידעאליזירונג פון דעם פויער, זיינענדיג פאָלשטענדיג אומבאַקאַנט מיט׳ן פויער. זעהט־זשע, אַ גאַנץ אַנדער זאַך זיינען די אנהענגער פון אונזערע ראַציאָנאַלע סעקטעס. זיי האָבען ניט געלעבט אונטער׳ן יאָך פון פּאַנסטשינע, די גלחים האָבען ניט פאַרפינסטערט זייערע מחות, און די נידערטרעכטיגע פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג האָבען ביי זיי אַנטוויקעלט ניט בלויז אומצופרידענהייט, נאָר אויך פאַראייניגט זיי צווישען זיך, אַנטוויקעלט מעהר אחדות צווישען זיי. אַלס פעלד פאַר אונזער טעטיגקייט דאַרף מען דעריבער אויסקלייבען די מעהר פאָרטגעשריטענע סעקטעס — די „שטונדיסטען”, „מאָלאָקאַנען” און אַנדערע. אַז מ׳זאָל וויסען ווי צוצוקומען צו זיי, ניט אַרויסרופענדיג ביי זיי קיין פאַרדאַכט, וואָלט מען זיכער געקענט זיי פאַראינטערעסירען מיט׳ן סאָציאַליזם.

איך קען זיך שוין ניט דערמאָנען אַלץ וואָס פּעסענקאָ האָט מיר דאַן אַרויסגעבראַכט אין באַצוג צו אָט דעם ענין. איך וויל נאָר באַמערקען, אַז פון אונזער הייגטיגען שטאַנדפּונקט, איז פּעסענקאָ׳ס פּלאַן פון טעטיגקייט ביים פאָלק אויך געווען, ווי מיר׳ן עס שפּעטער זעהן, ניט ווייניגער אוטאָפּיסטיש ווי די מעטאָדען פון די באַקוניסטען און לאַווריסטען. כ׳וויל אָבער דערמאַנען, אַז אין דער זעלבער צייט מיט פּעסענקאָ׳ן האָבען נאָך איניגע אין פאַרשיידענע עקען רוסלאַנד — אין פּעטערבורג קראַווטשינסקי און ראָגאַטשאָוו; אין אָדעס, איוואַן קאָוואַלסקי און איוואַן דראַביאַזגין; אין קיעוו, יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש און יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ — אויך אויסגעקלי־

בען די ראַציאָנאַלע סעקטעס פאַר זייער טעטיגקייטס־פעלד. די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דער צייט האָבען פאַרשיידענע מענשען אין פאַרשיידענע אומשטענדען געבראַכט צו דיזעלבע פּלענער פון פּראַקטישער טעטיגקייט, הגם די פּלענער זיינען געווען ניט ריכטיג און האָבען ניט געטויגט.

פּעסענקאָ'ס מערקווירדיגער איינפלוס אויף זיינע חברים.

דערנעהנטערענדיג זיך מיט פּעסענקאָ'ן, האָב איך אין דערזעלבער צייט איהם באַקענט מיט מיינע חברים. ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, זיינען זיי אַלע געווען יונגע לייט פון אומגעפעהר מיינע יאָהרען. נאָך איין איינציגען געשפּרעך מיט פּעסענקאָ'ן האָט יעדער איינער פון זיי גלייך אַוועקגע־וואָרפען זיין שטודיום און זיין קאַריערע, און זיך „אויף שטענדיג" איבערגעגעבען צו דער טעטיגקייט צווישען פאָלק. דער באָדען איז, פאַרשטעהט זיך, שוין געווען צו דעם צוגעגרייט פון די אַלגעמיינע באַדינגונגען ווי אויך פון דעם, וואָס איך און שצע־פּאַנסקי האָבען זיי פּראָפּאַגאַנדירט. אָבער דאָך האָט אַן אומ־געהויערען איינפלוס אויף זיי געהאַט פּעסענקאָ, איבערהויפּט מיט'ן צויבער פון זיין ריידען, אַז זיי האָבען זיך גלייך, נאָך איין געשפּרעך מיט איהם, אַנטשלאָסען אויף אַזאַ שווערען שריט. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל.

צווישען מיינע חברים אין לעצטען קלאַס גימנאַזיע איז גע־ווען אַ פעהיגער, קלוגער בחור, לאַווורענטיעוו, אַ פּויער'ס אַ זוהן. עפּעס אַ מעצענאַט האָט איהם אויסגעהאַלטען, ער זאָל קענען שטודירען. ער האָט זיך געלערנט זעהר גוט, געווען איינער פון די בעסטע גימנאַזיסטען און האָט געזאָלט קריגען אַ מעדאַל. ווען איך און שטשעפּאַנסקי האָבען געגרינדעט דעם קרוזשאָק פון זעלבסטבילדונג, וואו מ'האָט געלייענט פאַרוועהרטע ביכלאָך, איז לאַווורענטיעוו אויך אין איהם אַריינגעטראָטען. ער האָט אָבער גאָר ניט געהאַט בדעה צו שיידען זיך מיט זיין קאַריערע, פון וואָס ער האָט מסתמא לאַנג גע'חלומ'ט, כדי צוריקצוקעהרען זיך אין זיין פּויערשע סביבה. מיר האָבען פאַרשטאַנען זיין לאַגע און ניט געפּרובירט צו ווירקען אויף איהם. ווען ער האָט זיך אָבער באַקאַנט מיט פּעסענקאָ'ן, האָט ער גלייך נאָכ'ן ערשטען געשפּרעך מיט איהם ערקלערט, אַז ער האָט באַשלאָסען נאָכ־צופאָלגען דעם ביישפּיל פון אַנדערע.

— איך האָב זיך אַלץ ביז איצט ניט געקענט באַשליסען — האָט ער מיר געזאָגט, — ווייל איך האָב מיין פאָטער ניט געוואָלט פאַרשאַפען קיין שמערצען: ער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געוועזן אַ פּאַנסטשעניק, און דאָס איז זיין גרעסטער גליק, זיין שעהנסטער חלום, אַז זיין זוהן זאָל ווערען אַ דאָקטאָר, צי אַ טשינאָווניק, קורץ עפּעס אַ „פּריץ". אָבער, אַפּנים, אַז כ'וועל מוזען צושלאָגען זיין חלום און זיינע האָפנונגען. טאַקע היינט גלייך פאַרלאַנג איך אַ ביטע וועגען באַפרייען מיך פון גימנאַזיע.

באַלד נאָכדעם איז ער אוועקגעפאָהרען אַהיים, ווי ער האָט מיר דערצעהלט, כדי צו באַרוהיגען ווי עס איז זיין פאָטער וועגען דעם אָנגענומענעם באַשלוס זיינעם.

דאָס האָט אונז זעהר געפרעהט, וואָרים מיר האָבען גערעכענט לאַווערענטיעוו'ן פאַר אַ גרויסען געווינס פאַר אונזערע רייהען. וואָס אַנבאַלאַנגט די עגמת־נפש, וואָס דאָס וועט פאַרשאַפען זיין פאָטער, האָט עס דאַן, דעם אמת זאָגענדיג, גאַנץ ווייניג אונז געקימערט. מיר האָבען דאַן אין אַלגעמיין גערעכענט פאַר ניט־פּאַסיג צו „האָבען מיטלייד אויף איינציגע פּערזאָנען, ווען דאָס גאַנצע פאָלק ליידעט".

צוריק פון דער היים איז לאַווערענטיעוו געקומען מיט אַ שוועסטער, וועלכע איז אונטער זיין איינפלוס אויך געוואָרען אַ סאָציאַליסטקע און האָט באַשלאָסען געהן צוזאַמען מיט איהם „אין פאָלק". זיינע עלטערן האָט לאַווערענטיעוו דערצעהלט אַ מעשה, אַז ער האָט פאַר זיין שוועסטער געקראָגען אַ גוטען פּלאַץ אין קיעוו, אַלס דיענסט אין אַ רייכער הויז.

פּעסענקאָ'ס דריי חברים.

באַלד זיינען אויך געקומען פּעסענקאָ'ס דריי חברים, וועגען וועלכע ער האָט מיר פריהער דערצעהלט, אַז ער האָט זיי איינגעלאַדען קומען אין קיעוו. דער פּראָמינענטסטער פון זיי איז געוועזן טימאָפעי קוויאַטקאָווסקי, אַ געוועזענער סטודענט־טעכנאָלאָג, אַן אומלעגאַלער, וועמען די זשאַנדאַרמעריע האָט געזוכט אין פאַרבינדונג מיט'ן „גרויסען פּראָצעס", — אַ ברודער פון אַלעקסאַנדער קוויאַטקאָווסקי, וועלכער איז היינגעריכטעט געוואָרען פאַר באַטייליגען זיך אין דעם אויפרייס פון צאַרסקען ווינטער־פּאַלאַץ, וואָס כאַלטורין האָט אַראַנזשירט. ער האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך גוטען איינדרוק,

ווייל ער איז געווען א קלוגער, אן אנטוויקעלטער, און איבער־הויפט א פרעהליכער און א זעלטען־פעהיגער צו באפריינדען זיך שנעל מיט מענשען. פון נאטור איז ער געווען א מענש, וואס האט האלט געהאט א הוליע צו טאן, א לעב טאן א גוטען טאג, נאר נישט אייך... ניט געקענט אייגהאלטען ביי זיך קיין געלט. דעריבער זיינען מיט איהם געווען אומצופרידען אייניגע פון אונזערע, וואס זיינען געווען באזונדערס שטרענג צו זיך און האבען מורא געהאט אויסצוגעבי[illegible]ן איבריגען גראשען, ווייל זיי האבען גע־דענקט, אי[illegible]אס געהערט אלץ צום פאלק.

א גאנץ אנדערער מענש איז געווען סאקאוויטש, פעסענ־קא'ס א חבר פון פעטראגראדער יורידישען פאקולטעט. אזוי ווי פעסענקא און זיין בוזים־פריינד ליזאגוב, האט סאקאוויטש פאר־לאזען דעם אוניווערזיטעט, ווען ער איז געווען אין לעצטען קורס און האט זיך אוועקגעלאזען „אין פאלק“, וואו ער איז אזוי פראסט און גראב געווארען, אז ער האט אין גאנצען פארלארען זיין אינטעליגענטען קולטורעלען אויסזעהן. אלע זיינע חברים האט ער געשעצט בלויז לויט זייער פעהיגקייט צו זיין טעטיג ביים פאלק. אויב אימיצער האט, לויט זיין מיינונג, ניט געפאסט פאר אזא טעטיגקייט, ס'הייסט ניט געטויגט צו שווערע פיזישע אר־בייט און אויסצושטעהן אלערליי צרות, און האט ניט געקענט אויסזעהן ווי א פשוט'ער פויער, האט סאקאוויטש אויף איהם געקוקט ווי אויף א טויגעניכטס, עפעס א שלים־מזל. דערפאר, אויב אימיצער פון אונז האט אנגעטאן א מוזשיצקען בגד און האט דערביי אויסגעזעהן ווי א מוזשיק, האט סאקאוויטש פון דעם געטאנצט פאר שמחה. ער אליין, אפילו וואוינענדיג אין קיעוו, האט שטענדיג געטראגען פויערסקע קליידער און איז געווען זעהר שטאלץ מיט דעם, וואס ער קוקט אויס ווי א ריכ־טיגער מוזשיק. ער איז דערפאר א שעהן ביסעל באליידיגונגען אויסגעשטאנען און ניט איינמאל אפילו קלעפ געקראגען, אבער ער איז יעדען מאל געווען העכסט צופרידען, גליקליך פון דעם. ער פלעגט מיט'ן גרעסטען פארגעניגען דערצעהלען וועגען דעם.

פעסענקא'ן האט סאקאוויטש אויך ניט שטארק ליב געהאט און קיין צופיל אכטונג צו איהם ניט געהאט, ווייל ער איז אין דער הינזיכט געווען דער היפוך פון איהם. אפנים, אז זייערע באציהונגען זיינען נאך פון פריהער געווען שטארק אנגעצוי־גענע, ווארים זיי האבען זיך איינער וועגען אנדערען אפגערופען ניט שמייכעלהאפט. סאקאוויטש איז אין אלגעמיין געווען

שטענדיג אויפגערעגט, פלעגט זיך טשעפען אמאל אומזיסט, אויף אן אומגערעכטען אופן. דאס קען ערקלערט ווערען מיט זיין געזונטס־צושטאנד: ער איז געווען א קרענקליכער, שוואכער מענש. אין דער זעלבער צייט אבער איז ער אהן צווייפעל געווען איינער פון די אויפריכטיגסטע, איבערגעבענסטע פראפאגאנדיסטען.

דער דריטער פריינד, סאקאלאוו, איז שוין געווען א ביסעל אנדערש, ניט אזא ענגער, איינזייטיגער מענש, ווי סאקאוויטש. סאקאלאוו איז געווען א קלוגער, אן ענערגישער, און שטענדיג אין א פרעהליכען צושטאנד, האט האלט געהאט א שפאס טאן, דערצעהלען א שעהנע מעשה'לע, צי א וויץ, פון פויערשען אדער גלח'שען לעבען, מיט וואס ער איז געווען נאהענט באקאנט, ווארים ער איז געווען א דארפס־גלח'ס א זוהן. ער האט זיך אונטערשיידעט פון סאקאוויטש'ען מיט דעם, וואס ער האט אויסגעזעהן יונג, געזונט, די באקען תמיד רויט, ווי ביי א דארפישען שייגעץ. עהנליך צו סאקאוויטש'ען איז ער געווען מיט דעם, וואס ער איז אויך שטענדיג אומגעגאנגען אין פויערשע זאכען, וועלכע האבען איהם זעהר געקליידעט.

סאקאוויטש און סאקאלאוו זיינען געווען די איינציגע, וואס האבען דערגרייכט דעם אידעאל פון פארוואנדלען זיך אין „פשוט'ע" מענשען, כמעט פויערים. זיי זיינען שוין געווען אין דארף, וואו זיי האבען איינגעפיהרט א מין קוזניע־ארטעל, צוזאמען מיט נאך עטליכע פויערים. אבער ס'איז ביי זיי ארויסגעקומען עפעס א קריג מיט אנדערע חברים, און איינער פון זיי האט גע'מסור'ט, האבען זיי געמוזט אנטלויפען.

.16

מיר גרייטען זיך צו צו פראפאגאנדירען די מאדערנע סעקטאנטען.

מיר האבען זיך, אלזא, גענומען צופערטיגען צו געהן פראפאגאנדירען די סעקטאנטען. די צופערטיגונג איז באשטאנען אין דעם, וואס פעסענקא פלעגט קומען אויף דער אלגעמיינער וואהנונג פון אונזער קרוזשאק, וועלכער איז באשטאנען פון א מאן פופצעהן (צי אפשר אכטצעהן, כ'געדענק שוין איצט ניט), און פלעגט פאר אונז פארלעזען פראפעסאר זיבער'ס לעקציעס

און מאכען אויף זיי זייגע אייגענע פירושים. דערצו האָבען מיר באַדאַרפט אליין אויך לעזען וועגען די סעקטעס, ווי אויך לער־נען די ביבעל, דעם עוואנגעליום (ברית־חדשה), און אנדערע הייליגע ביכער.

סאַקאַוויטש און סאַקאַלאַוו, ווידער, וועלכע האָבען זיך שוין „באקענט מיט'ן פאָלק" אויף דער פּראקטיקע (כאָטש אין גאנצען ניט מעהר ווי עטליכע מאָנאטען פּראקטיקע), און ניט בלויז פון ביכער, האָבען זיך גענומען אונז „צושלייפען", פּאָלי־רען, צוגרייטען אונז צו דער פּראקטישער זייט פון דער פּראָ־פּאגאנדע.

דאָ מוז איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען פּעסענקאָ'ס פּלאן פאר אונזער טעטיגקייט.

פּעסענקאָ האָט אונז פאָרגעשלאָגען, אז מיר זאָלען ניט אומלויפען פון איין פּלאץ צום צווייטען, נאָר זיך באזעצען אין איין דאָרף, ביי אַ געוויסע סעקטע און פארבלייבען דאָרט וואוי־נען אַ גאנצע צייט. דורך דער צייט האָבען מיר באדארפט זיך נאָהענט באקענען מיט די סעקטאנטען און זיך אויפפיהרען אַזוי, אַז זיי זאָלען נעמען זוכען צו באקעהרען אונז צו זייער אמונה און צוריידען אונז אַנצושליסען זיך אָן זיי. מיר האָבען ניט באדארפט זיי גלייך אנטזאגען, אָבער אויך ניט לאָזען זיך איינ־ריידען. פאַרקעהרט, מיר האָבען דאביי באדארפט פּראָפּאגאנ־דירען זיי אונזער לעהרע און זעהן אויף אלערליי אופנים באַ־קעהרען זיי צום סאָציאַליזם. מיר האָבען אָבער געמוזט האנדלען פאָרזיכטיג, מיט שכל, דיפּלאָמאטיש. מיט דער צייט, אז מיר וועלען קריגען אויף זיי אַן איינפלוס און פארנעמען צווישען זיי אַ בכבוד'ען פּלאץ, וועלען מיר גרינדען ביי זיי אַ קרוזשאָק פון די מעהר אנטוויקעלטע און פעהיגערע צווישען זיי.

אויף אַזאַ אופן וואָלט אין אַ פארהעלטניסמעסיג קורצע צייט זיך פארשפּרייט אַ נעץ פון קרוזשאָקען און גרופּען, פריהער צווישען סעקטאַנטען און דערנאָך אויך צווישען אַזוי פּויערים, און ביי אַ גינסטיגען גאנג פון אומשטענדען וואָלט אפשר דער סאָציאַליזם ווי אַ שטורם זיך צופלאַקערט איבער גאנץ רוסלאַנד און געשטירצט די איצטיגע צופוילטע אָרדנונג...

פּעסענקאָ האָט געגלויבט, אז די סעקטאַנטען קענען שפּילען אַ ריזיגע ראָלע אין אַ רעוואָלוציאָנערער באוועגונג: אַ ראיה, זיי האָבען שטענדיג אַ טעטיגען אנטייל גענומען אין אלע גרויסע פאָלקס־באוועגונגען פון דער פארגאנגענער צייט, ווי אין די

אויפשטאנדען פון סטענקא ראזין, בולאווין, פוגאטשאָוו און אנדערע.

און דער קלוגער, אנטוויקעלטער, ערנסטער פעסענקאָ, וועל־כער איז שוין געווען איבער דרייסיג יאָהר אלט, און מיט איהם אויך די איבעריגע, א סך גאנץ קלוגע דערוואקסענע מענשען, האָ־בען דעם דאָזיגען „פּלאן“ גאָר ניט געהאלטען פאר א פּוסטע פאנטאזיע, א חלום, אן אוטאָפּיע!

פעסענקאָ איז טאקע געווען א נאָכפאָלגער פון מארקס׳ן און ענגעלס׳ן, פונדעסטוועגען האָט ער די הויפּט־געוויכט דאן געלעגט ניט אויף די פאבריק־ארבייטער, נאָר אויף די סעק־טאנטען. דאס צייגט, אז אפילו פעסענקאָ האָט זיך ניט באַ־פרייט פונ׳ם איינפלוס פון זיין צייט. ער האָט זיך אויך אונ־טערוואָרפען דער מיינונג, וואס האָט דאן געהערשט אין רוס־לאנד, אז צוליב דער קליינער צאָהל ארבייטער אין רוסלאנד און אין אלגעמיין צוליב די אנטוויקלונגס־באדינגונגען פון אונזער לאנד וועט אין דער באלד־אָנקומענדער רעוואָלוציע שפּילען די הויפּט־ראָלע ניט די שטאָדטישע נאָר די דאָרפישע באפעלקערונג.

און מיר, די איבריגע פון אָט דעם סעקטאנטסקען קרוזשאָק, האָבען איהם נאָכגעפאָלגט, ניט איבערגעטראכטערהייד. איך בין דעריבער, אייגענטליך, געווען אין א מאָדנע לאגע. ביז מיין באקאנטשאפט מיט פעסענקאָ׳ן, האָב איך פּראָפּאגאנדירט א צוויי־דריי ארבייטער פון דעם קארעט־ווערקשטאָט, ווי איך האָב שוין דערצעהלט. נאָכדעם אָבער ווי איך האָב זיך באפריינ־דעט מיט אָט דעם פארברענטען נאָכפאָלגער פון די גרינדער פון׳ם וויסענשאפטליכען סאָציאליזם, וואָס איז געבויט אויפ׳ן ארביי־טער־קלאס, אויפ׳ן פּראָלעטאריאט, האָב איך אויפגעגעבען צו פּראָפּאגאנדירען די ארבייטער.

17

מיר שטעלען זיך אין פארבינדונג מיט׳ן זשיטאָמירער קרוזשאָק.

אונזער קרוזשאָק, — לאָמיר איהם רופען „פעסענקאָ׳ס קרו־זשאָק“, — איז געווען ניט ערגער און ניט בעסער פון אנדערע. איך האָב געהאט א געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט אנדערע און איך וועל זיי שפּעטער באשרייבען. דערווייל וועל איך דאָ דערצעהלען

װעגן אײנעם, אַ פּראָװינציאַלען קורזשאַק, מיט װעלכען אונזערער איז געװען אַ טאַנץ אין ענגער פאַרבינדונג.

נאָך אײדער איך האָב זיך באַקענט מיט פּעסענקאָ'ן, האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ פּעטערבורגער סטודענט — זײן נאָמען איז, דאַכט זיך, געװען װאָלפּסאָן — װעלכער איז אַרױסגעשיקט געװאָרען אין זײן געבורטסשטאָדט זשיטאָמיר. ער איז געװען ניט קײן נאַר, אַ גאַנץ אַנטװיקעלטער, ענערגישער מענש. בײ אונזער ערשטען געשפּרעך האָט זיך אַרױסגעװיזען, אַז מיר האָבען דיזעלבע סאָציאַליסטישע אַנשױאונגען. האָבען מיר זיך שנעל באַפרײנדעט און אָפּגעמאַכט, אַז װען ער װעט קומען אַהײם, ס'הײסט אין זשיטאָמיר, זאָל ער גלײך זעהן פּראָפּאַגאַנדירען דאָרט די מעהר פעהיגע, אַנטװיקעלטע יונגע לײט, און איך װעל איהם אױסהעלפען מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור. אין אַ פּאָר װאָכען אַרום האָב איך טאַקע פון איהם ערהאַלטען אַ בריף, אין װעלכען ער האָט מיר דערצעהלט מיט אײנצעלהײטען װעגען דעם ערפאָלג, װאָס ער האָט אין זײן טעטיגקײט, און האָט מיר געבעטען קומען מיט ליטעראַטור.

האָב איך, פאַרשטעהט זיך, ניט געלאָזען איהם לאַנג װאַרטען. איך האָב געקראָגען בײ קאַלאַדקעװיטש'ען אַ פּעקעל פאַרשײדענע אומלעגאַלע ביכער און בין מיט דעם גלײך אָװעק נאָך זשיטאָמיר.

קײן אײזענבאַהן איז נאָך דאַן אין זשיטאָמיר ניט געװען. איז מיר אױסגעקומען צו פאָהרען מיט'ן דיליזשאַנס. איך געדענק, אַז פאַר מײן יוגענדליכער אײגענליבע איז די דאָזיגע ריזיקאַלע, געפעהרליכע רײזע געװען זעהר שמײכעלהאַפט. עס האָט אָבער קײן שום געפעהרליכעס נישט פּאַסירט. אין זשיטאָמיר בין איך פאַרפאָהרען אױף אַן אַכסניא, אָבער װאָלפּזאָן האָט מיר באַלד אַריבערגעשלעפּט צוזאַמען מיט מײן טשעמאָדאַן צו זיך אױף זײן װאױנונג, ניט אַכטענדיג אױף דעם, װאָס ער איז געװען אונטער דער אױפזיכט פון דער פּאָליצײ. אין די פּאַרװאָרפענע שטעדט פון דער פּראָװינץ האָט זיך די פּאָליצײ אין יענער צײט ניט פיל אומגעקוקט אױף דעם.

װאָלפזאָן האָט מיר באַקענט מיט זײן קרוזשאָק, װעלכער איז באַשטאַנען כמעט דורכאױס פון יונגעלײט און מײדלאַך; קײן אײן דערװאַקסענער איז דאַכט זיך צװישען זײ ניט געװען. אפילו מיר, הגם איך בין נאָך דאַן אױך געװען ניט מעהר װי אַ יונגערמאַנטשיק, איז עס אױסגעקומען קשה, אַז אָט זײ װעלען עס מאַכען די איבערקעהרעניש: פאַרניכטען די גאַנצע

אַלטע אָרדנונג און ברענגען אַ נייע. אָבער אַלע, אַפילו באַקונין און לאַוראָוו, האָבען דאָן געהאַלטען, אַז מ'דאַרף גרינדען אַזעלכע פּרווּשאַקען. ס'האָט זיך אַפילו געפונען איינער, פּראָפעסאָר דראַגאָמאַנאָוו, וועלכער איז ארויס געגען אריינציהען אין פּראַקטישער טעטיגקייט נאָך גאָר יונגע מענשען, ניט אַנטוויקעלטע, ניט דערוואַקסענע. ער איז אָבער שוין אַוועק צום צווייטען עקסטרעם. וועגען איהם וועל איך דערצעהלען שפּעטער. לאָמיר דערווייל זיך אומקעהרען צוריק צו די זשיטאָמירער.

איך געדענק ניט, צי איך האָב מיין מיינונג אויסגעדריקט אין זייער אַלעמענס אַנוועזענהייט, צי איך האָב עס בלויז געזאָגט וואָלפּזאָנ'ען און ער האָט עס זיי שוין איבערגעגעבען. נאָר געבראַכט האָט עס צו אָט וואָס. אַ בחור'ל פון אַ יאָהר 15—16, מיט אַ קלוגען, סימפּאַטישען פּנים'ל, האָט זיך צו מיר געווענדעט, ווען איך בין מיט איהם פּאַרבליבען אליין, און געפרעגט אַן עצה, צי ער זאָל פאַרלאָזען זיינע עלטערען, אַוועקוואַרפען די גימנאַזיע און אַוועקגעהן „אין פּאָלק". ער איז געווען אין 4טען צי אין 5טען קלאַס, און זיינע עלטערען זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגליכע מענשען, אָבער ער וועט מיר פאָלגען, וואָס איך וועל איהם ראַטען, האָט ער מיר ערקלעהרט.

דאָס האָט מיר פאַרשאַפט גרויס צופרידענהייט וואָס ער ווענדט זיך צו מיר ווי צו אַ גרויסען מענשען, כאָטש איך בין ניט פיל עלטער געווען פון איהם, אפשר ניט מעהר ווי מיט אַ פּאָר יאָהר.

איך האָב איהם אויסגעפרעגט וועגען פאַרשיידענע זאַכען, ווי אזוי ער לערענט זיך, וואָס ער האָט שוין געלעזען און נאָך עטליכע זאַכען, און האָב איהם זעהר ערנסט געהייסען אָפּלעגען זיין פּלאַן אויף אַ פּאָר יאָהר שפּעטער. דאָס איז פאַר איהם געווען אַן איבעראַרשונג. ער האָט דאָך פון וואָלפּזאָנ'ען געוואוסט, אַז איך האָב ערשט דאָ ניט לאַנג צוריק אַוועקגעוואָרפען מיין קאַריערע, האָט ער ערוואַרטעט, אַז איך וועל איהם אויך אזוי הייסען טאָן. ער האָט עס טאַקע ביי מיר געפרעגט. האָב איך איהם געענטפערט, אַז ערשטענס בין איך דאָך עלטער פון איהם; דערצו האָב איך ביי קיינעם ניט געפרעגט, איידער איך האָב אָנגענומען מיין באַשלוס. ער אָבער ספק'ט זיך נאָך, איז דאָס אַ סימן, אַז ער איז נאָך ניט רייף פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

האָט ער מיר באַדאַנקט און ערקלעהרט, אַז ער וועט מיר

פאַלגען. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז ער האָט געענדיגט גימנאַזיע און איז אַוועקגעפאָהרען אין פּעטערבורג און אַריינ־געטראָטען אין אַן אוניווערזיטעט. איך וויל דאָ באַמערקען, אַז דערנאָך האָט מיר קיינמאָל ניט פאַרדראָסען פאַר מיין ראַט וואָס איך האָב איהם געגעבען, ווי אויך וואָס איך פלעג אַלעמאָל אָפּריידען צו־יונגע מענשען פון צוצושטעהן פאַר דער צייט צו רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. מיין רעכענונג איז געווען: אויב זיי, אַט די יונגע לייטלאַך, באַזיצען אַ שטאַרקע נייגונג צו מקריב זיין זיך פאַר'ן פאָלק, וועלען זיי פריהער אָדער שפּעטער סאַי ווי צושטעהן צו אונז; אויב אָבער ניט, אויב זיי געהערען ניט צו אונז, דאַרף מען זיך ניט באַנוצען מיט זייער יוגענד און לייכטזיניגקייט און אַריינשלעפּען זיי אין אַזאַ סביבה, פון וואַנען זיי וועלען שפּעטער אַנטלויפען.

* * *

אַ צופרידענער מיט מיין ערשטער „העכסט־געפעהרליכער" רייזע, בין איך אין עטליכע טעג אַרום צוריק אַוועקגעפאָהרען אין קיעוו, וואו איך האָב פאַר קאַלאַדקעוויטש'ען און דאָקטאָר עממע'ן דערצעהלט אַלץ, וואָס איך האָב פאַר דער צייט באַ־וויזען אויפצוטאָן, און זיי זיינען, דאַכט זיך, אויך געווען צו־פרידען מיט מיין אַרבייט. פעסענקאָ'ן, אויף וויפיל איך געדענק, איז אויך געפעלען געוואָרען, וואָס איך האָב געמאַכט אַ „פאַר־בינדונג" מיט די זשיטאָמירער רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטען. שפּעטער, ווען ס'האָט זיך שוין געגרינדעט אונזער קרוזשאָק, האָט מען באַשלאָסען אַוועקצושיקען אַהין מיך און טימאָפעי קוויאַט־קאָווסקי'ן, אום צו זעהן מעהר פּראָפּאַגאַנדירען די דאָרטיגע יוגענט.

די ערשטע רייזע מיינע האָב איך געמאַכט אין אָסיען; איצט, אָבער, די צווייטע איז אונז אויסגעקומען ווינטערצייט. האָבען מיר זיך גאַנץ גוט אָנגעפּרוירען, ווייל מיר האָבען ניט געהאַט געננג וואַרימע קליידער אויף זיך, און דאָך האָט אונז די רייזע פאַרשאַפט פאַרגעניגען. אויף יעדער סטאַנציע, וואו מ'פלעגט זיך אָפּשטעלען בייטען פערד, פלעגען מיר אַריינלויפען טרינקען טעי, אָדער כאַפּען אַ שנעפּסעל און פאַרבייסען מיט עפּעס גע־שמאַק. אמת, איך האָב עס ניט געהאַלטען פאַר שטאַרק לויבענס־ווערט אויסצוגעבען „דעם פאָלק'ס געלט אויף אונזער קישקע", און איך האָב עס געזאָגט מיין חבר. ער האָט געזוכט אויס־צו'פלפול'ן, באַרוהיגען מיר, אַז ס'איז קיין פאַרברעכען ניט, וואָס

מיר ווארימען זיך אן אויף א קינסטליכען אופן, ווארים דאס פאלק אליין אין אזעלכע פאלען טוט עס אויך, און נאך ווי אזוי. דאס האט מיר אבער אלץ ניט בארוהיגט.

יונגע אידישע מיידעל, וועלכע הויבט די ערשטע אויף א פאהן אויף א דעמאנסטראציע אין פעטערבורג.

ווען מיר זיינען געקומען אין קיעוו, איז וואלפזאן'ס קרוזשאק געווען א סך גרעסער ווי פריהער, ווען איך האב איהם איבערגעלאזען. אין איהם זיינען שוין אריין עטליכע דערוואקסענע מענשען; געווען זאגאר א לעהרער פון גימנאזיע, א מיטעליעהריגער מענש און א טשינאווניק פון פאטשט. פון די נייצוגעקומענע יונגע האט אונזער אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען די גימנאזיסטקע פעליציע שעפטעל, מיט איהר ליבליכען אויסזעהן, ווי אויך מיט איהר קוראזש און איבערגעבענהייט צו דער רעוואלוציאנערער טעטיגקייט און איהר אנטשלאסענהייט צו ליידען און מקריב זיין זיך פאר דער באוועגונג.

מיט אומגעפעהר א יאהר שפעטער — דעם 6טען דעצעמבער, 1876 — האט זי עס באוויזען, אין דער צייט פון דער באריהמטער ערשטער דעמאנסטראציע אויפ'ן קאזאנער סקווער אין פעטערבורג, וואו פלעכאנאוו האט דאן געהאלטען א רעדע. זי האט עס פאנאנדערגעוויקעלט א רויטע פאהן און אויסגעשריען: „פארווערטס, חברים, מארשירט נאך מיר!" זי איז דערפאר פאראורטיילט געווארען בלויז פארשיקט צו ווערען אין סיביר, ווייל זי איז נאך געווען א מינדעריעהריגע. די איבעריגע זיינען פאר'משפט געווארען צו קאטארגע.

קוויאטקאווסקי, וועלכער איז אין אלגעמיין געווען א ליבהאבער פון פרויען, און באזונדערס פון שעהנע פרויען, איז פשוט באצויבערט געווארען פון דער פרעכטיגער בלאנדינקע שעפטעל. ער איז שוין פון איהר ניט אפגעטראטען און זיך געסטארעט מיט אלע כחות צוצוציהען איהר נעהנטער צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג. ער האט איהר גענומען איינרייידען זי זאל פארלאזען די גימנאזיע און די עלטערען, וועלכע זיינען געווען רייכע לייט, און נעהמען זיך גלייך גרייטען צו „געהן אין פאלק". זי איז ניט געווען דאגעגען, נאר זי האט פריהער געוואלט הערען אויך מיין מיינונג וועגען דעם. איך אבער, פונקט ווי אין פריהערדיגען פאל, ווי כ'האב שוין דערצעהלט, בין געווען געגען דעם, אז נאך אזא יונגע, — זי איז געווען ניט מעהר ווי א יאהר זעכצעהן-זיבצעהן — זאל שוין „פארברענען די שיפען

הינטער זיך״. און איך האָב אויסגעפיהרט, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס קוויאַטקאָווסקי איז געווען עטליכע יאָהר עלטער פון מיר. זי האָט ניט אָוועקגעוואָרפען די גימנאזיע, און אין אַ יאָהר ארום איז זי אַוועקגעפאָהרען אין פּעטערבורג, אום אריינצוטרעטען דאָרט אין אוניווערזיטעט. אַ ביסעל שפּעטער האָט זי עס זיך באַטייליגט אין דער קאַזאַנסקער דעמאָנסטראַציע.

אין דער צייט, אַלזאָ, וואָס קוויאַטקאָווסקי האָט זיך געדרעהט ארום דער שעהנינקער שעפּטעל, האָב איך זיך, פאַרקעהרט, מעהר אינטערעסירט מיט די נייע מיטגלידער, און באַזונדערס מיט׳ן לעהרער פון גימנאַזיע. איך האָב מיט זיי וואָס מעהר געשמועסט און זיך באַמיהט וואָס גרינדליכער צו דערקענען זיי. וועניגער פון אַלעמען איז מיר געפעלען געוואָרען דער גימנאַזיע־לעהרער. דאָס קלינגט זאָנדערבאַר, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז ער האָט אויף אונז געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ווייניג־אַנטוויקעלטען מענשען, וואָס האָט זיך ניט גענוג קלאָר געמאַכט אונזערע אויפגאַבען און שטרעבונגען. דערצו איז ער ניט געווען קיין ענערגישער מענש, אַ וויכער אין נאַטור, אַ שמאַטע, אָהן איניציאַטיווע, און פּלעגט אין אַ סך זאַכען נאָכגעבען די מיינונגען אפילו פון זיינע תלמידים, נאָך גאָר יונגע לייטלאַך, וואָס זיינען געווען ביי אונז אין קרוזשאָק.

שפּעטער האָב איך געהאַט די געלעגענהייט אויסצוגעפינען, אַז אַ סך לעהרער זיינען עהנליך צו יענעם. אפּנים, אַז די לעהרער־פּראָפעסיע, פּונקט ווי יעדער אַנדער פּראָפעסיע, לעגט אויף זיי ארויף אַ באַשטימטען שטעמפּעל. דאָס זעלבע מעג מען זאָגען וועגען פּראָפעסאָרען, ביי אונז אין רוסלאַנד אזוי גוט ווי אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע: אין אַ געוויסען גראַד האָבען זיי, אויף וויפיל איך קען זיי, פון דעם דאָזיגען זאָרט איינגעשאַפּט ווי דער זשיטאָמירער לעהרער. קענטיג, אַז דער לערנען טאָגטעגליך אַלץ דיזעלבע זאַכען פאַרטעמפּט זיי, מסתמא, און מאַכט זיי ענג און גלייכגילטיג צו אַלעם אַנדערען. מ׳דאַרף זיך משער זיין, אַז ס׳מוזען, פאַרשטעהט זיך, זיין אויסנאַהמען, אָבער איך האָב אין מיין לעבען קיין איינעם ניט באַגעגענט.

דער פּאָטשט־באַאַמטער איז אויך ניט געווען קיין באַזונדערס פעהיגער, אנטוויקעלטער, אָבער דאָך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ לעבעדיגען, ענערגישען מענשען, וואָס איז גרייט אריינצוואַרפען זיך אין קאַמף. ער האָט גלייך אויסגעדריקט דעם וואונש אַנצושליסען זיך אָן אונזער קיעווער קרוזשאָק און

געבעטען אונז מיטצונעהמען איהם. מיר האָבען איהם אָבער געבעטען אויפוואַרטען אַ ביסעל, ביז מיר וועלען איהם צושיקען אַן ענטפער פון קיעוו, וואָרים אונזער קרוזשאָק, האָבען מיר איהם ערקלעהרט, האָט אונז ניט באַפאָלמעכטיגט אריינצונעהמען נייע מיטגלידער. ער האָט אָבער ניט געוואַרט אויף אונזער ענטפער, און איז אליין געקומען אין קיעוו. האָבען מיר זיך ניט געקענט העלפען און איהם אריינגענומען.

אחוץ די דערמאָנטע דריי, פון וואָלפזאָן'ס קרוזשאָק, מוז איך דערמאָנען נאָך איינעם, וואָס איז פארבליבען אין מיין זכרון. זיין נאָמען איז לאָיקאָ. איך קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען זיין פראָפעסיע, אפילו זיין עלטער, הגם ער האָט אויף מיר און קוויאטקאָווסקי'ן און אויך אויף אַנדערע געמאַכט זעהר אַ גינ־סטיגען איינדרוק. ער האָט זיך טאַקע דערנאָך ארויסגעוויזען פאַר זעהר אַ ערנסטען, געזעצטען, קלוגען מענשען. זיין נאָמען האָב איך שפּעטער געטראָפען ניט איינמאָל צווישען ארעסטירטע און פארשיקטע אין סיביר.

18.

אויבערפלעכליכע ווירקונג פון איילינע פּראָפּאַגאַנדע.

די פראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם האָט דאַן, ווי באַוואוסט, געהאַט ערפאָלג ניט בלויז ביי דער שטודירענדער יוגענט אין דרום־רוסישע שטעדט, נאָר אויך אין אַנדערע געגענדען פון רוס־לאַנד. פון דעם באַשולדיגונגס־אַקט פונ'ם „גרויסען פּראָצעס" (193) און פון די עראינערונגען פון פארשיידענע שרייבער פון יענער צייט ווייסען מיר פון פאַלען, וואו איינינע פּראָפּאַגאַנדיס־טען, ווי צום ביישפּיל, די ריכטער סערגעי קאָוואַליק און פאָרפירי וואָינאָראַלסקי, אויך דער געוועזענער ארטילעריע־אָפיציר דימיטרי ראָגאַטשאָוו, זיינען אומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט אין די צענטראַלע גובערניעס און ביי דער וואָלגע און האָבען דורך איין געשפּרעך מיט די דאָרטיגע גימנאַזיסטען און שילער פון מיטעלע שוהלען פארוואַנדעלט זיי כמעט אַלעמען אין „רעוואָלוציאָנערען".

דער ערפאָלג אין אַזאַ קולטורעל־אָפּגעשטאַנענע לאַנד ווי רוס־לאַנד און אין יענער צייט, ניט מעהר ווי אַ צעהנדליג יאָהר נאָך דער אָפּשאַפונג פון פאַנסטשינע, ווערט ערקלערט פון די באַזונ־דערע באַדינגונגען, דורך וועלכע אין רוסלאַנד האָט זיך אַנטוויי־

קעלט אַ געבילדעטער קלאַס אין אַלגעמיין און פאַרשיידענע סאָרטען טשינאָווניקעס בפרט. וועגן דעם איז שוין אַ סך געשריבען געוואָרען. כ'וועל דאָ בלויז דערמאָנען קאַרל מאַרקס'עס באַוואוסטע באַמערקונג, אַז די געבילדעטע רוסישע רייזענדע וועלכע ער האָט געטראָפען אין מערב־אייראָפּאַ, האָבען געהאַט אַ גרויסע נייגונג צום סאָציאַליזם און, אין אַלגעמיין, צו די סאַמע עקסטרעמע טעאָריען, הגם אין דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען פּריצים, אייגענטימער פון האַלב־פאַרשקלאַפטע פּאַנסטשיזניקעס, און האָבען מיט דער צייט פאַרנומען רעגירונגס־שטעלען און זיך פאַרוואַנדעלט אין רעאַקציאָנערען. עהנליכעס האָט פּאַסירט אויך מיט אַ גרויסע מעהרהייט פון דער שטודירענדער יוגענט, וועלכע ס'האָט איילענדיג צוגעצויגען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון די 70גער יאָהרען. דער איינפלוס אויף זיי איז געווען אַן אויבערפלעכליכער און אין אַ פּאָר יאָהר אַרום זיינען זיי אַריינגעטראָטען אין דינסט אַלס טשינאָווניקעס, און זיך צונויפגעגאָסען מיט זייער גראָהע וואָכיגע סביבה. ס'זיינען געווען, ווי באַקאַנט, אויך ערגערע פאַלען. לאָמיר זיך אָבער צוריקקעהרען צו פעסענקאָ'ן.

כ'זעה זיך מיט ליזאָגוב'ן. — מיר פאַרברענגען אַ פראָסטיגע נאַכט אויפ'ן מיטען פעלד.

ניט אַכטענדיג, פונדעסטוועגן, אויפ'ן דאַמאָלדיגען ערפאָלג פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צווישען דער יוגענט, האָבען די מיטגלידער פון אונזער קרוזשאָק, מיט ווענינע אויסנאַמען, ניט געשטרעבט צו געווינען נייע זינונגס־גענאָסען אפילו אין די נאָהענטסטע גרויסע שטעדט לעבען קיעוו. גענומען האָט זיך עס הויפּטזעכליך פון דעם, וואָס מיר האָבען געלעגט צופיל געוויכט אויף אונזער מיסיע צו פּראָפּאַגאַנדירען די סעקטאַנטען. טיילווייז איז אין דעם שולדיג געווען אויך דער מאַנגעל אין מאַטעריעלע מיטלען. קיינער פון אונזערע מיטגלידער האָט כמעט גאָרנישט פאַרמאָגט, און מיר האָבען עקזיסטירט אויסשליסליך אויף דעם, מיט וואָס דימיטרי ליזאָגוב האָט אונז אויסגעהאַלטען. דאָ וועל איך זיך אַ ווײַלע אָפּשטעלען אויף איהם.

מיר האָבען זיך מיט איהם געשיידט, ווען די זשאַנדאַרען האָבען איהם אַרעסטירט ביים גרענעץ און אָוועקגעשיקט אויף זיין טשערניגאָווער מאַיאָנטעק. דאָרט איז איהם זעהר שווער געווען

צו לעבען: אויף א באפעהל „פון דער הויך" האט די ארטיגע
פאליציי איהם זעהר שטרענג באוואכט, ממש די אויגען ניט אראפ־
גענומען פון איהם, נאכגעפאלגט זיין יעדען שריט. מ'פלעגט פאר־
האלטען יעדען נייעם מענשען, וואס פלעגט קומען צו איהם צו־
פאהרען. דאס האט איהם זעהר געערגערט און אויפגערעגט, וואָ־
רים ס'האט ביי איהם צוגענומען יעדע מעגליכקייט צו טאן עפעס
נוצליכע ארבייט פאר דער באוועגונג.

דערווייל האט ער פארלארען זיינע עלטערען, און ער מיט זיין
אינגערען ברודער זיינען געווארען די אייגענטימער פון זעהר א
גרויסען פארמעגען. פארקויפען עס, אום אוועקצוגעבען די געלט
דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, איז ווייט ניט אזוי לייכט געוועז.
דער קלענסטער אומפארזיכטיגער שריט פון זיין זייט וואלט זי־
כער ארויסגערופען א שטרענגע פארפאלגונג, זאגאר עפעס א בא־
זונדער שטראף, ווי צום ביישפיל, אנשטעלען אן אפעקון איבער
זיין פארמעגען, צי אפילו קאנפיסקירען עס. איז ער געוועז גע־
צוואונגען צו היטען זיך, געדולדיג לידען דעם אומעטיגען אונטע־
טיגען סארט לעבען און פארשוויגען די פארשיידענע באליידי־
גענדע פרימשעפקעס פון די פאליציי באאמטע. ער האט אויך גע־
מוזט אנווענדען אלערליי קונצען אויף דורכצושרייבען זיך מיט
פעסענקא'ן, וועלכער האט איהם שטענדיג געלאזט וויסען וועגען
אלץ, וואס ס'קומט פאר אין דער באוועגונג. זעהן זיך מיט איהם
איז געוועז א גרויסע ריזיקע. פאר דער גאנצער צייט פון דער
עקזיסטענץ פון אונזער קרוזשאק האט מען זיך מיט איהם געזעהן
בלויז צוויי מאל. דעם צווייטען מאל, לויט ליזאגוב'ס וואונש, בין
איך געפאהרען צו איהם.

וועדליג די אינסטרוקציעס האב איך באדארפט פאהרען מיט
א געוויסען צוג, אראפגעהן אויף א באשטימטער סטאנציע, ארויס־
געהן אויפ'ן הויף און א רוף טאן דארט דעם פוהרמאן סעליפאן.

האב איך אזוי געטאן, אבער אויפ'ן הויף פון דער דאזיגער
סטאנציע האב איך קיינעם ניט געפונען. דאס האט מיר שטארק
באאומרוהיגט, ווייל איך האב געזאלט קריגען געלט ביי ליזאגוב'ן.
ביי זיך האב איך קיין גראשען ניט געהאט, ווייל קיינער פון מיינע
חברים האט שוין גאר ניט פארמאגט. ניט בלויז אויף א בילעט
צו פאהרען צוריק האב איך ניט געהאט, נאר אפילו ניט אויף
קויפען א גלאז טעי אין בופעט. קיין זאכען האב איך אויך מיט
זיך ניט מיטגענומען. דערצו איז דער וואקזאל געוועז ווייט פון
דארף. אבער רעכענענדיג, אז סעליפאן האט זיך מסתמא צוליב

עפעס פאַרשפּעטיגט, האָב איך זיך אויסגעצויגען אויפ'ן באַנק אין זאַל פון דריטען קלאַס: כלומר'שט געוואַרט אויפ'ן ביינאַכטיגען צוג.

אויפ'ן הארצען, ווי אויך אין מאָגען ביי מיר, איז געווען זעהר טרו־עריג. כ'בין געווען זעהר הונגעריג, און אין קאָפּ האָבען זיך געשטופּט באַאומרוהיגענדע געדאַנקען און שרעק. אויפ'ן וואָקזאַל איז קיינער ניט געווען, א חוץ מיר און דעם וועכטער.

אָבער אָט איז פון הויף אריין עפּעס א מאַן, א גאַנץ פּשוט געקליידעטער, מיט א ביקס אויפ'ן אַקסעל, און זיך געשטעלט ריידען מיט'ן וועכטער. אזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט אַלע ווייַלע לוי־פען אין דרויסען זעהן צו סעליפאַן איז געקומען, אום ניט ארויס־צורופען א פאַרדאַכט ביים וועכטער, האָב איך ביי דעם מאַן א פרעג געטאָן, צי ער האָט ניט באַמערקט א פוהר מיט א קוטשער אויפ'ן הויף.

— קומט מיט מיר! — האָט ער מיר אַלס ענטפער אריינגע־רוימט א סוד.

— זענט איהר, הייסט עס, סעליפאַן? — האָב איך מיט ערשטוינונג געפרעגט, נאָכפאָלגענדיג איהם.

— ניין, איך בין דמיטרי!

ס'איז שווער איבערצוגעבען ווי איבערראַשט איך בין געוואָרען פון דעם ענטפער. איך האָב גוט געוואוסט, ווי פאַרזיכטיג ער דאַרף זיין. ס'איז מיר בשום אופן ניט איינגעפאַלען אז אנשטאַט סעלי־פאַנ'ען זאָל ער אַליין קומען מיר באַגעגענען אויפ'ן סטאַנציע. פּאַ־סירט האָט אָט וואָס:

נאָך דעם ווי ער האָט אוועקגעשיקט דעם בריף מיט די אינ־סטרוקציעס ווי אזוי איך זאָל פאָהרען, האָט ליזאָגוב גענומען זיך שרעקען, טאָמער וועט דאָך פאַר מיר זיין א געפאַהר צו קומען צו איהם. האָט ער געענדערט דעם פּלאַן ווי צו באַגעגענען זיך מיט מיר. ער האָט ערקלערט אין הויז, אז ער געהט אויף געיעג און איז אוועק צופוס צום וואָקזאַל, א מהלך פון איבער פופציג וויאָרסט. ער האָט זיך א ביסעל פאַרשפּעטיגט.

די נאַכט איז געווען אַ גאַנץ קיהלע, א פראָסטיגע. ס'איז געווען אָנפאַנג פריהלינג, און דער שנעע איז נאָך ניט אומעטום צוגאַנגען. הונגעריג זיינען מיר ביידע געווען: אי איך, אי ער האָבען פון דער פריה אָן אין מויל גאָר ניט געהאַט. אָבער אריינ־צוגעהן ערגעץ, אָנוואַרימען זיך און צובייסען איז ניט געווען וואו. האָבען מיר א גאַנצע נאַכט געמוזט אומשפּאַצירען איבער די פעל־

דער, אַמאָל זיך צוזעצען אויף די פאַרפאַראַהרענע בערגלאַך, צי גאָר פּשוט אויף דר'ערד. אום צו דערזעהן אונזערע פּנים'ער, האָבען מיר זיך באַלויכטען מיט שוועבעלעך.

ער איז געווען אַ יאָהר 25-26. פון מיטעלען וואוקס, מיט אַ חלע בערדעל, אַ דינער, אַ שלאַנקער, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ מיליטער־באַאַמטער. אין זיין אויסזעהן איז ניט געווען קיין שום אויסערגעוועהנליכעס, אָריגינעלעס. אָבער, אַז מ'האָט זיך מיט איהם נעהנטער באַקענט, האָט מען דערזעהן, אַז אינוועניג אין איהם ליגט פאַרבאָרגען אַ וואונדערבאַרער, אויסערגעוועהנליכער מענש, אַן אויסערגעוועהנליכער אפילו פאַר יענער צייט, וואָס איז ביי אונז געווען אַזוי רייך מיט מערקווירדיגע מענשען.

אָהן שום הכנות, ווי ס'איז דאַן אָפט געווען די מאָדע, האָט ליזאָגוב מיר געגומען זאָגען „דו", און אונזער געשפּרעך איז גלייך געוואָרען אַ פריינדליכער, אַ חבר'שער, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך שוין געקענט יאָהרען לאַנג און האָבען זיך עס איצט דערזעהן נאָך אַ לאַנגער שיידונג. אייגענטליך איז עס טיילוויז טאַקע אַזוי געווען, וואָרים פּעסענקאָ האָט איהם אין זיינע בריף גאַנץ גוט באַקענט מיט מיר, און מיר האָט ער אַ סך אַנדערצעהלט וועגען איהם. אין יענער נאַכט האָב איך איהם דערקענט זעהר נאָהענט, און מיר זיינען פאַרבליבען פריינד ביז זיין סאַמע הינריכטונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט פינף יאָהר שפּעטער.

פאַרברענגענדיג מיט איהם אין יענער נאַכט, האָב איך אויסגעפונען, אַז פּונקט ווי פּעסענקאָ אידעאַליזירט ער אויך ניט די פּויערים, באַזונדערס זיינע אוקראַינער. כ'געדענק, צום ביישפּיל, אַז ער האָט מיר מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל דערצעהלט פאַרשיי־דענע מעשיות, ווי אייניגע פּויערים האָבען איהם געזוכט אָפּצו־נאַרען, פּשוט באַשווינדלען און אַז זיי פּלעגט זיך עס איינגעבען פּלעגען זיי מאַכען חוזק פון איהם. דערביי האָט ער מיט אַ טרויעריגליכען טאָן באַמערקט, אַז אפילו אונזערע אייגענע ברידער־רעוואָלוציאָנערען טוען עס אויך אַמאָל: זיי ווענדען אָן פּלייגליכע „קונצען" און פאַלשקייטען, כדי ארויסצוקריגען עפּעס אַן אומבאַדייטענדע סומע געלט. אין אַזוינע פאַלען פּלעגט זיי ליזאָגוב געוועהנליך דערנאָך זאָגען: „וואָצו האָסטו באַדאַרפט די ליגענס און פאַלשקייטען? האָסט דאָך געקענט פּשוט זאָגען, אַז דו דאַרפסט אַזוי פיל אָדער אַזוי פיל געלט האָבען און אַן עק".

צו זיך איז ליזאָגוב געווען אַ סך, אַ סך שטרענגער ווי צו אַנ־דערע. זיין שטרענגקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די חברים

פלעגען אזש לאכען פון איהם. ווען ער איז געווען אין פעטערבורג און אין אנדערע גרויסע שטעדט, פלעגט ער געהן צופוס גרויסע שטרעקעס און ניט אויסגעבען קיין געלט אויף א פורמאן אדער טראמוואי; ער פלעגט טראגען אלטע, אפגעריסענע קליידער, עסען אבי וואס, ווייל ער האט איינמאל פאר אלע מאל באשלאסען, אז זיין גאנצער פארמעגען און אלע זיינע פעהיגקייטען געהערען דעם פאלק. און דאס איז ביי איהם ארויסגעקומען גאנץ נאטירליך, אנדערש האט ער ניט געקאנט זיין. ניט אומזיסט האבען איהם זיינע באקאנטע גערופען הייליגער.

מיר האבען זיך געזעגענט ווען ס'האט גענומען טאגען.

איך פאהר נאך בערדיטשעוו און זשיטאמיר קויפען פאלשע פאספארטען.

ענדליך איז געקומען דער פריהלינג, אויף וועלכען מיר האבען געווארט מיט גרויס אומגעדולד, אום אוועקצולאזען זיך שוין „אין פאלק". דער אונטעטיגער לעבען אין קיעוו איז אלעמען דערעסען געווארען. האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז מיר קענען זיך נאך אלץ ניט ריהרען פון ארט, ווייל מיר האבען ניט געקראגען די נויטיגע פויערשע (פארשטעהט זיך, פאלשע) פאספארטען.

א סך זיינען פון דעם שיער ניט פארצווייפעלט געווארען. אבער איינער פון אונזערע אידישע חברים, וועלכער האט געקראגען דעם צונעמעניש „מרדכי", האט אונז פלוצלונג אנגעזאגט, אז זיין ברודער, א סוחר, האט איהם געגעבען א בריף צו עפעס א אידען אין בערדיטשעוו, דורך וועמען מ'קען קריגען אפיציעלע בלאנק־פאפירען פאר פאספארטען.

מיר האבען זיך זעהר דערפרעהט, און אונזער קרוזשאק האט באשלאסען, אז איך בין דער פאסענדסטער מענש צו פאהרען אויף דער דאזיגער שליחות, ווארים איך האב שוין געהאט ערפאלג אין מיינע פריהערדיגע רייזעס. איך האב זיך ניט לאנג געלאזען בעטען, אבער דאס מאל איז עס ניט צוגעגאנגען אזוי גוט ווי פריהער.

ווען איך בין אויף מארגען באגינען געקומען קיין בערדיטשעוו בין איך גלייך פון וואקזאל אוועק אויפ'ן אדרעס, וואס מען האט מיר געגעבען צו דעם אידען. ער האט געוואוינט אויפ'ן סאמע עק שטאדט אין אן אלטע, צופוילטע, האלב־איינגעפאלענע שטיבעל. אינוועניג אבער איז געווען גאנץ ריין, ציכטיג, צוגעקליבען,

כאָטש זעהר אָרים. דער אידעל, ווי אויך זיין פרוי, ביידע נאָך גאַנץ יונגע מענשען, האָבען אויף מיר געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק. זיי האָבען אויסגעזעהן יונג, פריש, געזונט, סימפּאַטיש, און האָבען גערעדט ניט שלעכט רוסיש, וואָס מיר איז באַזונדערס געפעלען געוואָרען, ווייל דאָס איז דאַן געווען אַן אויסנאַם אין בערדיטשעוו.

דער בעל הבית — זיין נאָמען איז, דאַכט זיך, געווען פאַרמאַן — האָט מיר געבעטען עסען און געפרעגט וועגען וואָס איך בין צו איהם געקומען. אויף מיין ערקלערונג, אַז איך וואָלט זיך געוואָלט דורכריידען מיט איהם אליין, ביחידות, האָט ער מיר געענטפערט, אַז פון זיין פרוי פאַרבאַהאַלט ער זיך מיט קיין זאַך ניט. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך זוך צו קויפען עטליכע צעהנדליג בלאַנקע רעגירונגס־פּאַפּירען פאַר פּאַספּאָרטען. איך האָב ערוואַרטעט, אַז זיי וועלען איבערראַשט ווערען, אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט.

נאָך אַ קורצע באַראַטונג מיט זיין פרוי האָט מיר פאַרמאַן ערקלערט, אַז ער וועט געהן אויסגעפינען וואו מ'קען עס קריגען. דערווייל האָט ער מיר פאָרגעשלאָגען צוצולעגען זיך, אָפּרוהען, אַזוי ווי איך בין דאָך מסתמא די גאַנצע נאַכט אין וועג ניט געשלאָפען. אָבער אנשטאַט צו שלאָפען האָב איך בעסער זיך געזעצט פאַרברענגען מיט זיין פרוי, אַ יונגע, שעהנע, און אין מיין עלטער. דער אונטערשייד פון דעם אָרימען אויסוועניגסטען אויסזעהן פון זייער שטיבעל און די ריינקייט, ציכטיגקייט און צונגקליבענקייט אינוועניג האָט מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט צו וויסען וואָס איז זייער געשעפט, פון וואָס האָבען זיי פרנסה. אָבער איך האָב קיין באַשטימטען ענטפער ניט געקראָגען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין שטענדיגען זיכערען קוואַל פאַר חיונה, ווי דאָס רוב אידען־הענדלער פון יענער צייט.

דער דאָזיגער פאַל, הגם ס'האָט פּאַסירט אַזוי לאַנג צוריק, כמעט אַ האַלב יאָהר־הונדערט צוריק, איז פאַרבליבען לעבעדיג אין מיין זכרון. איך געדענק, אַז איך האָב מיט גרויס פאַרגעניגען פאַרבראַכט מיט דער יונגער שעהנהייט, ניט אַכטענדיג אויף דעם וואָס מיר אַלע, און איך אויך, זיינען דאַן געווען גרויסע ריגאָריסטען, ממש פרושים, זעהר שטרענג צו זיך, ניט היינגעריסען צו ווערען פון קיינע זייטיגע נאַרישקייטען. ריידענדיג מיט מיר, איז זי אומגעגאַנגען איבער'ן צימער און געטאָן עפּעס אַ הויז־אַרבייט. איהר גאַנג איז געווען אַ לייכטער, איהרע באַוועגונגען גראַציעזע,

שנעלע. „אין אַ שעהנעם קאָסטיום און אין אַ געהעריגע סביבה, וואָלט זי דאָך געמאַכט אַ וואונדערבאַרען איינדרוק", האָב איך ביי זיך געטראַכט.

די צייט איז אַריבער אומבאַמערקבאַר. פאַרמאַן איז געקו־מען און האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן אַ באַקאַנטען אידען, וועלכער ווייס עפּעס אַ שרייבער אין דער שטאָדט־פאַר־וואַלטונג, וועלכער האָט צו טאָן מיט דער פּאַספּאָרטען־אָפּטיילונג. פאַר אַ געהעריגע מטבעה וואָלט מען עס ביי איהם געקענט קריגען, אָבער ער איז גראַד אָפּגעפאָהרען ערגעץ אויף אַ פּאָר טעג. האָט מיר פאַרמאַן דעריבער פאָרגעשלאָגען, כ'זאָל אָדער וואַרטען אין בערדיטשעוו ביז דער שרייבער וועט צוריק קומען, אָדער צופאָה־רען דערוויילע מיט איהם אין זשיטאָמיר, וואו ער האָט אַן אויס־זיכט עס צו באַקומען.

אַזוי ווי מיינע חברים האָבען אויף מיר געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד, האָב איך באַשלאָסען צו פאָהרען מיט פאַרמאַנ'ען אין זשיטאָמיר, כאָטש דאָס איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות נים, אַן ערך פון אַ פופציג ווערסט, און קיין אייזענבאַהן איז נאָך דאַן נים געווען צווישען אָט די צוויי שטעדט.

ווען איך האָב ערקלערט, אַז איך בין גרייט צו פאָהרען, האָבען די פאַר־פאָלק געגומען זיך סוד'ען און פאַרמאַן האָט געבעטען איך זאָל איהם ווייזען, צי איך האָב די נויטיגע, פאַרהעלטניסמעסיג גרויסע, סומע געלט אויף צו קויפען די סחורה. ער האָט זיך ענט־שולדיגט פאַר מיר, אַז ער קען דאָך מיר נים און טאָמער ווייזט זיך אין זשיטאָמיר אַרויס, אַז איך האָב קיין געלט נים, וועט ער אומזיסט פאַרלירען זיין צייט.

איך האָב זיין טענה געפונען פאַר אַ גאַנץ ריכטיגע, און האָב איהם געוויזען מיין טייסטער, אָן אָנגעשטאָפּטען מיט אסיגנאַציעס, ציהענדיג דערביי זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די הונדערט־רובל־דיגע. אויף זייערע פּנים'ער האָט זיך גלייך אויסגעגאָסען אַן אומ־געהויערע צופרידענהייט, פונקט ווי איך וואָלט זיך מיט זיי פּשוט געטיילט די געלט. דער ריהרעוודיגער, שנעלער, ענערגישער פאַר־מאַן איז איצט, דערזעהענדיג אַזאַ טייסטער מיט געלט, געוואָרען אַזוי באַגייסטערט, אריין אין אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט גענומען כמעט אומפליהען איבער'ן צימער. דערביי האָט ער געקוקט אויף מיר מיט אַזוינע לאַסטשענדע הכנעה'דיגע אויגען, פונקט ווי אַ הינטעל אויף זיין בעל־הבית ווען ער קלייבט זיך געהן שפּאַצירען אָדער אויף געיעג.

זיין פרוי איז געווען טאַקטישער פון איהם, איינגעהאַלטענער, און האָט ניט אַזוי אָפען ארויסגעוויזען איהר פרייד. זי האָט מיר געראַטען בעסער צו פאַרבאַהאַלטען דעם טייסטער. „איהר ווייסט, איהר זייט נאָך אַזוי יונג, און מאַלע וואָס אין וועג קען זיך טרעפען", האָט זי מיר געזאָגט.

מיר זיינען ארויסגעפאָהרען. ס'איז געווען אַ שעהנער, פראַכטפאָלער פריהלינגס־טאָג. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט שמעקעדיגע ריחות פון די פעלדער, וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט פאַרשיידענע סאָרטען בליהענדע תבואות.

— ערלויבט מיר אייך פרעגען, — האָט זיך פאַרמאָן צו מיר געווענדעט, ווען מיר זיינען שווייגענדיג אָפּגעפאָהרען אַ שטיק וועג, — איך קוק אויף אייך און חידוש זיך, ווי קענט איהר עס פאָהרען אַזוי רוהיג?

— וואָסי? ווארום זאָל איך ניט זיין רוהיג? — האָב איך זיך פאַרוואונדערט, ניט באַגרייפענדיג זיין פראַגע.

— כ'פאַרשטעה ניט, איר זייט דאָך נאָך אַזאַ יונגער מענש, און איהר האָט ביי זיך אַזוי פיל געלט... האָט איהר גאָר קיין מורא ניט, טאָמער באַראַבעוועט מען אייך?

— ניין, כ'האָב דערפאַר קיין מורא ניט, מיר'ט קיינער ניט באַראַבעווען, — האָב איך געענטפערט מיט אַ פעסטען זיכערען טאָן.

— ווארום?

— אָט וואָרום... — האָב איך געענטפערט, ארויסציהענדיג פון קעשענע אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער.

דאָס האָט אויף מיין מיטרייזענדען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

— יע, איהר זייט גערעכט. מיט אָט דעם דאַרף מען טאַקע פאַר קיינעם ניט מורא האָבען, — האָט ער איינגעשטימט, — פונדעסטוועגען קען איך אַלץ ניט באַגרייפען, וואָס פאַר אַ מין מענש איהר זייט און וואָצו איהר באַדאַרפט די פאַספאָרטען.

— דאָס טאָרט איהר ניט וויסען, — האָב איך געענטפערט.

מ'וויל מיר באַרויבען.

אין זשיטאָמיר זיינען מיר פאַרפאָהרען אויף אַן אכסניה. פאַרמאָן איז אַוועק זוכען זיינע באַקאַנטע, און איך האָב דערווייל צוגעלייגט זיך שלאָפען. איך ווייס ניט ווי לאַנג איך האָב געשלאָ־

פען, אָבער אזוי ווי אין חלום האָב איך דערהערט, אז די טיר עפענט זיך און אימיצער איז אויף די שפּיץ פינגער אריין אין צימער. איך האָב עטוואָס געעפענט די אויגען און דערזעהן פאר־מאַן׳ען מיט נאָך דריי אידען. מיר האָט זיך פארגלוסט וויסען וועגען וואָס זיי וועלען ריידען, האָב איך זיך געמאכט ווי איך שלאָף שטארק.

— נאָך גאָר א יונגערמאַן, — האָט איינער געזאָגט.

— וואָס איז ער, א גוי? — האָט א צווייטער געפרעגט.

— לויט׳ן אויסזעהן און נאָמען איז ער א גוי. — האָט פאר־מאַן געענטפערט.

— און ביי אזא יונגען בחור׳ל, זאָגט איהר, איז דאָ א פולער טייסטער?

— אַן אָנגעשטאָפּטער, און דורכאויס „קאטערינקעס” (הונ־דערט־רובל׳דיגע). איך מיט מיין פרוי זיינען נשתומם געוואָרען, ווען ער האָט עס אונז באוויזען.

— נו, אויף וואָס דארף ער די פוסטע פאספּאָרטען, כ׳קען עס בשום אופן ניט פארשטעהן!

— ר׳ווייסט וואָס? — האָט איינער א זאָג געטאָן שטילער־הייד, — לאָמיר ביי איהם אָפּנעמען די געלט...

— וואָס רעדט איהר?! משוגע! — האָט פארמאַן כמעט ווי אויסגעשריען אַן אויפגערעגטער, — ער האָט אַן אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט.

איך האָב זיך א פאטשאיע געטאָן, כלומרשט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף, און בין אויפגעשטאנען.

דורכשמועסענדיג זיך א ווילע מיט זיי, האָב איך זיך ער־קונדיגט, אַז קיינער פון זיי האָט קיין מעגליכקייט ניט צו קריגען פאספּאָרט־פאפּירען. האָב איך פאָרגעשלאָגען פארמאַן׳ען צו פאָה־רען גלייך צוריק אין בערדיטשעוו, וואו מ׳האָט, לויט זיינע רייד, געקענט עס קריגען אין א פּאָר טעג ארום.

ווען מיר זיינען געפאָהרען צוריק, האָב איך איהם געפרעגט, צו די מענשען, וואָס ער האָט געבראכט צו מיר אין צימער, זיי־נען געווען פיינע, אָרענטליכע.

— די אָרענטליכסטע אידען — האָט ער מיר פארזיכערט.

— נו, און בארויבען מיר האָט קיינער פון זיי ניט גע־וואָלט? — האָב איך א פרעג געטאָן זעהר איינפאך און גלאסען.

— וואָס רעדט איהר?! וואָס הייסט רויבען! — האָט ער

אויסגעשריען, אזוי ווי א שרעק וואָלט איהם באַפאַלען פון בלויז אַט דעם געדאַנק אַליין.

— איך האָב געהערט דעם גאַנצען געשפּרעך אייערען און כ'האָב אַלץ פאַרשטאַנען, איך בין דאָך אַ איד, — האָב איך זיך מודה געווען.

פאַרמאַן האָט זיך שרעקליך פאַרלאָרען און גענומען דערצעה־לען, אַז דער איד, וואָס האָט פאָרגעשלאָגען אָפּצונעמען ביי מיר דאָס געלט, איז אין זשיטאָמיר אַ באַוואוסטער שווינדלער, אַ זשוליק, וואָס איז פעהיג צו טאָן אַלץ אין דער וועלט, אָבער די איבריגע צוויי זיינען זעהר אָרענטליכע מענשען.

— טאָ וואָס־זשע האָט איהר געשעפטען מיט אזא שווינדלער?

— ס'קומט אוים מיט אזעלכע אויך צו פיהרען געשעפטען, אמאָל פיהרט מען מיט אזא חברה־מאַן אוים אַ געשעפטעל אַ סך שנעלער ווי מיט אַן אָרענטליכען מענשען.

אויסגענאַרט ביי מיר 50 רובל.

ווען מיר זיינען געקומען אין בערדיטשעוו, בין איך פאַרפאָהרען אין אַ האָטעל. מיט פאַרמאַן'ען האָב איך אָפּגעמאַכט צו זעהן זיך מאָרגען, אין אַ באַשטימטער שעה: איך האָב באַדאַרפט קו־מען צו איהם און דאָרט וועט שוין זיין דער איד, וואָס קען דעם קאַנצעלאַריע שרייבער.

איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ מעת־לעת, אָהן אַ שטאָך אַר־בייט. קיין באַקאַנטע האָב איך דאָרט קיין איינעם ניט געהאַט. פון עפּעס אַ שטיקעל סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז דאָרט קיין זכר ניט געווען, און די באַפעלקערונג האָט וועגען דעם קיין שום ידיעה ניט געהאַט. קיין ביכער האָב איך אויך ביי זיך ניט געהאַט. איז מיר טאַקע געווען נישקשה'דיג אומעטיג.

אין דער באַשטימטער צייט האָב איך ביי פאַרמאַן'ען ווירקליך געטראָפען דעם פאַרמיטלער. אַ מיאוסער אויפ'ן אויסזעהן, אַ זעהר אָרים־געקליידעטער, האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ טרויריגען איינדרוק פון אַן אומגליקליכען נפש, עפּעס אַן אביון, וואָס מאַטערט זיך מיט זיין חיונה נאָך אַ סך ערגער פון פאַרמאַנ'ען.

ענדליך האָט דער פאַרמיטלער מיר אָנגעזאָגט, אַז דער קאַנ־צעלאַריע שרייבער איז שוין געקומען אָבער ער האָט מורא צו האָ־בען צו טאָן מיט אַ פרעמדען אומבאַקאַנטען מענשען, וויל ער בע־סער דער אידעל זאָל זיין דער פאַרמיטלער צווישען אונז. וואָס האָב איך געקענט טאָן? האָב איך געמוזט מרוצה ווערען.

ביים צווייטען מאָל זעהן זיך האָט מיר דער אידעל געזאָגט, אז דער שרייבער וועט אונז געבען די צאָהל פּאַספּאָרט־בלאַנקען, אָבער ער וויל צו צעהן רובל א שטיק. האָב איך איינגעשטימט, הגם אזא פּרייז איז דאַן געווען זעהר א הויכער. איך האָב געבעטען, דאכט זיך, דרייסיג שטיק.

דער אידעל איז אַוועק און איז אביסעל שפּעטער געקומען צו־ריק מיט דער ערקלעהרונג, אז דער טשינאָווניק וויל ניט אַנדערש קריגען גלייך געצאָהלט ביי׳ם איבערגעבען די פּאַספּאָרט־פּאַפּירען. דאָס הייסט, אז איך האָב באַדאַרפט פאַרטרויען איהם, אַן אָפּגערי־סענעם שלעפּער, א סומע פון דריי הונדערט רובל. האָב איך זיך לחלוטין אַנטזאָגט. דאַן האָבען זיי אַלע דריי — פאַרמאַן, זיין פרוי, און דער פאַרמיטלער, — גענומען מיר איבערצייגען, אז דער טשינאָווניק האָט דאָך רעכט: ער קען דאָך ניט אָפּגעבען די פּאַס־פּאָרטען דעם אידען אָהן געלט. און ווי איז, אז דער איד ברענגט איהם ניט די געלד? וואָס וועט ער טאָן? ער קען דאָך ניט געהן איהם קלאָגען!

זייערע טענות זיינען טאַקע געווען גאַנץ גערעכטע. פונ־דעסטוועגען האָב איך ניט געוואַגט צו ריזיקירען א גרויסע סומע געלד פון דער באַוועגונג.

„וואָס־זשע טוט מען אָבער פאָרט?" האָב איך ביי זיך גע־טראַכט.

אַז זיי האָבען געזעהן, דאָס איך בין אַזוי איינגעשפּאַרט, האָט איינער פון זיי געמאַכט א פאָרשלאַג, איך זאָל געבען פופציג רובל, וועט דער אידעל מיר ברענגען פינף; דאַן זאָל איך ווידער געבען פופציג רובל, און וועל ווידער קריגען פינף א. אז. וו. דאָס איז גע־ווען א גאַנץ גלייכער פּלאַן, אָבער איך האָב דאָך מורא געהאַט צו ריזיקירען אפילו פופציג רובל. אָבער פאַרמאַנ׳ס סימפּאַטישע פרוי האָט ביי מיר ארויסגערופען צוטרויען. „מעג איך איהם געבען די פופציג רובל?" — האָב איך זי א פרעג געטאָן. „איהר מעגט, — האָט זי מיר געענטפערט, — איך׳ל אייך ערב זיין פאַר איהם, מיר קענען איהם שוין לאַנג, ער איז אַן אָרענטליכער מענש".

האָב איך איהם געגעבען די פופציג רובל. דער אידעל איז אַוועק, און מיר זיינען געבליבען וואַרטען. עס איז אָבער אַרי־בער איין שטונדע נאָך דער צווייטער און ער איז נאָך אַלץ ניט געקומען. האָב איך געבעטען פאַרמאַן׳ען ער זאָל איהם געהן אויפ־זוכען. פאַרמאַן איז אַוועק, האָט זיך אָפּגעזאַמט א לאַנגע צייט

און איז געקומען צוריק מיט לעדיגען: ער האָט דעם אידעל ערגעץ ניט געקענט געפינען.

דאָס האָט מיר געבראַכט אין זעהר אַ שווערע, דריקענדע שטי־מונג. ס'איז מיר, ערשטענס, געווען אַ שאָד די פּאַרלאָרענע קהל'־שע געלט; דערצו האָט מיר פאַרדראָסען וואס איך האָב זיך געלאָזען אָפּנאַרען. האָב איך עס געוואָלט ווי עס איז פאַרריכטען: אויב ניט צוריקקריגען די פופציג רובל, איז כאָטש באַקומען די פּאַס־פּאָרט־בלאַנקען, אָהן וואָס, האָב איך גערעכענט, איז פּשוט אונ־מעגליך צוריק צו קומען אין קיעוו.

איך האָב פּאַרמאַן'ען פאַרגעוואָרפען און באַשולדיגט, אַז ער האָט ער בשותפות מיט יענעם אידעל אַרויסגעשווינדעלט ביי מיר די געלד. האָט ער זיך גענומען שווערען מיט אַלערליי שבועות, מיט'ן לעבען פון זיין פרוי און קינד, אַז ער איז אומשולדיג. ער האָט ווירקליך אויסגעזעהן אַ דערשלאָגענער, און זיכער אין מיין פאַרדאַכט בין איך ניט געווען. צו זיין פרוי, ווידער, איז מיין גע־פיהל געווען זעהר ווייט פון אַ פיינדליכען. האָב איך אויפגעהערט צו געהן צו איהם, אָבער ער איז יעדען טאָג געקומען צו מיר.

אריסטאָקראַטישער גביר זוכט אויסצוגעפינען ביי מיר דעם סוד פון די פאַלשע פּאַספּאָרטען

איינמאָל אין אָוונט איז פּאַרמאַן צו מיר געקומען מיט עפּעס אַ מיטעליאָהריגען מאַן, אַ גאַנץ עלעגאַנט געקליידעטען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט און ערקלעהרט, אַז פּאַרמאַן האָט איהם שוין אַלץ דערצעהלט און ער נעמט זיך אונטער צו קריגען מיר די נויטיגע פּאַספּאָרט־פּאַפּירען.

אויסגעקוקט האָט ער גאָר אַנדערש פון די אַלע מיט וועמען פּאַרמאַן האָט מיר צוזאַמענגעבראַכט. געקליידעט איז ער געווען אייראָפּעאיש, ווי אַן אַריסטאָקראַט, פיין, רייך, מיט גאָלדענע ברי־לען, דימענטענע רינגעלאַך, בריליאַנטענע שפּאַנקעס א. ז. וו. רוסיש האָט ער גערעדט זעהר גוט, און פאָלקאָם אינטעליגענט. געהאַלטען האָט ער זיך זעהר קלוג, טאַקטיש, קאָררעקט. ביי אַ פראַגע, למשל, פלעגט ער זיך אַנטשולדיגען, אַז ער וויל מיר ניט באַלעסטיגען א אז. וו., אָבער ער דאַרף עס וויסען צוליב מיינע אינטערעסען. פּאַרמאַן'ען האָט ער באַהאַנדעלט ווי אַ לאַקעי, און פּאַרמאַן האָט זיך צו איהם באַצויגען מיט אַזא שפל'דיגע שקלאַפישע הכנעה, האָט

געציטערט אויסצורײדן אַ וואָרט און אפילו זיך זעצן אין זײַן אַנוועזנהייט.

ווי אַזוי זייט איהר אַרײַנגעפאַלען צו אַט דער באַנדע ? — האָט ער מיר, צווישן אַנדערעס, אַ פרעג געטאָן, אַנווייזענדיג אויף פּאַרמאַן׳ען, וועלכער האָט זיך ווי אַ נעבעכ׳ל געטוליעט בײַ׳ם וואַנט. אַט די לייטע קענען דען עפּעס אויפטאָן ? זיי זוכען נאָר אַרויסצונאַרען אַ פּאָר צעהנדליג רובל, דאָס אַלעס. איך בין העכסט אויפגעבראַכט פון דעם, וואָס זיי האָבען זיך מיט אײַך אַזוי באַגאַנגען.

— בנאמנות, איך בין אומשולדיג — האָט פּאַרמאַן מיט שרעק אַרויסגערעדט.

— שווייג, מיש זיך ניט אַרײַן ! — האָט דער עלעגאַנטער הערר איהם שאַרף אָפּגעהאַקט. — איז אַזוי, אַלזאָ, — האָט ער זיך צוריק צו מיר געווענדעט, — איהר דאַרפט האָבען פּאַספּאָרט־בלאַנקען. וועל איך זיי אײַך קריגען און אָהן שום געצאָהלט, אָבער מיט איין תנאי... — פּאַרמאַן, מ׳דאַרף אײַך מעהר ניט האָבען, געהט אַוועק ! — האָט ער זיך געווענדעט צו פּאַרמאַנ׳ען, און ווען יענער איז אַרויס, האָט ער פאָרטגעזעצט :

— לאָמיר זײַן אָפענהערציג ! מיר זײַנען דאָך בײדע אינ־טעליגענטע מענשען און קענען זעהר לײַכט און גיך פאַרשטעהן אײנער דעם צווייטען. פאַר מיר איז דורכאויס ניט וויכטיג צו קריגען פון אײַך עטליכע הונדערט רובל פאַר די בלאַנקען, און איך וועל אײַך אַליין מיט פאַרגעניגען נאָך געבען די דאָזיגע סומע געלט, אז מ׳וועט דאַרפען. אָבער איך מוז וויסען, צו וואָס דאַרפט איהר עס האָבען און נאָך אַזאַ גרויסע צאָהל. דאָס איז ניט קיין נאַרישע נײַגעריגקייט פון מײַן זײַט. איך זעה דאָך מיט וועמען איך האָב צו טאָן. וויפיל איך ברעך זיך ניט דעם קאָפּ, קען איך בשום אופן ניט באַגרײַפען וואָס פאַר אַ סאָרט געשעפט איהר פּלאַ־נעוועט, צו וועלכען איהר דאַרפט עס האָבען. אײן זאַך איז פאַר מיר קיין ספק ניט, אַז דאָס איז עפּעס אַ ריזיגע פינאַנציעלע אונ־טערנעהמונג, עפּעס אַ מסחור וואָס וועט אַרײַנברענגען גרויסען ריוח, נישט אמת ?

— גאַנץ ריכטיג, — האָב איך באַשטעטיגט, קוים אײַנהאַל־טענדיג זיך פון געלעכטער, וואָס האָט מיר גענומען שפּאַרען.

— איהר זעהט הא, כ׳האָב געטראָפען, — האָט ער פאָרט־געזעצט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל. — טאָ פאַרטרויט מיר

אויך אייער סוד, און איך פארפליכט זיך צו קריגען אייך אָהן גע־צאָהלט די צאָהל בלאַנקען וואָס איהר דאַרפט.

איך האָב קוים אויסגעטראַכט עפּעס אַן אורזאַכע, וואָרום איך קען איהם ניט דערצעהלען דעם סוד. דאָס האָט איהם נאָך מעהר פאַראינטריגירט און אַרויסגערופען ביי איהם אַ נייעם שטראָם מליצה.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער מיט מיר אַרגומענטירט. אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען צוויי מאָל. ער האָט גע־מאַכט אַלערליי השערות וועגען דעם סאָרט אונטערנעהמונג, אויף וואָס מיר דאַרפען האָבען פּאַספּאָרטען. זיי זיינען אַלע געווען מאָדנע, זאָנדערבאַרע איינפאַלען, אָבער זיי האָבען קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט אונזער פּלאַן צו געהן אין „פאָלק״: וועגען דעם האָט דער בערדיטשעווער סוחר נאָך דאַן קיין אהנונג ניט געהאַט.

אַלס לעצטען אַרגומענט, געגען וועלכען ער האָט מסתמא גע־דענקט, אַז איך וועל שוין גאָר ניט האָבען וואָס אויסצוזעצען, האָט ער ערקלערט, אַז ער איז גרייט אַריינצוטרעטען אין אונזער „קאָמ־פּאַניע״ און ווערען אַ „שותף״ פון אונזער אונטערנעהמונג.

איך האָב ערקלערט, אַז איך בין איבערראַשט, ווי אַזוי ער קען איינשטימען צו באַטייליגען זיך אין אַן עסק, איידער ער ווייס וואָס אַזוינס דאָס איז: ווי איז, למשל, אַז מיר זיינען אַ חברה רויבער? ער איז אָבער געווען ווייט ניט קיין נאַר, און האָט מיר גאַנץ רוהיג און זיכער געענטפערט, אַז ער גלויבט בשום אופן ניט אויף מיר אַזאַ זאַך. „איהר זייט אַ נאָבעלער מענש, קיין שלעכ־טע, אומאָרענטליכע זאַך וועט איהר ניט געהן טאָן״, האָט ער מיט אַ בעסטען טאָן געזאָגט.

אַז איך האָב זיך פאָרט אַנטזאַגט אַריינצונעהמען איהם אין אונזער „אונטערנעהמונג״, האָט ער זיך אויך אַנטזאַגט צו קריי־גען די בלאַנקען. האָב איך, אַלזאָ, קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו קומען צו זיך מיט ליידיגען, כאָטש דאָס איז פאַר מיר געווען שרעקליך שווער.*)

---

*) מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, ווען מ'האָט מיר צוליב דער „טשיג־רין'ער דיעלע״ געבראַכט אין קיעווער טורמע, האָב איך דאָרט פאַרמאַן'ען געזעהן אין אַן אַרעסטאַנטסקען כאַלאַט. כ'האָב אויסגעפונען, אַז מ'האָט איהם אַרעסטירט מיט אַ חברה פאַלשע־געלד־מאַכער. צו דער רייכער העד איז אויך געווען מיט זיי, וויים איך ניט.

— האסט נאך אפגעשפילט מיט גליק, ס'האט זיך געקענט ענדיגען נאך ערגער, — האבען מיר געטרייסט איינינע חברים מייּנע, ווען איך האב, קומענדיג צוריק, דערצעהלט זיי וואס ס'האט פאסירט.

* * *

אזוי ווי מיר האבען ניט געקענט קריגען קיין פאספארטען, האבען מיר באשלאסען צו געהן דערווייל מיט צייטווייליגע אנווייזונגען, וואס פלעגען ארויסגעגעבען ווערען אויף געוועהנליכע שטיקלאך פאפיר.

פאר דער צייט, האבען מיר געהאפט, וועט אפשר אימיצען פון אונזערע פארבליבענע חברים אין קיעוו געלינגען צו קריגען פאספארטען און צושיקען עס צו די, וואס זיינען אוועק אין די דערפער.

פאר אונזער אפפאהר האבען אונז געטראפען צוויי גאנץ באדייטענדע צרות. ערשטענס, איז ארעסטירט געווארען טימאפעי קוויאטקאווסקי, וועמען, ווי איך האב שוין דערצעהלט, די פאליציי האט שוין לאנג געזוכט. א חוץ דעם עגמת־נפש איבער דעם טרויעריגען גורל, וואס האט איהם ערווארטעט, האט אונז שטארק באאומרוהיגט די שרעק, טאמער געפינט מען ביי איהם עפעס א שפור פון דער עקזיסטענץ פון אונזער קרוזשאק. דאן וואלט אונזער גאנצער פלאן צו גרונט געגאנגען, און מיר וואלטען נאך דערצו אלע אריינגעפאלען אין טורמע. צום גליק, האט די פאליציי זיך באנוגענט בלויז מיט זיין ארעסט.

די צווייטע אומאנגענעמליכקייט איז געווען אן אנדערע, אן „אינערליכע“. זי איז געקומען, ווי זאנדערבאר דאס זאל ניט אויסזעהן, פון דעם סאמע העכסטען, געבילדעטסטען צווישען אונז, — פון פעסענקא'ן גופא.

די באגייסטערטע, כמעט עהרפורכטיגע באציהונג, וואס ער האט פון אנפאנג צו זיך ארויסגערופען, איז שטופענווייז פארשוואונדען וואס נעהנטער מ'האט זיך מיט איהם באקענט. פילע פון אונז האבען דערזעהן, אז צוזאמען מיט זיינע גרויסע מעלות האט פעסענקא אויך ניט ווייניג חסרונות. זיין הויפּט־חסרון איז געווען, וואס ער פלעגט צופיל פאדערען, זיך טשעפען און פשוט אומגערעכט זיך באציהען צו אייניגע חברים. צי איז אין דעם שולדיג געווען זיין כאראקטער, צי זיין שווערע חולאת, וואס האט זיך שוין דאן גענומען אנטוויקלען, צי די אומצופרידענהייט מיט די לעבענס־באדינגונגען זיינע, אבער

ער איז אָפּט געווען זעהר ניט־סימפּאַטיש. פאַלשטענדיג זיך האַלטענדיג העכער פון אונז אַלעמען, וואָס קיינער פון אונז האָט ניט געלייקענט, האָט ער עס שאַרף אונטערשטראָכען און אויף דעם סמך ניט ערלויבט קיינעם צו ווידערשפּרעכען איהם. אז מ׳פלעגט מיט איהם ניט איינשטימען אין עטוואָס, פלעגט ער שרעקליך אויפגעבראַכט ווערען. דאַן האָט ער שוין ניט גע־קענט זיך איינהאַלטען און געשאָטען שטעכווערטלעך און זידלע־רייען אָהן א שיעור. און ניט זעלטען האָט ער געכאַפּט צוריק אַפּגעזידעלט.

אין דער צייט, אַלזאָ, ווען מיר האָבען געהאַלטען ביים אוועקלאָזען זיך אין פאַלק, האָט פּעסענקאָ, א חוץ מיר, מיין פריינד שטשעפּאַנסקי און נאָך א פּאָר, כמעט מיט אַלע איבריגע ניט גערעדט אָדער אָנגעהאַלטען בלויז אָפיציעלע באַציהונגען. ס׳פאַרשטעהט זיך, אז ער האָט שוין לאַנג צוריק אויפגעהערט זיינע פאַרלעזונגען, וואָס ער האָט פאַר אונז געהאַלטען איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע. די שטימונג איז צוליב דעם ביי אונז געווען זעהר א שווערע, און מיר האָבען זיך דעריבער גע־ריסען וואָס שנעלער צו אַנטלויפען פון דער פאַרשטיקטער, טוכלער לופט אין דרויסען אַרויס, צום „פאָלק", ד. ה. צו די סעקטאַנטען.

* * *

פאַר׳ן אוועקפאָהר האָבען מיר זיך צוזאַמענגענומען אין גרופּען, קרייזלעך, אָדער פּאָרוויז. די גרעסטע צאָהל איז אוועק זוכען די אַזוי גערופענע „ביעגונעס", וועלכע, לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבען געהאַט ווענען זיי, אַנערקענען ניט די עק־זיסטירענדע מלוכה־אָרדנונג, אַנטזאָגען זיך פון צו צאָהלען צינזען, פון צו געהן אין מיליטער־דינסט א. א. וו. ס׳הייסט, לויט זייער גייסט און שטימונג, זיינען זיי נאָהענט צו אונז, סאָציאַליסטען. די צרה איז נאָר געווען, וואָס מיר האָבען ניט געוואוסט וואו צו געפינען זיי. האָבען זיך אונזערע חברים אוועקגעלאָזען זוכען זיי ערגעץ אַרום צאַריצין.

א קלענערע צאָהל, איבערהויפּט אונזערע אוקראַינער, זיי־נען אוועק צו די שטונדיסטען, נאָך א גאַנץ יונגע סעקטע דאַן, וואָס האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַוויזען אין כערסאָנער און קיעווער גובערניעס. א מאַן דריי־פיער זיינען אוועק צו די מאָלאָקאַנען. צווישען זיי איז אויך געווען פּעסענקאָ, אָבער צוליב די אָנגעצויגענע באַציהונגען זיינע מיט די איבעריגע

חברים, ווי אויך ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיין געבונדען פון קיינעם און פון קיין זאך, איז ער איינער אליין אוועק צו די סעקטאַנטען. קיין פאַלשען פּאַס האָט ער אויך ניט מיטגענומען. זיין צייגניס פון סעמינאַריום האָט ער גערעכענט פאַר געזונג. ער האָט זיך אויך ניט אַנגעטאָן ווי קיין פּויער. ער האָט בלויז אויף זיך אַרויפגעשלעפּט א לאַנגען כאַלאַט, וואָס האָט איהם געגעבען דעם אויסזעהן פון עפּעס א פערד־הענדלער. אויף אַזא אופן, האָט ער גערעכענט, וועט איהם א סך לייכטער זיין אַרויסצודרעהען זיך אין פאַל פון א צרה.

אביסעל שפּעטער וועל איך דערצעהלען וואָס פאַר א טראַגיש־קאָמישע לאַגע עס איז אַרויסגעקומען פון זיין פּלאַן צו פּראָפּאַגאַנדירען די סעקטאַנטען.

איך מיט שטשעפּאַנסקי'ן געהען צו דער סעקטע מאָלאָקאַנער.

איך מיט שטשעפּאַנסקי'ן זיינען אוועק צו די מאָלאָקאַנער. וואָרום מיר האָבען עפּעס אויסגעקליבען דווקא אָט די סעקטע, קען איך זיך איצט בשום אופן ניט דערמאָנען: אפשר, ווייל מיר האָבען וועגען זיי געלעזען, זיינען זיי אונז אויסגעקומען אינטערעסאַנט. פריהער אָבער וויל איך זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען מיין חבר שטשעפּאַנסקי, וועלכער איז מיט מיר געווען אָם נאָהענטסטען באַפריינדעט און דעריבער זיינען מיר אינאיינעם אוועק.

ער איז געווען א הויכער, א מאַגערער, מיט א בלייכען פּנים און אַן איינגעפאַלענע ברוסט, זעהר א שוואַכער, א קרענקליכער. ער האָט אָבער באַזעסען אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען און א גרויסע תשוקה צום לערנען. אַזוי ווי ער האָט געשטאַמט פון א פאַראָרימטע פּוילישע פאַמיליע, האָט ער נאָך אין גימנאַזיע שוין געמוזט געבען אורעקען, אום אויסצוהאַלטען זיך און זיין מוטער מיט א קליינע שוועסטער'ל. פונדעסטוועגען, ווען די רעוואָלוציאָנערע שטימונג האָט אַרומגעכאַפּט אונזער פאָרטגעשריטענע יוגענד, האָט אויך שטשעפּאַנסקי פאַרלאָזען די גימנאַזיע און זיין מוטער, כאָטש זי האָט דורכדעם פאַרלאָרען איהר איינציגע שטיצע, און ער האָט באַשלאָסען אָפּצוגעבען זיך אין גאַנצען צום פאָלק. ער איז געווען א גאַנץ באַלעזענער און ענטוויקעלטער, אָבער קיין באַזונדערס זעלבסטשטענדיגען מוח, ווי אויך א שטאַרקען ווילען, האָט ער ניט באַזעסען.

מיר האָבען באשלאָסען ניט איבערצוטאָן זיך אלס פויערים אין קיעוו, נאָר טאָן עס ערגעץ אויפ'ן וועג, ווארים אין קיעוו האָבען מיר דאָך געהאט א סך באקאנטע, וואָס וואָלטען אונז מסתמא דערקענט. מיין מוטער און מיינע קרובים האָב איך געזאָגט, אז איך פאָהר אויף אן אוראָק אין דארף. בלויז מיין שוועסטער סאָפיע האָט געוואוסט אלע מיינע סודות.

ווי נאָר איך בין אָבער ארויסגעפאָהרען — מיר זיינען געפאָהרען מיט'ן דניעפּר צו קרעמענטשוג, — האָב איך באגעגענט מיינע א קרובה און געמוזט גלייך אויפ'ן אָרט אויסטראכטען עפּעס א תירוץ, ווארום איך פאָהר צו דרום, ווארים מיט א פּאָר טעג פריהער האָב איך זיי דערצעהלט, אז איך וועל פאָהרען נאָר אין דער אנדער זייט, צו צפון צו. זי האָט אָבער פארדעכטיגט, אז איך זאָג איהר ניט דעם אמת, און האָט גלייך אוועקגעשריבען אהיים וועגען דעם. האָט מען דאָרט פארשטאנען, אז איך בין ניט געפאָהרען אויף אן אוראָק, נאָר בין אוועק „אין פאָלק", און מ'האָט זיך דעריבער שטארק באאומרוהיגט איבער מיר.

אין קרעמענטשוג און כארקאָוו.

די רייזע איבער'ן דניעפּר, געדענק איך גאנץ גוט, איז געווען זעהר א פּראכטפולע. אלעס איז געווען ניי, אינטערעסאנט, די גרינע ברעגען, די דערפלעך און שטעדט פוןביידע זייטען.

אין קרעמענטשוג האָב איך געהאט א באקאנטען יונגענמאן, פון די „סימפּאטייזער", וועלכער האָט געוואוינט ביי זיינע פארוואנדטע, גאנץ פארמעגליכע מענשען און האלב אינטעליגענטע. זיי האָבען אונז איינגעלאדען צו זיין ביי זיי אלס געסט, און מיר האָבען עס מיט פארגעניגען אָנגענומען. איך האָב זיך מיט זיי פארנאנדערגעשמועסט און זיך ערקונדיגט, אז אין אָט דער גרויסער האנדעלס-שטאָדט איז דאן, ד. ה. אין יאָהר 1875, נאָך קיין שפּור פון סאָציאליסטען ניט געווען.

איוואן גלושקאָוו.

פון קרעמענטשוג זיינען מיר אוועקגעפאָהרען אין כארקאָוו, וועלכע האָט ביי מיר ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע אוניווערזיטעט-שטאָדט נאָך קיעוו. אהין האָב איך געהאט א רעקאָמענדאציע-בריף צו א געוועזענעם סטודענט איוואן גלושקאָוו, וועלכער איז געווען א מיטגליד פון דעם דאמאָלסט גאנץ גוט-באוואוסטען קרוזשאָק פון די ברי-

דער זשעבוניעוו. צו זייער קרייזעל האָט אויך געהערט דער פאַר־רעטער טרודניצקי, וועגן וועלכען איך האָב שוין דערצעהלט, אַז ער האָט מיט זיין מסירה געבראַכט אַזאַ אומגעהויערען אומגליק פאַר אַזוי פיל מענשען. גלושקאָוו איז אויך געווען צווישען די גע'מסר'טע, אָבער אַזוי ווי ס'איז ניט געווען קיין באַווייזע געגען איהם, האָט מען איהם בלויז געשטעלט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט און גענומען פון איהם אַן אונטערשריפט ער זאָל ניט ארויספאָהרען פון כאַרקאָוו.

געוואוינט האָט גלושקאָוו מיט אַן אַלטיטשקער מאַמען, אין אַ קליינער אָבער באַקוועמער דירה, וואוהין זיי האָבען אונז אויך אריינגענומען. מיר זיינען ביי זיי איינגעשטאַנען, הגם ער איז געווען אונטער'ן פּאָליציי־אויפזיכט און מיר זיינען געגאַנגען אין פּאָלק — אָט אַזוי זיכער, אומפאַרזיכטיג זיינען מיר געווען אין יענע שטילע, פאַרשלאָפענע צייטען.

גלושקאָוו און זיין מוטער זיינען געווען אויסערגעוועהנליך גאַסטפריינדליך און אין אַלגעמיין זעלטענע סימפּאַטישע מענשען. די אַלטיטשקע האָט זיך צו איהר זוהנ'ס אַלע באַקאַנטע באַצויגען מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און טרייהייט, ווי צו אייגענע קינ־דער. איך האָב עטוואָס עהנליכעס קיינמאָל אין מיין לעבען ניט באַגעגענט, ניט פריהער און ניט שפּעטער. זי האָט גוט געוואוסט אונזערע שטרעבונגען און צילען און וואָס פאַר אַ שווערער גורל ס'פאַלט פילע פון אונז אויס. אַ חוץ'ן זוהן האָט זי אויך געהאַט אַ טאָכטער, וועלכע איז געווען פאַרהייראַט צו דעם דאַמאָלסט־באַריהמטען ניקאָלאַי זשעבוניעוו, און די פּאָליציי האָט זיי, צוליב טרודניצקי'ס מסירה, געזוכט.

דער זוהן איז געווען שטאַרק געראָטען אין דער מאַמען — אַ גוטהערציגער, אַן אויפריכטיגער, אַן איינפאַכער, מיט אַ וואַרימער נשמה, אַז מ'האָט איהם געמוזט ליב קריגען. זיין איבערגעבענ־הייט צו פריינט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך גאָר ניט געקימערט וועגן דער געפאַהר, וואָס ס'שטעהט איהם דאַביי פּאָר. ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם צוועק פון אונזער קומען, האָט ער זיך מיט אַלע כחות אַ נעהם געטאָן פאַרזאָרגען אונז מיט אַלעם נויטיגען פאַר'ן וועג. ער איז מיט אונז געגאַנגען אויפ'ן מאַרק איינקויפען די נויטיגע זאַכען, און זיך געדונגען איבער יעדע קליי־ניגקייט. ער האָט אויך אונז ארומגעשאָרען די האָר, מיר זאָלען

אויסזעהן ווי עכטע „גרויסרוסישע” פויערים. ביים זעגענען זיך האָט ער אונז געבעטען אָפּשטייגען צו איהם אויפ'ן וועג צוריק.

מיר שטעלען זיך ארבייטען אין אן אייזענבאהן־דעפּאָ.

מיט די פּעקלאך אויף די פּלייצעס זיינען מיר אוועק צום וואָקזאַל. דער צוג, מיט וועלכען מיר זיינען געפאָהרען, איז געוועזן געפּאַקט מיט פויערים. איך האָב זיך מיט אייניגע פּאַנאַנדערגערעדט. איך האָב זיך אָנגעגעבען, אַז איך פאָהר זוכען ארבייט, עפּעס אַ פאַרדינסט. דאָס איז געוועזן דעם ערשטען מאָל, וואָס איך האָב זיך באַגעגענט מיט'ן פאָלק, אַזוי צו זאָגען, פּנים אל פּנים. ביז דאַן האָב איך וועגען איהם געוואוסט בלויז פון ביכער אָדער פון צופעליגע באַגעגענישען אין גאַס צי אין שענק. איך געדענק, אַז מיר האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגען דער געדאַנק, דאָס איך פאָהר ווי אַ גלייכער צווישען אָט־די האָרעפּאַשניקעס, די פּראָסטע פאָלקס־מענשען, וואָס נעהמען מיר אָן פאַר זייערען אַ גלייכען און דערצעהלען מיר וועגען זייערע נויט און זאָרגען.

דריי מעת־לעת האָט געדויערט די נסיעה, ביז מיר זיינען געקומען אין מעליטאָפּאָל. דאָרט ערגעץ האָבען זיך באַדאַרפט געפינען די מאָלאָקאַנער דערפער. מיר האָבען איבערגענעכטיגט אין אַ קרעטשמע, און אויף מאָרגען אוועק זוכען דעם דאָרף „קאָזי יאַר”, וואו, לויט אונזערע ידיעות, עס געפינען זיך די מאָלאָקאַנען. דער דאָרף איז געוועזן ניט ווייט, אָבער צו אונזער איבערראַשונג און גרויס ערביטערונג איז דאָרט קיין זכר פון מאָלאָקאַנען ניט געוועזן. מיר האָבען גענומען זוכען און אויספרעגען, האָט איינער געזאָגט, אַז זיי געפינען זיך אין דעם דערבייאיגען סימפעראָפּאָליער אויעזד. מיר האָבען אָבער ניט געוואָלט געהן ווייטער זוכען, אוואו מיר'ן ניט קריגען געניוערע אויסקונפטען. דערצו איז דאָ געוועזן אַן אייזענבאַהן־דעפּאָ וואו מ'האָט געקענט קריגען ארבייט. האָבען מיר באַשלאָסען צו פאַרבלייבען דערווייל דאָ און זעהן פאַרדינען עפּעס געלט, ווארים מיר וואָלטען זיך באַלד אין דעם זיכער גענויטיגט.

שטשעפּאַנסקי ווערט גיך קראַנק פון דער ארבייט און פאָהרט צוריק אוועק אין קיעוו.

געפינען אָבער עפּעס אַ פאַרדינסט איז אונז ניט אַזוי לייכט געוועזן, ווארים מיר זיינען קיינמאָל ניט געוואוינט געוועזן צו שווע־

רע ארבייט. דערצו זיינען מיר געווען אין שרעק טאָמער דערקענט מען אונז. ענדליך האָבען מיר געקראָגען ארבייט ביי רייניגען לאָקאָמאָטיווען, צו 50 קאָפּיקעס אַ טאָג. מ'האָט אָבער זיי באַדאַרפט אויך שלעפען און אומדרעהען, און דאָס איז געווען זעהר שווער. מיר פלעגען זיך באַגיסען מיט שוויים און ניט איינמאָל זיך אָפּשטעלען אין מיטען דער ארבייט אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם. האָט דער אויפזעהער געשריען אויף אונז, אַז מיר זיינען פוילענצער. מיין חבר יאָסיף האָט מעהר ווי אַ פּאָר טעג ניט אויסגעהאַלטען. קומענדיג אהיים נאָך דער ארבייט, איז ער אַ שרעקליך־פאַרמאַטערטער אנידערגעפאַלען אויפ'ן בעט, אַ ניט־געוואַשענער, אַ ניט־אויסגעטאָנענער, אפילו קיין ווערטשערע ניט עסען, און פלעגט אַזוי ליגען באַוועגלאָז ביז ער פלעגט איינשלאָפען. אין דער פריה האָט ער קוים געשלעפּט די פיס און האָט אויסגעזעהן ווי איינער, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון בעט נאָך אַ לאַנגער שווערער חולאת. ס'האָט מיר געשטאָכען אין הארצען קוקענדיג אויף איהם. ער האָט געשוויגען, אָבער ס'איז געווען קענטיג, אַז אין איהם קומט פאָר אַן ערנסטער, אינערליכער קאַמף — די פראַגע, צי טויג ער פאַר די טעטיגקייט אין פאָלק? און אויב ער טויג ניט, וואָצו דאַרף מען גאָר אין גאַנצען לעבען אויף דער וועלט?

אין אַ טאָג דריי־פיר ארום האָט מיר יאָסיף ענדליך ערקלערט, אַז ער האָט בשום אופן קיין כח ניט מעהר אויסצוהאַלטען **און ער** פאָהרט צוריק אין קיעוו. איך האָב איהם מעהר ניט אָפּגערעדט: איך האָב ניט געהאַט וואָס צו זאָגען איהם. איך בין אייגענטליך געווען צופרידען, וואָס ער האָט אָנגענומען דעם דאָזיגען באַשלוס און ניט קיין ערגערען.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט זיין געהן אין פאָלק. נאָך דעם דאָזיגען ניט־געלונגענעם פאַרזוך האָט ער שוין מעהר ניט געפּרובירט צו ווידערהאָלען עס. איידער איך קעהר זיך אום צו מיין דערצעהלונג, וויל איך דאָ זאָגען, אַז שפּעטער, אין יאָהר 1879, איז שטשעפּאַנסקי פאַר'משפט געוואָרען צו קאַטאָרגע און האָט נאָכדעם אַ צייט לאַנג געוואוינט אין סיביר, אין יאַקוטסקער אָבלאַסט. ס'איז אריבער מעהר ווי פערציג יאָהר, ווי איך האָב איהם ניט געזעהן.

* * *

נאָך יאָסיפ'ס אָפּפאָהר איז מיר געוואָרען זעהר שלעכט: צו די שווערע פיזישע ארבייט איז איצט נאָך צוגעקומען די פאָלשטענדיגע איינזאַמקייט. אין אַ פרעמדער סביבה, אָהן עפּעס אַ באַ־

קאנטען מענשען, מיט וועמען אויסצורײדען אמאָל אַ וואָרט, אין אַ פאַלשער לאַגע, צוליב וואָס איך בין שטענדיג געווען אין שרעק — דאָס אַלעס האָט אויף מיר ארויפגעוואָרפען אַ יאוש. אָבער פאָלגען יאָסיף׳ן — ער האָט מיר פאַר׳ן אוועקפאָהר געראטען אוועקוואַרפען די שווערע ארבייט — האָב איך פאַר קײן פאַל ניט געוואָלט, כאָטש איך האָב שטארק מורא געהאַט, אַז איך וועל אויך לאַנג ניט אויסהאַלטען אַזאַ סאָרט לעבען.

אַ יונגער קערפּער אָבער קען זיך צו אַלץ צוגעוואוינען. פון אָנפאַנג איז מיר די ארבייט געפאַלען זעהר שווער. איך פלעג זיך קוים אויפהויבען אין דער פריה צו דער ארבייט, אַזוי פלעגען מיר ברעכען אַלע גלידער. מיט דער צייט אָבער האָב איך זיך צוגע־וואוינט, גענומען ארבייטען געשמאַקער און אַפילו אין דער מיד־קייט געפונען אַ מין סאָרט פאַרגעניגען. די פּראַקטעע אַכילות אין דער פויערשער הויז, וואו איך בין איינגעשטאַנען פאַר דריי רובל אַ מאָנאַט, האָב איך גענומען ביסלעכווייז ליב קריגען. אין אַ פאָר וואָכען נאָך יאָסיף׳ס אָפּפאָהרען, בין איך שוין געווען ביי זיך פעסט זיכער, אַז כ׳וועל שוין פון דער ארבייט ניט אנטלויפען. האָב איך גענומען צו ביסלאַך פּראָפּאַגאַנדירען מײנע חברים, יונגע אייזענבאַהן־ארבייטער. זיי זיינען אָבער געווען אַזוי אומאַנט־וויקעלט, צוריקגעשטאַנען, אַז איך האָב ניט פיל פאָרטשריט גע־מאַכט.

מיר האָט זיך אויך געמאַכט אַ געלעגענהייט צו באַקומען ידיעות פון מײנע חברים און ניט אָפּשטעהן אין גאַנצען פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט.

ווען איך און שטשעפּאַנסקי האָבען באַשלאָסען צו פאָהרען אין מעליטאָפּאָלער אויעזד, האָט אײנער פון אונזערע חברים אין קיעוו זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָרטען אַ באַקאַנטען מיט׳ן נאָמען ענגעל. האָט ער אונז געגעבען צו איהם אַ רעקאָמענדאַציאָנס־בריוועל, אָבער אָהן אַן אדרעס. ווען מיר האָבען זיך געשטעלט ארבייטען אין קאָזי־יאַר, זיינען מיר באַלד דעם ערשטען זונטאָג אוועק אין מעליטאָפּאָל און גענומען נאָכפרעגען אויף ענגעל׳ן, אָבער קײנער האָט פון איהם ניט געוואוסט. אַזוי האָב איך געטאָן עטליכע זונטאָגס, אָבער איך האָב איהם ניט געקענט גע־פינען. האָב איך געדענקט, ז״ז איך וועל איהם שוין מסתמא מעהר ניט געפינען, און אויס פאָרזיכטיגקייט האָב איך פאַר־ניכטעט דעם בריוועל. אָבער איין מאָל, נאָכדעם ווי שטשעפּאַנסקי איז שוין אוועקגעפאָהרען, האָב איך, זײנענדיג זונטאָג אין שטאָדט,

אזוי זיך אַ פרעג געטאָן ביי אַ אידעל, צי ער קען ניט איינעם ענגעל. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער קען איהם און האָט מיר אָנגעוויזען וואו צו געפינען איהם.

איך בין גלייך אַוועק אויפ׳ן אָנגעוויזענעם אדרעס, געטראָפען ענגעל׳ן, געזאָגט איהם ווער איך בין און ערקלערט ווארום איך האָב פאַרניכטעט דעם בריוועל. ער האָט מיר זעהר ווארים אויפ־גענומען, און מיר האָבען זיך באַפריינדעט.

ער איז געווען א יונגער סטודענט און איז עס אין קאַניקול־צייט געקומען אַלס לעהרער צו אַ אידישען סוחר, אַפּנים אַ גאַנץ סימפּאַטישען מענשען.

אין די קומענדע עטליכע מאָנאַטען בין איך יעדען זונטאָג און יום־טוב געקומען איהם זעהן, און געהאַט פון איהם איינינע טובות. אויף זיין נאָמען האָב איך זיך דורכגעשריבען מיט שטשע־פּאַנסקי׳ן, מיט מיין שוועסטער סאָפיע און אַנדערע. איך האָב ביי איהם אויך אָפט געקראָגען צייטונגען, זשורנאַלען, אמאָל אַ ביכעל.

דער נאַטשאַלניק טרייבט מיך ארוים פאר בעטען בעסערע ארבייט.

אזוי ווי איך האָב זיך איינגעוואוינט מיט מיין לאַגע, די ארבייט איז מיר ניט געווען שווער און די באַציהונגען מיט די ארומיגע זיינען געווען גאַנץ גוטע, האָב איך גענומען טראַכטען וועגען אויסלערנען זיך עפּעס אַ פאַך, אום איך זאָל זיך קענען בעסער איינאָרדנען און האָבען מעהר געלעגענהייט צו פּראָפּאַ־גאַנדירען די ארבייטער.

מיט אָט־דעם אַבזיכט בין איך אַוועק צום נאַטשאַלניק פון דעפּאָ. כ׳האָב, ווי געוועהנליך, ארונטערגענומען די היטעל, זיך נידריג פאַרנייגט און געגומען איהם בעטען, ער זאָל מיר אריינ־געבען אין דער סליאָסער־ווערקשטאַט. דאכט זיך אַ גאַנץ באַ־שיידענע בקשה, אָבער דער נאַטשאַלניק, אַ פּראָסטער גראָבער דייטש, איז שרעקליך אין כעס געוואָרען. ער האָט גענומען אויף מיר שרייען, אזוי ווי איך וואָלט דאָ די גרעסטע עולה באַגאַנגען.

— ווי וואַגסטו מיר פאַנאַנדערזאָגען, וואו דו זאָלסט אַר־בייטען! — האָט ער אויסגעשריען. ווען איך האָב איהם גאַנץ העפליך באַמערקט, אַז ס׳לוינט זיך מיר ניט צו ארבייטען ביי

די פּראָסטע אַרבייט, האָט ער זיך ווי אַ פּייער אָנגעצונדען און מיט געמיינע מאַרק־זידלעריי אַ שליידער געטאָן מיר דעם פּאַספּאָרט.

געהענדיג אַהיים, האָב איך זיך דערמאָנט, ווי סאַקאָוויטש איז אַמאָל געקומען צו לויפען אַ פּרעהליכער, אַ גליקליכער פון דעם, וואָס דער זשאַנדאַר אויפ׳ן וואָקזאָל האָט איהם אָנגעבראָכען די ביינער, ווייל ער האָט איהם אָנגענומען פאַר אַן עכטען, ניט קיין פאַרשטעלטען, פּויער.

איך האָב זיך איצט אויך געפיהלט געשמייכעלט, — כאָטש ניט אין אַזאַ גראַד ווי סאַקאָוויטש — פון דעם, וואָס דער דייטש האָט מיר אָנגעזידעלט און אַרויסגעטריבען.

אין קאָזי־יאַר האָב איך שוין ווייטער ניט געקענט פאַר־בלייבען. האָב איך באַשלאָסען געהן צו די מאָלאָקאַנען, הגם איך בין נאָך אפשר געווען ניט פאָלשטענדיג צוגעגרייט צו דעם.

מיט אַ זעקעל אויפ׳ן פּלייצע און אַ סוקעוואַטען שטעקען אין האַנד בין איך באַגינען אַרויס אין וועג צום מאָלאָקאַנער דאָרף אַסטראַכאַנקע, וועלכער איז געווען אַ וויאָרסט דרייסיג פון קאָזי־יאַר. דאָס איז געווען דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען, וואָס איך האָב געמאַכט אַזאַ לאַנגען מהלך צופוס. אַרום מיטאָג־צייט איז די היץ געוואָרען אומערטרעגליך, און אויפ׳ן וועג איז ניט געווען קיין בוימעל, קיין קוסט, וואו צוצולעגען זיך אַ ווייל אין שאָטען אָפּרוהען. האָב איך געמוזט אָפּשטייגען אין אַ דערבייאיגען דער־פעל, וואו איך האָב איבערגעביסען, אָפּגערוהט און ווייטער אַוועק.

ביי די מאָלאָקאַנען אין דערפעל אַסטראַכאַנקע.

דער דאָרף אַסטראַכאַנקע האָט אויסגעזעהן אַ סך שעהנער ווי געוועהנליכע רוסישע דערפער. אָנשטאָט קליינע, אָרימע, חושכ׳־דיגע כאַלופּקעס, ווי דאָס רוב פּויערשע הייזען זיינען, האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ לאַנגע רייהע מויערען, אָפּט צוויי־עטאַזשנע, געדעקט מיט דאַכאָווקעס, געפּאַרבטע לאָדען, און פעסטע, שעהנע טויערען. אַפנים, אַז דעם עולם לעבט זיך דאָ ניט שלעכט, האָב איך געטראַכט און בין פון דעם אַביסעל אָנטווישט געוואָרען.

ווען איך בין אַוועק צו די מאָלאָקאַנען, האָב איך קיין שום באַשטימטען פּלאַן ניט געהאַט ווי אַזוי איך וועל זיך איינאָרדנען צווישען זיי און וואָס איך וועל טאָן. איין זאַך האָב איך נאָר געהאַט אין זינען: קריגען ביי אימיצען איבערצונעכטיגען און דערנאָך וועט זיך עס שוין מסתמא פון זיך אַליין איינאָרדנען. האָב איך דעריבער געזעהן אָנצוקומען אַהין אין אָוועגט.

אָבער קריגען אַ פּלאַץ וואו איבערצונעכטיגען, איז אויך ניט געווען גאָר קיין לײַכטע זאַך. זיי זיינען ניט איבריגענס גאַסט־פריינדליך, אָט די פּיל־געריהמטע נאָכפאָלגער פון קריסטוס׳עס לעהרע, האָב איך ביי זיך געטראַכט, ווען איך בין שוין אַרױבער מעהר ווי אַ האַלבען דאָרף, און מ׳האָט מיר אַלץ געהייסען געהן ווייטער. ענדליך, ווען ס׳איז שוין געוואָרען שפּעט, און אַ פּרוי האָט מיר געענטפערט: „מיר לאָזען ניט אַריין קיין דורכגעהער״, האָב איך פאַרלאָרען דעם געדולד און אַ זאָג געטאָן:

— וואָר־זשע זאָל איך זיך אַהינטאָן, כ׳קען דאָך ניט בלייבען נעכטיגען אויפ׳ן מיטען וועג?

— דו געה צו אָט אַהין, אין קרעטשמע — האָט זי מיר אָנגעוויזען אין וועלכער ריכטונג צו געהן.

האָב איך איהר גאַנץ פיין באַדאַנקט, אָבער געהן שלאָפען אין קרעטשמע האָב איך פונדעסטוועגען גאָר בדעה ניט געהאַט, וואָרים דאָרט האָב איך זיך דאָך געקענט לײַכט אָנשטויסען אויף אימיצען פון די דאָרפישע באַאמטע. האָב איך באַשלאָסען ליעבערשט צו געהן איבערנעכטיגען אויפ׳ן פעלד אַהינטער׳ן דאָרף, אָבער דאָ האָב איך דערזעהן זעהר אַן איינפאַכע שטיבעל. דער טויזער איז געווען אָפען, אויפ׳ן הויף זיינען געשטאַנען צוויי פוהרען מיט העי — אַפּנים, אַז די בעלי־בתים זיינען נאָר וואָס געקומען פון פעלד. האָב איך באַשלאָסען נאָכאַמאָל פּרובירען מזל.

איך בין אַריין אין הויז און געפונען דאָס הויז־געזינד זיצענדיג אַרום טיש ביי וועטשערע. אַלס ענטפער אויף מיין ביטע, האָט דער בעל־הבית מיר גענומען אויספרעגען: ווער איך בין, פון וואַנען און וואוהין געה איך? אַ צופרידענער פון מיינע ענטפערס, איז דער בעל־הבית אַליין אויפגעשטאַנען, אַוועקגעפיהרט מיר אין העי־שטאַל און אָנגעוויזען אויף אַ ברייטע באַנק, און ערקלעהרט, אַז איך קען זיך דאָרט לייגען שלאָפען. ווען איך האָב אַרונטערגענומען פון זיך דעם פּעקעל און געוואָלט געהן שלאָפען, האָט ער מיר גערופען אין הויז אָפּעסען פריהער וועטשערע. האָב איך איהם באַדאַנקט און ווי פאַרבייגעהענדיג באַמערקט, אַז אַזוי ווי היינט איז פרייטאָג, עסען זיי דאָך מסתּמא ניט קיין פליישיגס.

האָט ער מיט אַ שמייכעל מיר ערקלערט, אַז זיי, די מאָלאָקאַנער, היטען ניט אָפּ די תּעניתים.

האָב איך, כּדרך הטבע, אָנגעשטעלט אויף איהם אַן איבערראַשטען פּנים — כלומרשט, אַז איך ווייס גאָר נישט וועגען אַט־די מענשען. האָט ער זיך, קענטיג, דערפרעהט מיט דער גע־

לעגענהייט אויפצוקלערען אז אומוויסענדען בחור און באקעהרען איהם צו זיין סעקטע, און ער האט געגומען מיר באווייזען אין וואס זיין רעליגיע אונטערשיידט זיך פון דער פראוואסלאוונער. אויף וויפיעל איך קען זיך איצט דערמאנען, האט ער געגלויבט, אז נאר זיי, די מאלאקאנען, זיינען די איינציגע און אמת'ע קריס־טען, ווייל זיי לעבען לויט די געבאט פון דעם יעוואנגעליום און דער ביבעל. די אלע אנדערע, אבער, וואס רופען זיך קריסטען, זיינען ניט מעהר ווי שווינדלער, אפיקורסים. שטיצענדיג זיך אויף עפעס א פסוק, האט דער מאלאקאן מיר געגומען באווייזען, אז מ'מעג עסען אלערליי שפייזען. ווארים זינדיג איז ניט דאס, וואס ס'געהט אריין אין מויל, נאר וואס ס'קומט ארויס פון איהם.

אט־דער מאלאקאן איז פאר מיר געווען אן עכטער אוצר: אט אזא טאקע האב איך באדארפט האבען. פון איהם, האב איך געטראכט, וועל איך אויסגעפינען ווי אזוי איך זאל זיך צווישען זיי איינארדנען. איך האב, פארשטעהט זיך, ניט איינגעשטימט מיט זיינע טענות, און צווישען אונז האט זיך אנטוויקעלט א גאנץ אינטערעסאנטער ויכוח. ער איז אזוי היגעריסען געווארען פון דער דעבאטע, אז ער האט אין גאנצען פארגעסען די וועטשערע, וואס ער האט איבערגעלאזט אין מיטען, בי זאימיצער פון הויז איז געקומען צו לויפען איהם רופען. זעגענענדיג זיך מיט מיר, האט ער א זאג געטאן מיט א גוטמוטיגען שמייכעל: „א, סארא בחור'ל דאס איז! ווי איך האב זיך עם מיט איהם פאר־שמועסט... קענטיג, אז דו האסט אויך האלט די רוחניות־זאכען"...

מיר איז עם זעהר אנגענעהם געווען צו הערען, און איך האב באלד נאכדעם געשמאק איינגעשלאפען.

מארגען פריה, גאנץ באגינען, איז צו מיר געקומען דער בעל־הבית. זיין נאמען איז געווען מאמאנטאוו. ער האט מיר בא־וריסט און געזאגט:

— צוליב דיר האב איך נעכטען דעם העי ניט ארונטער־געווארפען פון וואגען, טא קום העלף מיר איצט.

ווי אזוי צו טאן די דאזיגע ארבייט, האב איך קיין שום אה־נונג ניט געהאט. אפזאגען זיך אבער פון דעם האב איך ניט געקענט. בין איך ארויפגעקראכען אויפ'ן וואגען און גענומען נאכטאן דעם מאלאקאן. ס'איז אבער גארנישט ניט ארויסגע־קומען: דא האב איך אנגעכאפט צופיל העי, האב איך עס ניט געקאנט אויפהויבען און דערלאנגען; און דא, ווידער, האב איך אנגעכאפט לעכערליך ווייניג.

דער מאַלאַקאַן האָט זיך גוטמוטיג צולאַכט.

— טאָ וואָס פאַר אַ פּויער ביזטו, אַז דו קענסט קיין העי ניט אַרונטערוואַרפן?

האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך בין פון קליינווייז אויף געוועזן אַ באַדינער אין אַ קראָם.

— וואָס־זשע ביזטו דאָרט ניט פאַרבליבן? — האָט ער זיך פאַרוואונדערט.

— אָט אַליין צוליב די גייסטיגע זאַכען! — האָב איך געענטפערט, און איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך בין געבליבן אַ יתום ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגעל, האָט מען מיר אָפּגעגעבען אין אַ קראָם. דאָרט האָב איך זיך אויסגעלערענט לעזען און געקראָגען אַ תשוקה צו אָט־די לעהרען וועגען גייסטיגע ענינים. דערנאָך האָב איך גענומען לייענען אויך וועלטליכע ביכער. אויף אַזאַ אופן האָב איך דערזעהן, אַז מסחר איז ניט קיין אָרענטליכער געשעפט, וואָרים אַז „מ׳באַשווינדעלט ניט ,פאַרקויפט מען ניט.״ מיר האָט זיך אָבער געוואָלט לעבען עהרליך, בין איך עס אוועק זוכען אַן אָרענטליכען סאָרט לעבען. איך בין געווען אין פאַרשיידענע ערטער, אָבער אומעטום האָב איך געטראָפען אַליץ איינס און דיזעלבע: דער שטאַרקער שטיקט און באַרויבט דעם שוואַכען; יעדער איינער זוכט צו באַשווינדלען דעם אָרימען.

דער מאַלאַקאַן האָט אוועקגעלייגט די אַרבייט און האָט זיך, קענטיג, צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. איך האָב שוין ביי זיך אין האַרצען געוואָלט פייערען אַ זיג: „אָט פיהר איך אָן אַן עכטע פּראָפּאַגאַנדע, און ניט מיט עפּעס אַ בחור׳ל, נאָר אַ דערוואַקסענעם, באַיאָהרענטען מענשען, — האָב איך געטראַכט; ווי שנעל מיין חלום איז פאַרווירקליכט געוואָרען, שוין אויפ׳ן צווייטען טאָג האָב איך ערפאָלג״.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין ענטוישונג, ווען דער מאַלאַקאַן האָט מיר גאַנץ געלאַסען באַמערקט:

— ביזט אַ מאָדנער מענש, בנאמנות! מיט דער צייט וואָלסטו דאָך אַליין געווען אַ סוחר, אָבער איצט וואָס?

האָב איך איהם געענטפערט, אָבער שוין ניט מיט פריהערדיגער היץ, אַז איך וועל בעסער פאַרדינען מיין שטיקעל ברויט דורך שווערע האָרעוואַניע, אָבער אויף אַן עהרליכען אופן, און ניט דורך שווינדעל.

אַז מיר האָבען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט, האָט ער אָפּט געשפּאַסט פון מיין אומגעלומפּערטקייט ביים אַראָפּוואַרפען

די העי. זיין פרוי מיט די קינדער זיינען באלד געקומען און האבען אויך זיך געקייקעלט לאכענדיג.

ווען מיר האבען געענדיגט ארבייטען, האט דער מאלאקאן זיך עפעס שטילערהייד דורכגערעדט מיט זיין פרוי און זיך געווענדעט צו מיר:

— ווייסט וואס איכ'ל דיר זאגען, בחור: אויב דו ווילסט פראסטע ארבייט, טא שטעל זיך אפ ביי מיר ארבייטען.

— איהר לאכט פון מיר? — האב איך געפרעגט מיט פאר־ביטערונג, אליין ניט גלויבענדיג מיינע אויערען, — וואס פאר אן ארבייטער בין איך?!

— ס'גארנישט, וועסט זיך אויסלערנען! און דערווייל, ביז ווען־וואס, וועסטו אלץ אויפטאן אזוי פיל, וויפיל א פרויענצימער כ'וועל דיר געבען 30 קאפיקעס א טאג אויף מיין עסען. דאס איז דער שכר, וואס א פרוי קריגט, — האט ער פארענדיגט מיט א געלעכטער, אפנים א צופרידענער פון זיין וויץ.

איך האב, פארשטעהט זיך, גערן אנגענומען זיין פאר־שלאג: קיין בעסערע ווענדונג האב איך ניט געקענט ערווארטען. איך האב געפונען גראד דאס, וועגען וואס איך האב געטרוימט. ער און זיין ווייב — א גראבע, ניט קיין מיאוס'ע פרויענצימער אין די מיטעלע יאהרען — זיינען געווען פשוט'ע און גוטע מענשען.

ביים פריהשטיק, וועלכער איז באשטאנען פון טהעי מיט ווייסע ברויט און אלערליי מילכיגע שפייזען, האט דער בעל־הבית מיר אלע ווילע געזאגט:

— עס, עס נאך. לויט'ן עסען דערקענט מען דעם ארביי־טער: ווער ס'עסט א סך, ארבייט געשמאק.

נאכ'ן פרישטיק זיינען מיר אלע — איך, דער בעל־הבית מיט'ן זוהן, א בחור אין מיינע יאהרען, און צוויי טעכטער — אוועק־געפאהרען קאשען העי. ווען מיר זיינען געקומען, און איך האב גענומען א קאסע און זיך געשטעלט שניידען, האט מען ווידער גע־נומען לאכען פון מיר. דער בעל־הבית האט באמערקט:

— אזוי וועסטו מעהר שאדען ברענגען, איידער עפעס אויפ־טאן. וועסט נאך אפשניידען א פוס אדער זיך אליין אדער אי־מיצען אנדערש. קוק זיך בעסער פריהער צו, ווי איך קאשע און דערווייל געה צוזאמען מיט די מיידלאך און שאר צונויף דעם העי.

ס'איז מיר זעהר אומאנגענעהם געווען צו געהן אהינטער'ן בעל־הבית און זיין זוהן, צוזאמען מיט די קליינע מיידלאך, אבער

כ'האָב ניט געקאָנט העלפען. און אפילו אָט־די פּאַרהעלטניס־מעסיג לייכטע אַרבייט האָב איך אויך געטאָן לאַנגזאַמער און ער־גער, ווי זאָגאַר די קלענסטע מיידעל. זי האָט טאַקע געמאַכט חוזק פון מיר.

איך האָב געפיהלט ווי צו באַגראָבען זיך פאַר חרפּה און האָב זיך פאַרשוואָרען אַנטלויפען ווי נאָר מיר'ן צוריק קומען אין דאָרף.

„דער פאַרשאָלטענער אינטעליגענטער לעבען אין שטאָדט, — האָב איך אַ טרויעריגער ביי זיך געטראַכט, — לערנט קיין זאַך ניט אויס, אַ חוץ לייענען ביכלאַך. נו, וואָס פאַר אַן איינפלוס קען איך שוין האָבען, אַז אַזאַ ברעקעל מיידעל מאַכט פון מיר חוזק!"

ווען מיר זיינען געקומען אַהיים, האָב איך ערקלערט דעם בעל־הבית מיין באַשלוס. האָט ער מיט אַן אַנטשיידענעם טאָן געזאָגט:

— נאַרישקייטען! וואָסטו זיך דערשראָקען? יעדע התחלה איז שווער, מיט דער צייט וועסטו זיך אַלץ אויסלערנען!

ער האָט מיר ניט באַדאַרפט פיל איינריידען, וואָרים איך האָב דאָך אַליין טאַקע אויך ניט געוואָלט אויפגעבען מיין פּלאַן צו פּראָפּאַגאַנדירען זיי.

מיין פּראָפּאַגאַנדע פאַלט אויף אַ שטיינערנעם באָדען.

די אַרבייט אין שניט־צייט איז געווען זעהר שווער: מ'האָט באַדאַרפט אויפשטעהן באַגינען, פאַר זון־אויפגאַנג, און אַרבייטען ביז אין אָוועגט אַריין. נאָך אַזאַ טאָג אַרבייט האָב איך זיך גע־פיהלט שרעקליך מיד. פונדעסטוועגען האָב איך ניט דורכגעלאָזען קיין געלעגענהייט פאַר פּראָפּאַגאַנדע.

פון אָנפאַנג האָבען אונזערע שמועסען זיך באַצויגען הויפּט־זעכליך אויף רעליגיעזע פראַגען. די מאַלאָקאַנען האָבען שטענדיג געזוכט צו באַווייזען וואָרום זייער תורה איז בעסער פון דער פּראַ־וואָסלאַווער, אָבער דאָס איז פאַר זיי ניט געווען קיין ברענענדע פראַגע: עס האָט זיי וויינינג געאַרט, צי איך וועל צושטעהן צו זייער סעקטע, צי ניט. אָט דאָס האָט מיר שטאַרק אַנטוישט.

די מאַלאָקאַנער זיינען דאָס רוב געווען מענשען מיט שכל, מיט געזונטען פּשוט'ען פאַרשטאַנד. זיי האָבען אַלע געקענט לייענען און שרייבען און געווען אַ סך מעהר אַנטוויקעלט ווי די פּראַוואָסלאַווגע

פויערים. זיי האָבען אבער אויך געהאט א סך חסרונות. מיט אכ־טענדיג אויף זייער ביסעל בילדונג, האָבען זיי, א חוץ זייערע סידורים און הייליגע ספרים, קיין אנדערע ביכער ניט געלעזען. דער־צו זיינען זיי געווען אָפּגעלאָזען, פויל, פארשלאָפען, און האָבען מורא געהאט פאר נייאינקייטען, פונקט ווי אלע פויערים.

איינמאָל האָט מיין בעל־הבית דערזעהן ווי דער ארבייטער ביי זיין שכן, א רייכען מאָלאקאן, קאָשעט די העי מיט א מאשין. האָט ער מיט קנאה א זאָג געטאָן:

— ווען איך וואָלט געהאט געלט, וואָלט איך אויך געקויפט אזא מאשין!

האָב איך מיט איהם גלייך פארפיהרט א געשפרעך וועגען בשותפות'דיגע, קהל'שע פּראָדוקציאָנס־מאשינען. איך האָב געדענקט, אז איך דערצעהל איהם דאָ עפּעס נייעס, פון וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט מיר אָבער, ווי געוויינט־ליך, אויסגעהערט גאַנץ אויפמערקזאם ביז'ן סוף, און גאַנץ רוהיג באַמערקט:

— דאָס וועט אונז נאָר שאַדען ברענגען און ניט קיין נוץ.

און אַלס ראיה האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף דער סעקטע „גע־מיינשאפטליכע", וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון „אסטראַכאַנקע", ביי וועמען די פּראָדוקציאָנס געצייג זיינען געמיינשאַפטליכע.

מיר איז, צום באַדויערען, ניט אויסגעקומען צו זיין ביי דער דאָזיגער סעקטע, אָבער לויט ווי די מאָלאַקאַנען האָבען מיר דער־צעהלט, איז די גאַנצע ארבייט ביי די „געמיינשאַפטליכע" אָפּגעטאָן געוואָרען אויף א געמיינשאפטליכען אופן, אָבער ביי זיי איז קיינ־מאָל קיין אָרדנונג ניט געווען: מ'האָט זיך געהאַלטען אין קריגען און רייסען וועגען דעם, ווער ס'ארבייט מעהר, ווער ס'פוילט זיך, ווער ס'מאַכט זיך קראַנק. איז דעריבער ביי זיי שטענדיג געווען א שרעקליכע אומאָרדנונג, אָרימקייט און שמוץ.

— אַט אזוי וואָלט ביי אונז אויך געווען, ווען מיר וואָלטען געלעבט ווי דו זאָגסט, — האָט ער פארענדיגט זיין ערצעהלונג.

געשפּרעכען וועגען סאָציאַליסטישע ענינים האָב איך געהאַט אויך מיט אייניגע שכנים, אָבער זיי זיינען אלע פארבליבען פעסט איבערצייגט, אז אלע נייע אויפפיהרונגען, וואָס איך פּראָפּאַגאַנדיר, טויגען אויף כפּרות. די אורזאַכע פון זייער קאָנסערוואַטיזם איז באַשטאַנען, הויפּטזעכליך, אין דעם, וואָס זיי זיינען כמעט אלע גע־

ווען אין אַ פאַרהעלטניסמעסיג גוטען מאַטעריעלען צושטאַנד. יעדע פויער־פאַמיליע האָט דאַן געהאַט אַ גאַנץ באַדייטענדען שטיק ערד, געוויינליך זאָגאַר עטליכע צעהנדליג דעסיאַטין. אמת, ניט אַלע זיינען געווען גלייך: ס'זיינען געווען זעהר רייכע און זעהר אָרימע, אָבער גאָר קיין אָרימע לייט, שלעפּער, זיינען כמעט ניט געווען. און די שולד פון אָרימקייט האָבען די מאַלאַקאַנען געוואָרפען אויף די מענשען אַליין, אַז זיי זיינען פויל, ניט טעטיג, ניט שפּאָרעוודיג געגוג, א. אז. וו.

— אָט האָט זיך ביי אונז אויך פאַרפיהרט צולאָזענקייט און הולטאַיסטוואָ — האָבען די מאַלאַקאַנען גערעדט — פריהער איז ביי אונז קיין זכר ניט געווען אפילו פון טרינקען ווייך, און איצט האָט זיך איינגעגאַדיעט אַ שענק. פאַראַן אַזעלכע, וואָס ליגען דאָרט אַפּ גאַנצע טעג, אָט דעריבער געהט זייער בעל־הבית'שקייט צו גרונט.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז דער נייער אייזענבאַהן, וואָס איז געלעגט געוואָרען ניט ווייט פון אַסטראַכאַנקע, ווי אויך דער וואוקס פון האַנדעל און פון דער באַפעלקערונג, האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די מאַלאַקאַנען. אַ סך האָבען זיך שוין זעהר פיל דערווייטערט פון די סעקטאַנטסקע לעהרען און מנהגים פון זייערע זיידעס, און אין זייער אַלטעגליכען לעבען האָבען זיי זיך שוין ניט פיל אונטערשיידט פון פּראַוואָסלאַוונע. איינער פון די רייכע מאַלאַקאַנען, למשל, איז שוין אומגעפאָהרען אויף טייערע פערד, האָט געהאַט אַ פּראַכטפאָלע הויז, יאַגד־הינט א. אז. וו.

ווען איך האָב עס אָנגעוויזען איינעם פון די אָרימערע מאַלאַקאַנען, האָט ער מיר געענטפערט:

— גאָט האָט געוואָלט, האָט ער איהם געגעבען! זעה, אָט געהט אַ רעגען אויף יענער שטיקעל לאַנד און דאָ אויף דער געהט ניט... גאָט ווייסט בעסער, ווי איך מיט דיר צוזאַמען, וויפיל יעדען איינעם צו געבען.

מיינע אַלע פאַרזוכען צו פּראָפּאַגאַנדירען זיי, האָבען אויף אַזאַ אופן זיך אָנגעשטויסען אוי אַ שטיינערנע וואַנט פון אבערגלויבען און אַלטע פאַרשימעלטע באַגריפען. איך בין דעריבער אַלץ מעהר אַנטוישט געוואָרען. אָבער ווי יעדער יונגער פּראָפּאַגאַנדיסט האָב איך עס צוגעשריבען צו מיין אומפעהיגקייט צו פּראָפּאַגאַנדירען זיי מיינע איבערציינונגען.

מ׳באשולדיגט מיך אין פערד־גנבה.

זונטאג פלעג איך, געוויינליך, לעזען א בוך. האב איך דערפאר געהאט די רעפוטאציע פון א געלעהרענטען מענשען. כ׳האב אבער אליין געשעדיגט די דאזיגע רעפוטאציע.

ווען מיר האבען זיך איינמאל אויפ׳ן פעלד צוגעלעגט נאכמי־טאג כאפען א דרעמעל, האט דער בעל־הבית ביי מיר פלוצלינג א פרעג געטאן:

— איז עס טאקע אמת, וואס מ׳זאגט, אז די שטערען זיינען גרעסער פון דער ערד?

איך האב געענטפערט, אז יע, און גענומען ערקלערען וועגען איניגע שטערען.

— זאג מיר נאר, — האט דער בעל־הבית מיר אינמיטען א פרעג געטאן, — ווייסטו ווי מ׳געהט אין דארף וואסיליעווקע?

— ווי אזוי זאל איך וויסען? — האב איך איהם אנגעקוקט א פארוואונדערטער, — בין איך דארט דען אמאל געווען?

— נו, אט דאס איז דאך דאס טאקע!... — האט ער אויסגע־שריען מיט א צופרידענעם נצחון, — און אויפ׳ן הימעל ביזטו דען יע געווען? דו ווייסט ניט ווי דורכצוגעהן א דרייסיג ווי־ארסט דא ביי אונז אויף דער ערד, און רעדסט וועגען דעם, ווי ווייט ס׳איז ביז דער לבנה, ביז די שטערען! דו לעזסט טאקע א סך ביכער, אבער איך זעה, אז דו האסט נאך אין זיך א סך נארישקייטען!...—האט ער לויבט מיך, אז איך בין אן ערענטליכער, אקוראטנער, ארבייטס־זאמער מענש:

פונדעסטוועגען האט ער פון מיר שטארק געהאלטען. איך האב איינמאל, ליגענדיג א הינטער א סטאגע העי, אליין געהערט ווי ער לויבט מיך, אז איך בין אן ערענטליכער, אקוראטנער, ארבייט־זאמער מענש:

— און ער טראגט ריינע, נייע קליידער, און האט, קענטיג, א ביסעל געלט אויך. אז ער קומט פון שטאדט, ברענגט ער דער בעל־הבית׳טע א פונט צוקער און א פערטעל פונט טעי, און די קינ־דער צוקערקעס. ער האט געהאט א גוטע שטעלע אויפ׳ן אייזענ־באהן, פופצעהן רובעל א חודש געקראגען, האט ער עס אוועקגעווארפען און גענומען זיך פאר פויערשע ארבייט. א מאדנער מענש, איך האב, בנאמנות, אין מיין לעבען אזא ניט געזעהן...

און ער איז געווען גרייט אוועקצולעגען זיין קאפ פאר מיין

רעפּוטאַציע, וואָס ער האָט טאַקע אין גיכען ביי אַ געלעגענהייט באַוויזען.

ווען איך בין איינמאָל פאַרנאַכט צוריקגעקומען מיט די פערד פון דער אַרבייט, האָט מיר דער בעל־הבית דערצעהלט, אַז זיין שכן קאַליניז, ביי וועמען מ׳האָט ניט לאַנג פריהער גע׳גנב׳עט אַ פערד, איז געקומען צו איהם און געזאָגט, אַז איך האָב עס גע׳גנב׳עט דעם פערד. מיין בעל־הבית האָט איהם געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי האָב איך עס געקאָנט גנב׳ענען, אַז איך בין דאָך די גאַנצע צייט דאָ אין אַסטראַכאַנקע? האָט קאַליניז אויף דעם געענטפערט, אַז איך שלעפּ זיך אין שטאָדט (איך בין טאַקע פאַר דער צייט אַ פּאָר מאָל געווען אין מעליטאָפּאָל, אום אָפּצונעמען מיינע בריף ביי ענגעל׳ן). האָב איך דאָרט, מסתמא, אַרויסהעלפער, האָט קאַליניז ערקלערט, וועמען איך דערצעהל אַוואו די טויערען זיינען ניט גוט פאַרשפּאַרט און מ׳קאָן דאָרט גנב׳ענען.

קאַליניז האָט אויך נביאות געזאָגט, אַז איך וועל זיכער אַנטלוי־פען מיט מיין בעל־הבית׳ס פערד און וועל מעהר צוריק ניט קומען. „אַז ניט, וואָס דאַרף אַזאַ בחור האָבען דאָ ביי אונז אין דאָרף?״

מיין בעל־הבית האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט איהם אויף דעם געענטפערט אַזוי:

„דו קענסט ניט מיין אַרבייטער: ניט נאָר וועט ער קיין פרעמדע ניט אוועקפיהרען, נאָר אפילו גאָלד לעגט פאַר איהם אַוועק, וועט ער ניט אָנריהרען. כ׳וועל זיך אויף איהם פאַרלאָזען ווי אויף אַן אייגענעם זוהן״.

פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף מיין בעל־הבית׳ס שמייכעלהאַפטע מיינונג וועגען מיר, האָט די געשיכטע מיר באַאומרו־היגט און פאַרביטערט. ערשטענס האָב איך זיך געפיהלט שטאַרק באַליידיגט, וואָס פון אַלע מיינע באַמיהונגען צו פּראָפּאַגאַנדירען זיי, האָט זיך גאָר אויסגעלאָזען, אַז מ׳האַלט מיר פאַר אַ פערד־גנב. דערצו האָב איך באַמערקט, אַז מיין בעל־הבית האָט זיך דאָך דער־פיהלט אַ ביסעל אומרוהיג פון קאַליניז׳ס רייד. אַ ביסעל שפּעטער האָט ער מיר טאַקע געזאָגט:

— הער נאָר, פאַרשטעהסט דאָך, אַז קאַליניז וועט דאָך דאָס פאַנאַנדערפויקען איבער גאַנץ אַסטראַכאַנקע, און די רעגירונגס־באַ־אַמטע וועלען זיך נאָך דערוויסען. זאָג מיר נאָר, אַ פּאַספּאָרט האָסטו?

מיין פּאַספּאָרט איז געווען אַ פאַלשער, און דערצו איז שוין זיין צייט אויסגעגאַנגען, מיינע חברים האָבען מיר קיין נייעם ניט

צוגעשיקט. אום צו באַרוהיגען אָבער מיין בעל־הבית, בין איך אוועקגעלאָפען אין פערד־שטאַהל, אַרויסגענומען פון מיין פּעקעל דעם פּאַספּאָרט און איבערגעלעזען איהם פאַר מיין בעל־הבית. געבען איהם אין האַנט דעם פּאַס האָב איך מורא געהאַט צו ריזיקירען. און געלעזען האָב איך איהם אַזוי, אַז דער בעל־הבית זאָל ניט וויסען, דאָס זיין צייט איז שוין אויסגעגאַנגען.

דער בעל־הבית וואָלט זיך אָהן ספק מיט דעם צופרידענגעשטעלט, אָבער די בעל־הבית'טע, וועלכע איז געווען דאַביי, האָט באַמערקט:

— וואָס העלפּט דאָ די אַלע רייד, אַז מ'זעהט דאָך באַשיינפּערליך, דאָס דו ביזט ניט קיין פּראָסטער פּויער! זעה, אָט דיינע הענט: ווייסינקע און קליינינקע, קלענער ווי ביי אַ מיידעלע.

און זי האָט אַ רוף געטאָן איהר אינגערע טאָכטער, און גענומען פאַרגלייכען איהר הענטעל מיט מיינער.

— דו ביזט פון די פּריצים! — האָט זי ענדליך ערקלערט מיט אַן אַנטשיידענעם טאָן.

דער בעל־הבית איז אויך, קענטיג, געווען גענייגט צו איהר מיינונג.

— באַטראַכט נאָר אַליין, — האָב איך געזוכט איינצושמועסען זיי, — וואָצו וואָלט איך באַדאַרפט זיך פאַרשטעלען פאַר אַ פּויער?

— דער גוטער יאָהר ווייסט דיר! — האָט זי געענטפערט, — מען זאָגט, אַז מ'נעמט שוין איצט אויך די פּריצים פאַר סאָלדאַטען, אפשר ביזטו אַנטלאָפען פון דער היים, אום אַרויסצודרעהען זיך פון מיליטער־דינסט.

געזאָגט האָט זי עס מיט אַ גאַנץ רוהיגען, דורכאויס ניט קיין פיינדליכען טאָן. פאַרקערט, גיכער מיט סימפּאַטיע: אַלס סעקטאַנטקע האָט זי גאָר ניט געהאַלטען עס פאַר קיין עולה אַרויסצודרעהען זיך פון מיליטער־דינסט.

מיין ערשטער געדאַנק נאָכדעם איז, אַלזאָ, נאַטירליך, געווען, איך זאָל תּיכּף אַנטלויפען פון אַסטראַכאַנקע. ווען איך האָב זיך אָבער באַטראַכט, האָב איך געזעהן, אַז איך דאַרף עס ניט טאָן: דאָס וואָלט דאָך געהייסען באַשטעטיגען דעם פאַרדאַכט אויף מיר. מוז איך, אדרבא, זעהן אויפוויייזען די פאַלשקייט פון קאַליניג'ס רכילות אויף מיר.

קאַליניג איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער, אַן אמת'ער ריז, אַ געלער, מיט אַ צופּאַטעלטע באָרד, מיט אַן אומאַנגענעמען געזיכט,

אַ באַדרעקטען מיט זומער־שפּרענקלאַך. איך האָב זיך דערפיהלט גאַנץ אומרוהיג, ווען איך האָב אויף מאָרגען איהם דערזעהן שמור־עסענדיג ביי אונזער טויער מיט'ן בעל־הבית און נאָך איינעם. מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ בין איך צוגעגאַנגען צו זיי: איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל האָבען אַ מיאוס'ען אָפּשניט פון אַן ערקלערונג מיט איהם.

— וואָס פאַר אַ רכילות מאַכט איהר עפּעס אויף מיר? — האָב איך זיך צו איהם געווענדעט, צוקומענדיג צו איהם גאַנץ נאָהענט.

— טאָ וועד זשע דען האָט צוגענומען מיין פערד? קיין אַנדערער, אַ חוץ דיר, האָט עס ניט געקאָנט טאָן. דו ביזט עפּעס אַ מאָדנער, ביזט גאָר ניט עהנליך אויף אַ פּויער. צי ביזטו ניט אָפּט פון די זשידעס? — האָט ער פאַרענדיגט גאַנץ אומערוואַרטעט.

ביז אַ דעם געשפּרעך האָט ער מיט מיר קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. איצט אָבער, אַז ער האָט מיר דערזעהן נאָהענט און דערצו נאָך אין אַ שטאַרק אויפגערעגטען צושטאַנד, איז גאַנץ נאַטירליך, דאָס ער, אַן ערפאַהרענער מענש, האָט אין מיר דערקענט אַ אידען. דאָס האָט מיך געבראַכט אין אַ גאַנץ שווערע לאַגע. איך האָב זעהר ניט געוואָלט אָפּלייקענען מיין אידישע אָפּשטאַמונג. אַזוי ווי אָבער מיין פּאַספּאָרט איז געווען אַ פּויערשער, האָב איך זיך געמוזט אָנהאַלטען אַלס אַזאַ. מיר האָט אָבער אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ, אַז קאַלינינ'ס פאַרדאַכט, דאָס איך בין אַ איד, קאָן לייכט באַווייזען ווערען, און דאַן וועט מען דערזעהן, אַז מיין פּאַספּאָרט איז אַ פאַלשער, און דער גאַנצער אמת וועט אַרויס. קאַלינינ'ס פראַגע, אַלזאָ, האָט געמוזט גלייך פאַרענטפערט ווערען.

— ס'איז ניט די פראַגע, ווער איך בין, נאָר ווי אַזוי באַשולדיגט איהר אומזיסט אַ מענשען? איהר זייט דאָך אַ מאַלאַקאַן, איהר האַלט זיך דאָך פאַר אַ קריסט, און אַט מאַכט איהר אויף מיר רכילות!

איך האָב איהם לאַנג ערקלערט די נידערטרעכטיגקייט פון מאַכען אַן אומזיסטיגען בלבול אויף אַ מענשען. מיין בעל־הבית האָט געהאַלטען מיט מיר. דער צווייטער מאַלאַקאַן האָט געשוויגען, ער איז אָבער, קענטיג, אויך געווען אויף מיין זייט. קאַלינין האָט זיך געפיהלט ניט גאָר אַנגענעם. האָט ער ביים ענד מיר געזאָגט: „אפשר האָסטו טאַקע ניט גע'גנב'עט דעם פערד. גאָט ווייסט! נו, זיי ניט אין כעס!"

און מיר האָבען זיך איינער דעם אַנדערען דערלאַנגט די הענט.

איין צרה ברענגט מיט א צווייטע.

אָבער אן אומגליק, ווי באקאנט, קומט ניט אליין: געוועהנ־ליך שלעפּט זיך אהינטער נאָך עפּעס א צווייטע צרה.

אין א פּאָר טעג ארום, ווען איך האָב זיך צוגעקליבען אין אָוועגט ארויספאָהרען מיט די פערד אויף „נאָטשלעג” אין פעלד, האָט מיר דער בעל־הבית פּלוצלונג א רוף געטאָן:

— אָט איז דיינער א לאנדסמאן! — האָט ער מיר פרעה־ליך געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף איינעם פון די, וואס זיינען גע־זעסען מיט איהם אויף א באנק לעבען טויער.

איך האָב זיך, פארשטעהט זיך, ניט שטארק דערפרעהט פון אזא לאנדסמאן. ער איז געוועזן פון טשערניגאָווער גובערניע, האָט ער מיר געגומען אויספרעגען פון וואנען, ס׳הייסט פון וועל־כען וואלאסט און דאָרף, איך קום. האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין דאָרף איז ניט ווייט פון מיינעם (לויט מיין פאספּאָרט) און אז ער קען דאָרט יעדען איינעם. ווען איך האָב געזאָגט, אז מיין פאמיליען־נאָמען איז גאָלעניוק, איז ער פארוואונדערט גע־וואָרען: ער האָט דאָרט פון אזא נאָמען גאָר ניט געהערט. האָב איך איהם ערקלערט, אז מיינע עלטערן זיינען געשטאָרבען, ווען איך בין נאָך געווען א קליין אינגעל, און איך האָב באלד אליין אויך פארלאָזען יענעם דאָרף און מעהר דאָרט ניט געוועזן. געדענק איך דאָרט קיינעם ניט.

מיין געשיכטע איז איהם אויסגעקומען ניט גאָר גלאַט, ניט גאָר אמת׳דיג.

—ווי אזוי־זשע איז דאָס? עפּעס מאָדנע! — האָט ער מיט א ספק־מינע געזאָגט.

אונטער׳ן אויסרייד, אז ס׳איז שוין שפּעט און איך איל זיך אין פעלד, האָב איך זיך מיט איהם געזעגענט. אויפ׳ן הארצען איז מיר געווען זעהר אומהיימליך. דער לאנדסמאן האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט בדעה צו פארבלייבען אין אסטרא־כאנקע, עפּענען עפּעס א קראָם. ווער מיר, הייסט עס, אויסקו־מען צו זעהן זיך נאָך מיט איהם. ווי וועט זיין, האָב איך גע־טראכט, אז איהם פארווילט זיך אָנפרעגען אין וואָלאָסט פון מיין דאָרף?

איך האָב גענומען קלערען וועגען אנטלויפען. ווען איך בין אויף מאָרגען פריה צוריקגעקומען אין דאָרף, האָב איך זיך געריכט, אז מ׳וועט מיר קומען רופען פון וואלאסט. אין אזא

פאַל, האָב איך ביי זיך באַשלאָסען, גלייך צו מאַכען אַ „ויברח״, אפילו ניט מיטצונעמען די זאַכען, און מעהר צוריק ניט קומען. כ׳האָב זיך אָבער אומזיסט באַאומרוהיגט.

ערשטער און לעצטער פאַרזוך צו פראָפאַגאַנדירען די יוגענט פון די מאַלאַקאַנען.

גלייך נאָך דער שניט־צייט איז געקומען די צווייטע, פונקט אזא שווערע, ארבייט — אריבערפיהרען די אפגעשניטענע תבואה אין שאיער אריין. אזוי ווי מ׳האָט זיך זעהר געאיילט אריינ־נעמען די תבואה אין שאיער, איז אויסגעקומען צו ארבייטען טאָג און נאכט כמעט אָהן אן אויפהער. מיר איז אויסגעקומען צו שלאָפען שטעהענדיג אויפ׳ן וואָגען אין דער צייט פון דער אר־בייט.

נאָך דעם איז דערפאר געקומען אַ לייכטע און גאַנץ אנגע־נעהמע ארבייט — קלייבען קאַוואָנעס. מ׳איילט זיך ניט, מען לעגט אָן אַ וואָגען, מ׳זעצט זיך אריין און מ׳פרעסט זיך אָן צו־זאט. אָט די ארבייט האָבען געטאָן בלויז איך און וואַניא, דעם בעל־הבית יונגער זוהן.

איינמאָל, ווען מיר זיינען אזוי געפאָהרען נאָך די קאַוואָנעס און איך האָב, כדרך הטבע, געקירעוועט די פערד און ער האָט זיך, מעשה־בעל־הבית, אויסגעצויגען אין וואָגען, איז פאָרגעקומען אזא סצענע.

— דערצעהל מיר עפּעס, דו האָסט דאָך געלעזען אזוי פיל ביכער און געזעהן זאכען — האָט מיר וואַניא געבעטען.

דאס האָט מיר פארוואונדערט און אין דער זעלבער צייט דערפרעהט. וואַניא איז געווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער און איז, דאכט זיך, געווען גלייכגילטיג צו אלעם אַ חוץ די בעל־הבית׳שקייט. ווען ער האָט עס מיר אַ בעט געטאָן, האָב איך זיך, אלזאָ, ניט געלאָזען פיל בעטען און מיט פרייד גענומען זיך אויס־נוצען די געלעגענהייט צו פראָפאַגאַנדירען איהם. „די דער־וואַקסענע מאַלאַקאַנען זיינען פארשלאָפען, קאָנסערוואַטיוו, — האָב איך ביי זיך געטראַכט, — אפשר וועלען די יונגע זיך ארויס־ווייזען מעהר עמפפינדליך״.

אין יענער צייט איז זעהר פאָפּולער געווען דער אומלעגאַלער

ביכעל: „א מעשה וועגן פיער ברידער“, וועמענס פארפאסער איז געווען דער פריהערדיגער הויפט פון דער „נאראדנאיא וואליא“ ליעוו טיכאמיראוו, וועלכער האט דערנאך תשובה געטאן און איז געווארען דער רעדאקטאר פון דער קאנסערוואטיווער „מאס־קאווסקיא וויעדאמאסטי“. ארבייטער און פויערים פלעגן זיך מיט גרויס אינטערעס צוהערן צו דער דאזיגער מעשה׳לע, ווייל זי האט אויף זעהר א פאפולערער שפראך דערצעהלט וועגן דער אומגערעכטיגקייט, וואס הערשט אומעטום אין רוסלאנד, און האט אנגעוויזען א וועג ווי אזוי צו באזייטיגען עס. דעם ביכעל האב איך ביי זיך ניט געהאט, אבער איך האב גוט געוואוסט זיין גאנצען אינהאלט, האב איך עס גענומען אויסוועניג דערצעהלען.

איך בין געזעסען האלב אומגעקעהרט צו וואניא׳ן, און זיך אליין מעהר צעווארימט דערצעהלענדיג. פלוצלונג, אין איינעם פון די סאמע ריהרענדסטע מאמענטען פון דער דערצעהלונג, האב איך דערפיהלט א זעץ אין זייט. דאס האט מיר וואניא דער־לאנגט מיט׳ן קולאק און אויסגעשריען:

— זעה, וואוהין דו קירעוועסט!

איך האב זיך אומגעקוקט: די פערד זיינען אוועק אביסעל אן א זייט.

— אט דערפאר האסטו מיר דערלאנגט א קלאפ, און נאך ווען איך דערצעהל דיר! — האב איך שיער מיט טרעהרען אין די אויגען ארויסגערעדט.

— א מעשה איז א מעשה, אבער אויף די פערד דארף מען אכטונג געבען, אז ניט וועלען זיי דעם וואגען צוברעכען.

איך האב דערפיהלט זעהר פאסקודנע אויפ׳ן הארצען: ניט אזוי צוליב׳ן קלאפ, נאר פון דעם באוואוסטזיין, אז אלע מיינע באמיהונגען צו פראפאגאנדירען אט די לייטע זיינען ארויסגע־ווארפען, ווייל די געוועהנליכע וואכעדיגע אינטערעסען זיינען וואניא׳ן טייערער ווי אלע אמת׳ן, וואס איך קען איהם מיט־טיילען.

וויפיל ער האט דערנאך ניט צובעטען זיך ביי מיר, איך זאל ענדיגען דערצעהלען איהם די מעשה, האב איך בשום אופן ניט געוואלט עס טאן. מיר האבען שטיל, שווייגענדיג, געקלי־בען די קאוואנעס און געקומען אהיים.

דאס איז געווען מיין ערשטער ווי אויך מיין לעצטער פאר־זוך צו פראפאגאנדירען די מאלאקאנער יוגענד.

מאלאקאנער בחורים און מיידלעך קושען זיך נאָכ'ן דאוונען אין קלויסטער.

מיט איינמאָל אין דער צייט פון אונזערע רעליגיעזע ויכוחים האָבען די מאָלקאַנער גערעטען מיר קומען א קוק טאָן זייער שוהל, וואו זיי דאוונען. בין איך איינמאָל א זונטאג פריה אוועק זעהן זייערע א תפילה.

איך בין פון א סך זאכען דאָרט איבערראשט געוואָרען: די אלגעמיינע איינפאַכקייט פון אַלעס, דעם גלח'ס קליידער, און וואס אַלע באטייליגען זיך אין'ם זינגען די תפילות — דאס איז אַלץ פאר מיר געווען ניי. באזונדערס בין איך נשתומם געוואָרען פון דעם, וואס נאָך דער גאָטעס־דינסט איז פון'ם עולם ארויס א מענש, וועלכער איז לויט'ן אויסזעהן און קליידער געווען עהנליך אויף א אידען, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן גלח'ס אָרט און געהאלטען א באלעהרענדע דרשה. ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט ניט גאָר גוט גערעדט רוסיש, האָבען זיך אלע גאנץ ערנסט צוגעהערט צו איהם, אזוי ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט דורכצולאָזען א וואָרט. נאָך זיין דרשה, פאר'ן געהן אהיים, האָבען אלע מאנסבילען און פרויענצימער זיך געקושט, „אזוי ווי ברי־דער און שוועסטער אין גלויבען", לויט ווי מיין בעל־הבית האָט מיר ערקלערט.

— נו, איז דיר געפעלען אונזער גאָטעס־דינסט? — האָט ער מיך געפרעגט. ווען איך האָב איהם געענטפערט, אז יא, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— דערהויפט איז דיר, מסתמא, געפעלען, וואָס ביי אונז קושען זיך די בחורים מיט די מיידלעך. נעם אָן אונזער אמונה, וועסטו זיך קושען מיט וועלכער שעהנהייט דיין הארץ גלוסט — האָט ער געענדיגט מיט א פרעהליכען געלעכטער.

איך פארלאָז די מאָלאָקאַנען.

דער זומער איז אריבער. איך האָב באשלאָסען צו פאר־לאָזען די מאָלאָקאַנען, ווייל איך האָב גערעכנט, אז איך האָב שוין ביי זיי ניט מעהר וואָס צו טאָן. מאכענדיג א סך־הכל צו מיין פראָפּאגאנדע־טעטיגקייט פאר'ן זומער, בין איך געקומען צו זעהר א טרויעריגען שלום: מיר האָט זיך געדוכט, אז שולדיג אין מיין דורכפאַל בין איך אליין, ווייל איך בין ניט פעהיג צו פויערשער ארבייט און ווייס ניט ווי אזוי צו פראָפּאגאנדירען זיי.

די איבעריגע חברים פון מיין קרוזשאָק, האָב איך ביי זיך גע־טראַכט, האָבען געווים געהאַט מעהר ערפאָלג פון מיר. פון דעם איז מיר געווען גאַנץ ביטער אויפ׳ן הארצען. ביסלאַכווייז אָבער האָבען זיך מיינע געדאַנקען געגומען בייטען. איך האָב גע־נומען ניכטערער אַנאַליזירען די באַדינגונגען פון מאַלאַקאַנער לעבען און האָב דערזעהן, אַז די שולד פון מיינע פרוכטלאָזע באַמיהונגען ליגט איבערהויפּט ניט אין מיר, ניט אין מיינע מעלות אָדער חסרונות.

„צי קען מען אפשר גאָר אין גאַנצען ניט פאַרווירקליכען די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט? אפשר איז ארויסגעוואָרפען די גאַנצע ארבייט צו פראָפּאַגאַנדירען די סעקְ־טאַנטען?“ — האָב איך זיך געפרעגט, און, הגם איך האָב געהאַט אַ סך ערפאַרונג, בין איך געקומען צום שלום, אַז דער פּלאַן איז ניט פּראַקטיש, וואָרים ער קען ניט פאַרווירקליכט ווערען.

מ׳האָט ניט באַדאַרפט האָבען קיין צופיל גאונות צו דער־זעהן, אַז דאָס, וואָס מיר האָבען געלעזען אין אַלטע ביכלאַך און פאַרשיידענע זשורנאַלען וועגען די מאַלאַקאַנען, האָט וועניג עהנ־ליכקייט מיט דער ווירקליכקייט. לויט זייערע פערזענליכע איי־גענשאַפטען און לעבענס־באַדינגונגען זיינען די מאַלאַקאַנען אין קיין פאַל ניט געווען מעהר, אויב ניט נאָך וועניגער, עמפינדליך פאַר סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע ווי פּשוט׳ע פּויערים.

האָב איך ערקלעהרט מיין בעל־הבית, אַז כ׳האָב באַשלאָסען אַוועקפאָהרען אהיים. האָט ער, און טיילווייז אויך זיין פרוי, גענומען מיר איינשמועסען איך זאָל ביי זיי פאַרבלייבען. דערביי האָבען זיי מיר געמאַכט זעהר רייצענדע פאָרשלאָגען, רייצענדע לויט ווי זיי האָט זיך עס געדוכט.

— פאַרבלייב ביי אונז ארבייטען אַ יאָהר דריי־פיר, — האָט דער בעל־הבית מיר געזאָגט, — וועסטו ווערען אַן עכטער פּויער, וועסטו קענען יעדען סאָרט ארבייט אַזוי גוט ווי אַבי וועל פון אונז. מיר׳ן דיך חתונה מאַכען מיט אַ מאַלאַקאַנקע, מיר׳ן דיר שוין אויסקלייבען אַ געזונטע און אַ שעהנע מיידעל. דו׳סט אַליין אריבער צו אונזער אמונה. סט׳זעהן, אַז זי איז בעסער פון אייערער. אפשר ווילסטו חתונה האָבען מיט לושע׳ן? ווילסט מיטרי׳ן פאַר אַ חתן? — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין טאָכטערל, וועלכע איז געווען אַ יאָהר צעהן אַלט.

— נאַ דיר! אויף וואָס טויג ער? — האָט זי אויסגע־

שריען און זיך אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט מיט אַן אומצופרידענע מינע.

— סט'אונטערוואַקסען, וועסטו שוין גאָר אַנדערש רייד־ען!

— נו, זאָג מיר נאָר, וואָרום טויג ער דיר ניט פאַר קיין חתן? — האָט דער פאָטער זיך מיט איהר געוויצט.

— כ'וויל איהם ניט, כ'וויל איהם ניט, דעם דאַרען לאַנ־גאַץ! — האָט זי כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען געשריען.

— נו, שאַ, גוט, דאַרף מען ניט! — האָט ער געזאָגט, לאַכענדיג.

— אויב דו ווילסט, — האָט ער מיר ווייטער גענומען איינ־ריידען, — קענסטו פאַרבלייבען ביי אונז פאַר אַ לעהרער. מיר'ן דיר צוזאַמענקלייבען אַ פערציג־פופציג קינדער, צו רובעל גע־צאָהלט פאַר יעדעס קינד, און עסען וועכענווייז ביי די עלטערען.

אפנים, אַז מיין בעל־הבית און בעל־הבית'טע האָבען מיך איינגערעדט צו פאַרבלייבען דאָרטען ניט צוליב פערזענליכע צוועקען. זיי האָבען, קענטיג, געפיהלט אַ נאָהענטע פשוט'ע פריינדשאַפט צו מיר, פונקט ווי איך האָב עס געפיהלט צו זיי. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין ביי זיי געוועזען, האָבען זיי קיין איין מאָל אַ שלעכט וואָרט מיר ניט געזאָגט, ניט אויפגעהויבען קיין הויך קול אויף מיר, הגם איך האָב אַזוי פיל פעהלערען געמאַכט אין מיין אַרבייט.

* * *

פאַר'ן גאַנצען זומער האָב איך ביי מיין בעל־הבית גאָר נישט גענומען אויפ'ן רעכנונג פון מיין שטיקעל געהאַלט, וואָס ער האָט מיר געצאָהלט. פאַרקעהרט, צוזעהענדיג ווי ער נויטיגט זיך אַמאָל, האָב איך איהם נאָך אויסגעבאָרגט קליינע סומען געלט. ווען ער האָט אויסגעדראָשען אַ טייל פון זיין תבואה, האָט ער באַשלאָסען צו פאַרקויפען עס, אום צו באַצאָהלען מיר און קויפען עפּעס נויטיגעס פאַר זיין הויז־געזינד. איך האָב גע־הערט ווי ער האָט געהאַלטען אין רעכענען מיט זיין פרוי און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אין קיין פאַל ניט זיין אימשטאַנד צו קויפען אַלץ, וואָס איז שטאַרק נויטיג פאַר'ן הויז. האָב איך באַשלאָסען צו מאַכען זיי ביים זעגענען זיך אַ סיורפּריז.

מיר האָבען אָפּגעמאַכט צו פאָהרען צוזאַמען אין שטאָדט, וואו איך האָב געזאָלט קריגען די געלט, וואָס ער קומט מיר, און אוועקפאָהרען פון דאָרט מיט'ן באַהן.

מיר זיינע געקומען אין שטאָדט, פאַרקויפט די תבואה,

און איך האָב געהאָלפען אָוועקטראָגען די זעקלאך תבואה און אויסשיטען עס אין שפייכלער. ווען דער בעל־הבית האָט גע־קראָגען באַצאָהלט, האָט ער אָפּגעצעהלט וויפיל ס׳קומט מיר און עס דערלאַנגט מיר. איך האָב אָבער פון דעם אַראָפּגענומען בלויז די עטליכע רובעל, וואָס איך האָב איהם געליהען במזומן, און פון מיין פאַרדינסט האָב איך זיך אַנטזאָגט.

— וואָס איז מיט דיר!? ביזטו משוגע? — האָבען ביידע, דער בעל־הבית און די בעל־הבית׳טע, פאַר׳חדוש׳טע אויסגע־שריען. — אַ גאַנצען זומער געאַרבייט, און קיין געלט ווילסטו ניט נעהמען?

איך האָב זיי ערקלערט, אַז איך האָב גענוג געלט אויף צו דערפאָהרען אַהיים, און כ׳האָב זיי פאָרגעשלאָגען איינצוקויפען אַלץ, וואָס זיי דאַרפען האָבען אין הויז, ווי אויך מתנות פון מיר פאַר די קינדער און באַזונדערס פאַר „מיין כלה לושע“.

זיי האָבען געלאַכט און שוין מעהר מיך ניט איינגערעדט. זיי האָבען מיר באַדאַנקט, געוואונשען גליק, און זיך האַרציג געזעגענט מיט מיר. איך בין אַוועק אין אַ צווייטען זייט. ווען איך בין שוין אַפּגעגאַנגען אַ נישקשה׳דיגע שטרעקע, האָב איך דערהערט ווי ער רופט מיך: „מיטרי, אַ מיטרי!“ איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט ווי ער שרייט:

„אַסטראַכאַנקע איז שוין הונדערט יאָהר אַלט, און אַזאַ מאָד־נער מענש ווי דו, איז נאָך דאָרט קיינמאָל ניט געווען“.*)

---

*) זינט דאַן איז שוין איבער פערציג יאָהר אַריבער. פאַר דער צייט האָב איך בלויז איינמאָל, אין די 90גער יאָהרען, וואוינענדיג אין סיביר, געלעזען ערגעץ אין אַ צייטונג אַ באַריכט וועגען די מאַלאקאַנען פון אסטראכאנקע. דאָרט איז געמעלדעט געווען, אַז צוליב׳ן גרויסען וואוקס פון דער באַפעלקערונג, האָבען זיי באַשלאָסען א טייל איבערצופיהרען אין סיביר. אָבער דאָ ניט לאַנג, אין ווינטער פון יאָהר 1917-18, האָב איך אָנגעטראָפען א חבר, אַ געוויסען סערגעיעוו, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז ער איז א מאַלאָקאַן פון דאָרף אסטראכאנקע. איך האָב זיך מיט איהם פאַנאַנדערגעשמועסט, און ער האָט מיר דערצעהלט, אַז פאַר די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענ־דערונגען ביי די מאַלאקאַנען פון בערדיאַנסקער אויעזד. לויט זיינע ווערטער „איז זייערע דערפער איצט פשוט ניט צו דערקענען“. צווישען אַנ־דערע זאַכען האט ער מיר דערצעהלט, וואָס ס׳האָט מיר מאָדנע איבער־ראשט, אַז די עלטערע איינוואוינער פון אסטראַכאַנקע דערצעהלען נאָך

כ׳קום צוריק אין קיעוו.

פאר׳ן אוועקפאהר בין איך אוועק זיך זעגענען מיט ענגעל׳ן. מיר האבען זיך פארנאנדערגעשמועסט וועגען אונזער סאציאליסטישער טעטיגקייט, וועגען פאליטיק און עהנליכע ענינים. האב איך זיך דערפיהלט פונקט ווי איך וואלט געווען אין דער פרעמד, אין אן אומבאקאנטער סביבה — אזוי ווייט זיינען שוין מיינע געוואוינהייטען און געדאנקען דורכגענומען געווארען פונ׳ם מאלאקאנער סארט לעבען.

איך האב מיט ענגעל׳ן אפגעמאכט ווי אזוי דורכצושרייבען זיך, און באגינען בין איך אוועקגעפאהרען.

* * *

אין כארקאוו האבען די גלושקאווס — די מוטער און דער זוהן — זיך שטארק דערפרעהט מיט מיר. איך האב זיי דער־צעהלט אלץ, וואס מיט מיר איז פארגעקומען פאר׳ן זומער, און זיי האבען מיר געראטען אויפצושרייבען מיינע איינדרוקען און אוועקצושיקען עס אין דעם „וופעריאד" (פארווערטס). איך האב עס זיי פארשפראכען, אבער צום באדויערען, האב איך עס געקענט באווייזען ערשט אין פיער און דרייסיג יאהר ארום, אין יאהר 1910, ווען א סך איז שוין אין מיין זכרון בלאס געווארען אדער אין גאנצען פארגעסען געווארען.

איך האב זיך דאן באקענט מיט נאך א דריי־פיער גלוש־קאוו׳ס חברים אין כארקאוו. איך האב אפגעמאכט מיט גלוש־קאוו׳ן וואס פאר א סארט שיפר, אדרעסען און אנדערע סמנים מיר זאלען נוצען ביים דורכשרייבען זיך, און כ׳בין אוועקגעפאה־רען נאך קיעוו.

* * *

מיינע קרובים און באקאנטע האבען געזאגט, אז איך קוק איצט אויס פיל געזינטער ווי פריהער. און איך האב זיך טאקע אזוי געפיהלט: מיינע מוסקולען זיינען געווארען שטייף און פעסט, אז איך האב זיך געקענט שלאגען מיט אזעלכע, וואס האבען אויסגעזעהן פיל געזינטער פון מיר, און האב זיי לייכט גובר געווען.

עד־היום וועגען מיר און מיין דאמאלסדיגען באזוך, לויבענדיג מיך הויך, און באפוצען די ווירקליכקייט מיט זייער פאנטאזיע. אפנים, אז מיין שרעק, דאס מיין פראפאגאנדע איז אוועק אהן פרוכט, איז געווען אן אומזיסטע. מילא, איז געווים גוט.

דעם גאַנצען זומער האָב איך גאָר ניט געהערט פון מיינע חברים, די איבריגע מיטגלידער פון אונזער קרוזשאָק. איצט זיינען שוין דאָרט געווען צוריק עטליכע פון דער גרופּע, וואָס איז אוועק צום וואָלגע זוכען די סעקטע „ביעגונעס”, ווי אויך די יעניגע, וואָס האָבען געזוכט די שטונדיסטען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז זיי האָבען געזוכט און געזוכט ארום צאַריצין, אַסטראַכאַן און אנדערע ערטער און האָבען ערגעץ ניט געפונען אפילו קיין איין ביעגון.

די סעקטע שטונדיסטען האָט מען יאַ געפונען, אָבער אונזער גרופּע האָט קיין ערפאָלג דאָרט ניט געהאַט.

סעקטאַנטען נעמען פּעסענקאָ׳ן אָן פאַר משיח׳ן.

וועגען פּעסענקאָ׳ן האָב איך אַ צייט לאַנג ניט געקענט אויסגעפינען, וואו ער איז אהינגעקומען. ערשט אין אַ יאָהר ארום האָב איך איהם דערזעהן אין פּעטערבורג, און ער האָט מיר דערצעהלט פאָלגענדע טרויריג־קאָמישע געשיכטע, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

אין אַ שעהנעם פריהלינג־טאָג איז ער געקומען אין אַ דאָרף צו אַ סעקטע, ערגעץ אין דרום־רוסלאַנד. גלייך דעמזועלבען טאָג אין אָווענט האָט מען איהם גענומען צו אַ פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט געזאָלט ערקלערען זיין נייע תורה. אַלס געוועזע־נער סעמינאַריסט האָט ער גוט געוואוסט די הייליגע ספרים. האָט ער גענומען שיטען מיט פּסוקים און ציטאַטען פון דער ביבעל און יעוואַנגעליום. ער האָט פאַר זיינע צוהערער אויסגע־מאָלען אַ פינסטערע בילד פון דער טרויעריגער לאַגע פון׳ם אר־בייטענדען, האָרעפּאַשנעם פאָלק, און האָט אויך אָנגעוויזען אויף דער קומענדער ליכטיגערער צוקונפט. פּעסענקאָ האָט זיך צע־וואַרעמט ריידענדיג, אַז ער איז אליין הינגעריסען געוואָרען און האָט אויך הינגעריסען דעם גאַנצען עולם צוהערער. זיי זיינען אַלע געווען ווי פאַרגאַפּטע פון זיין ברייטען וויסען און באַגייס־טערטער רעדע, ווי אויך פון זיין אויסזעהן, וועלכער האָט פאָל־שטענדיג דערמאַנט אַ פאַרצייטיגען נביא. צום סוף זיינען די איינדרוקספולע סעקטאַנטען אַזוי אנטציקט געוואָרען, אַז זיי זיינען ממש אריין אין אַ רעליגיעזע התלהבות. האָבען זיי איהם ארומגערינגעלט, אויפגעהויבען אויף די הענט, גענומען זיך מיט איהם דרעהען איבער׳ן הויז און שרייען: „ער איז געקומען! משיח איז געקומען! ער איז מיט אונז!”

אין דרויסען איז אין דערזעלבער צייט פאָרגעקומען א גאַנץ אַנדער געשיכטע.

א חוץ די סעקטאַנטען, וועלכע האָבען, דאַכט זיך, געהייסען „שעלאָפּוטען“, איז אין׳ם דאָרף געווען א סך פּראַוואָסלאַווגע פּויערים. צווישען די סעקטאַנטען און פּראַוואָסלאַווגע איז, ווי געוועהנליך אין אַזא פאַל, שטענדיג געווען מחלוקות און א פאַרביסענע שנאה. ווען די פּראַוואָסלאַווגע האָבען דערזעהן אַן עולם סעקטאַנטען ביי די פענסטער, ווייל אַלע האָבען ניט געקענט אריין אין הויז, זיינען זיי געוואָרען נייגעריג צו וויסען, וואָס דאָרט קומט פאָר. די סעקטאַנטען האָבען, פאַרשטעהט זיך, ניט געוואָלט זיי צולאָזען נאָהענט, האָט מען זיך גענומען זידלען און שלאָגען. איז באַלד געקומען די פּאָליציי, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס דער נייער נביא איז ארעסטירט געוואָרען.

פאַר פעסענקאָ׳ן האָט זיך אָנגעפאַנגען א סדרה פון אומשלעפּען זיך איבער די פּאָליצייסקע אוטשאַסטקעס מיט דאָפּראָסען און אַלע אַנדערע אומאַנגענעהמליכקייטען. פעסענקא האָט אויף די דאָפּראָסען ערקלערט, אז ער איז געפאָהרען צו די סעקטאַנטען מיט א ריין־וויסענשאַפטליכען צוועק — צו באַקענען זיך מיט זייער תורה און זייער אַרט לעבען, און ס׳איז ניט זיין שולד, וואָס זיי האָבען איהם אָנגענומען פאַר א נביא.

הגם די זשאַנדאַרען האָבען געצווייפעלט אין זיינע רייד, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט גענוג דייטליכע באַווייזען צו פאַרורטיילען איהם, ווארים די סעקטאַנטען האָבען ניט ארויסגעגעבען דעם אינהאַלט פון זיין רעדע. האָט מען איהם אָפּגעהאַלטען ביי א יאָהר צייט און ארויסגעלאָזען אויף ערבות.

ווען פעסענקאָ האָט מיר, אין פריהלינג פון יאָהר 1876, דערצעהלט וועגען דעם דאָזיגען פאַל, האָט ער זיך אַליין געהאַלטען פאַר די זייטען לאַכענדיג.

מיט יענער רעדע האָט זיך געענדיגט זיין פאַרזוך צו פאַרוואַנדלען די סעקטאַנטען אין סאָציאַליסטען, צו וואָס מיר האָבען זיך אַלע אַזוי לאַנג געגרייט.

איך האָב, אַלזאָ, געהאַט מעהר ערפאָלג פון די איבריגע. דער איינציגער גוטער רעזולטאַט פון אונזער „געהן אין פאָלק“ איז געווען דאָס, וואָס אַלע מיטגלידער פון אונזער קרייזעל זיינען צוריקגעקומען גאַנץ און געזונט. אָבער אויפגעטאָן האָבען מיר אַזוי גוט ווי גאָרניט. ריזיקירט האָבען מיר זעהר פיל: יעדער איינער פון אונז האָט געקענט באַצאָהלען דערפאַר מיט

לאנגיעהריגער טורמע אָדער זאַגאר קאַטאָרגע אין סיביר. מיר האָבען, הייסט עס, אָפּגעשפּילט מיט גליק, און אונזער קרוזשאָק איז ארונטער פון סצענע, ניט איבערלאָזענדיג כמעט קיין שום שפּור הינטער זיך.

דער שיקזאל פון אנדערע קרייזלעך.

עהנליכע קרייזלעך פון גאנץ יונגע אומערפאהרענע לייט איז דאַן, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, געווען אַ סך אין פאַרשיידענע שטעדט. זיי פלעגען שנעל זיך באווייזען און פונקט אזוי שנעל פארשווינדען, ניט אויפטועהנדיג עפּעס ממשות'דיגעס, און די מיטגלידער פלעגען צעזייט און צעשפּרייט ווערען.

דאָס זעלבע האָט מיט אונזער קרוזשאָק פּאסירט. נאָך דעם ווי מיר זיינען צוריק געקומען, האָבען מיר זיך אפילו קיין איין מאָל ניט פארזאמעלט, כדי כאָטש אפּגעבען איינער דעם אנדערען א באריכט וועגען דאָס אפּגעטאָנענע, און דערנאָך זיך אויפלייזען. ניט ריידענדיג גאָר וועגען דעם, האָבען מיר אויפגעהערט צו אנערקענען אירגענד וועלכע פארפליכטונגס-באציהונגען צווישען זיך, און מיר זיינען זיך צוגאנגען, ווער וואוהין עס האָט געוואָלט. שפּעטער זיינען פיר פון אונזער קרייזעל אריינגעפאלען און פארשיקט געוואָרען אויף קאטאָרגע. דמיטרי ליזאָגוב, ווי באקאנט, איז אין אָסיען 1879 אויפגעהאנגען געוואָרען אין אדעס. פעסענקא, נאָכדעם ווי ער איז באפרייט געוואָרען פון טורמע, איז פארבליבען אין פעטערבורג, וואו מיר האָבען זיך אין גיכען (אין פריהלינג 1876) ווידער באגעגענט. ער האָט דאָרט אויך פארנומען א פראָמינענטען פּלאַץ צווישען די דאָרטיגע יונגע לייט און ארבייטער.

נאָך זיין אומגעלונגענעם פארזוך צו פראָפּאגאנדירען די סעקטאנטען, איז ער שוין מעהר ניט געגאנגען „אין פאָלק“. ער האָט זיך גענומען באשעפטיגען מיט ארבייטער, וואס האָט זיך מעהר צוגעפּאסט צו זיינע אנזיכטען און שטרעבונגען. ער האָט טאקע געהאט פארהעלטניסמעסיג ערפאָלג אויף דעם געביט, ווי ג. וו. פּלעכאנאָוו דערצעהלט אונז וועגען דעם. צום באדויערען, האָט ער עס לאנג ניט געקענט אָנהאלטען, ווייל זיין קראַנקהייט (טובערקולאָז) האָט זיך שטאַרק אנטוויקעלט פאַר דער צייט פון זיין זיצען אין טורמע. צו יענער צייט האָט ער זיך באגעגענט מיט מיין שוועסטער מאריע, וועלכע האָט זיך דאַן געלערנט אויף די מעדיצינישע קורסען, און זיי זיינען שנעל

נאָהענט געוואָרען. ווען דער דאָקטאָר האָט ערקלערט, אז פּע־סענקא מוז אומבאדינגט פאָהרען אין דרום, וואו דער קלימאט איז ווארימער און מילדער, האָט מיין שוועסטער אוועקגעוואָר־פען איהר שטודיום און האָט איהם אוועקגעפיהרט אין אדעס. ער האָט אָבער נאָך אלץ געמוזט ארבייטען אויף א לעבען צו מאַכען. ער האָט געקראָגען א שטעלע אלס אויפזעהער פון עפּעס א קינדער־היים אין אדעס.

ניט אכטענדיג פונדעסטוועגען אויף דעם, וואס איהם איז שוין אָפּט אויסגעקומען אפּצוליגען גאנצע מעת־לעת'ן אין בעט, האָט ער נאָך אלץ געלערנט די יונגע לייט, סטודענטען און אר־בייטער, וואס זיינען געקומען צו איהם. ווען די זשאנדארען האָבען זיך דערפון דערוואוסט, האָבען זיי באשלאָסען צו פאר־שיקען איהם אין סיביר. אָבער ווען מ'איז געקומען איהם נעמען, איז ער געווען אזוי שוואך, אז ער האָט זיך שוין ניט געקענט ריהרען פון אָרט. ענדליך אין יאָהר 1881, נאָך דער ערמאָר־דונג פון אלעקסאנדער דעם 2טען, איז געקומען א שטרענגער באפעהל צו פארשיקען פעסענקא'ן אפילו א קראנקען. אָבער אויספילען דעם באפעהל איז ניט באשערט געווען, ווייל ער איז שוין געלעגען א טויטער, ווען מ'איז געקומען איהם ארעסטירען. האָבען זיי אוועקגעטראָגען זיין טויטען קערפּער, ניט אכטענדיג אויף דעם געבעט פון זיין פרוי, פון וועמען די פּאָליציי האָט פארבאהאלטען דעם קבר זיינעם. דערצו האָט מען נאָך גענומען נקמה אָן איהר, אין גאנצען אן אומשולדיגע: מ'האָט איהר מיט א זויג־קינד אוועקגעשיקט אין סיביר. אויפ'ן וועג, אין קאַזאַן, איז דאָס קינד געשטאָרבען.

פּעסענקאָ איז אלט געווען פינף און דרייסיג יאָהר ווען ער איז געשטאָרבען. שפּעטער, אין סיביר און אויף קאטאָרגע, האָב איך באגעגענט אינטעליגענטען און ארבייטער, זיינע תלמידים, וואס האָבען איהם דערמאנט מיט דאנקבארקייט און באגייסטערונג. זיין לעבען איז ניט אריבער אומזיסט.

די בונטאָרען פון דרום־רוסלאַנד.

איצט איז פאר מיר אויפגעשטאנען די פראגע: וואס טוט מען? צו וואָס נעמט מען זיך?

פון געהן ווייטער אין פאָלק האָט שוין איצט מעהר קיין רייד ניט געקענט זיין. אויב די מאלאקאנען, וואס זיינען גראמאָטנע און קלוגע, האָבען זיך ארויסגעוויזען אזוי גלייכגילטיג צו אונזער

פראָפּאַגאַנדע, טאָ וואָס־זשע קען מען שוין ערוואַרטען, האָב איך ביי זיך געטראַכט, פון פּשוט'ע פאַרגרעבטע פּויערים? עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז מ'דאַרף אויפזוכען עפּעס אַן אַנדער וועג, אַן אַנדער טעטיגקייטס־מיטעל, אָבער אַליין האָב איך עס ניט געקענט אויסגעפינען.

באַלד נאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איבער דער זעלבער פראַגע וועגען דער נוצלאָזיגקייט פון געהן אין פאָלק האָט מען גאַנץ שטאַרק דעבאַטירט יענעם יאָהר אין פּעטערבורג אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגענט. דאַן אָבער האָב איך עס נאָך ניט געוואוסט, וואָרים ווען איך בין צוריק־געקומען אין קיעוו, האָב איך קיינע באַקאַנטע צווישען די טעטי־גע טוער ניט געהאַט. דאָקטאָר עממע איז אוועקגעפאָהרען, קאָ־לאַדקעוויטש איז, דאַכט זיך, געזעסען אין טורמע, און פון קיין אַנדערע האָב איך ניט געוואוסט. איז מיין לאַגע ווירקליך געווען ניט קיין פרייגעלדיגע, נאָך פיל ערגער ווי פאַראיאָהרען איידער איך בין פון דאָרט אוועקגעפאָהרען.

געראַטעוועט האָט מיך די גרויסע פּאָליטישע געשעהעניש, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבען אויף די באַלקאַנען. ווי באַקאַנט האָבען אין יאָהר 1875 אויסגעבראָכען אויפשטאַנדען אין באָסניע און הערצעגאָווינע, אויף וועלכע מ'האָט זיך אין רוסלאַנד שטאַרק אָפּגערופען מיט ביישטייערונגען און וואָלונטירען. מענשען פון פאַרשיידענאַרטיגסטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט זיינען געלאָ־פען קעמפען צו באַפרייען אונזערע ברידער־סלאַווען פון אונטער'ן טערקישען יאָך.

מיר, סאָציאַליסטען, זיינען אויך היינגעריסען געוואָרען. א סך, אפילו אזעלכע פּראָמינענטע רעוואָלוציאָנערען, ווי ד. קלעמענץ, ס. קראַווטשינסקי און אַנדערע, זיינען אַוועק נאָך הערצעגאָווינע.

אָט דאַן, ווען איך האָב זיך געמאַטערט מיט דער פראַגע: וואָס טוט מען? — האָט מיר א באַקאַנטער סטודענט, ניט קיין רעוואָלוציאָנער, דערצעהלט, אַז ער האָט פון אימיצען געהערט, דאָס דער „אומלעגאַלער" יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש, וועמען די פּאָ־ליציי האַלט אין זוכען שטאַרק, קלייבט זיך צו פאָהרען אַלס וואָ־לונטיר אויף די באַלקאַנען. אָט דער קלאַנג האָט געשפּילט — ווי ס'פּאַסירט גאַנץ אָפט ביי יעדען מענשען — אַ ריזיגע ראָלע אויף דעם ווייטערדיגען גאַנג פון מיין לעבען. אָבער פריהער מוז איך דערמאַנען א פּאָר ווערטער וועגען סטעפּאַנאָוויטש'ען.

מיר זיינען ביידע געגאַנגען אין קיעווער גימנאַזיע, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, אָבער ער איז געווען א פּאָר יאָהר עלטער

פון מיר און איז געווען באַקאַנט אַלס זעהר אַ קלוגער, ערנסטער און פּרינציפּיעלער יונגערמאַן. ווען ער איז אַריין אין אוניווערזי־טעט, האָט ער באַלד, דעם 2טען יאָהר, איהם פאַרלאָזען און איז אַוועק אין פאָלק. איך האָב איהם ניט געזעהן שוין אַ משך פון עט־ליכע יאָהר פאַר דעם. איך האָב אָפט געהערט וועגען איהם. אַלע האָבען זיך אָפּגערופען וועגען איהם זעהר הויך, ניט נאָר זיינע זינונגס־גענאָסען, די „באַקוניסטען", נאָר אַפילו די לאַווריסטען.

איך האָב וועגען איהם געהאַט די בעסטע עראינערונגען. האָט זיך מיר זעהר געוואָלט איהם זעהן, ווי נאָר איך בין געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער. אָבער נאָכ'ן גרויסען „פּראָוואַל" אין קיעוו, איז ער אויף אַ קורצע צייט אַוועק נאָך אויסלאַנד, אום צו פאַרגלעטען אַלע שפּורען אהינטער זיך. ער איז אָבער באַלד צוריקגעקומען און איז ווידער אַוועק אין פאָלק.

דער קלאַנג, וואָס מיין באַקאַנטער סטודענט האָט מיר איבער־געגעבען, אַז ער קלייבט זיך געהן אַלס וואָלונטיר אין די באַלקאַ־נען, איז פאַר מיר געווען באַזונדערס אַנגענעהם. „וויבאַלד אַז סטעפּאַנאָוויטש, אַזאַ הייסער איבערגעבענער רעוואָלוציאָנער, געפינט פאַר מעגליך צו ווערען אַ וואָלונטיר, טאָ פאַר וואָס זאָל איך ניט נאָכפאָלגען זיין ביישפּיל?" — האָב איך זיך געפרעגט, און איך האָב באַשלאָסען צו טאָן עס. פריהער אָבער האָט זיך מיר געוואָלט מיט איהם זעהן, הערען זיין מיינונג. דאָס איז אָבער געווען זעהר אַ שווערע זאַך. עס זיינען אַריבער וואָכען, און איך האָב אַלץ ניט געקענט איהם אויסגעפינען. ענדליך האָב איך זיך דערוואוסט, טאַקע דורך דעמזעלבען סטודענט, אַז סטעפּאַנאָוויטש פאָהרט שוין ניט אין די באַלקאַנען. עס זיינען אָנגעקומען בריף פון די פריהערדיגע וואָלונטירען, אַז זיי שטעהען דאָרט אויס אומ־באַשרייבליכע ליידען: זיי קומט אויס צו קלעטערען אויף הויכע בערג אין שרעקליכע היצען, פאַלען זיי ממש אַנידער אויפ'ן מיטען וועג און די איבעריגע סאָלדאַטען מוזען זיי שלעפּען אויף זיך.

ווען איך האָב זיך עס דערוואוסט, האָב איך שוין כדרך הטבע זיך אָפּגעזאָגט פון מיין פּלאַן. איז ווידער אַרויף די פראַגע: וואָס טוט מען? און ס'איז מיר געוואָרען גאַנץ טרויעריג אויפ'ן האַרצען.

אַ צופעליגע ידיעה האָט מיך נאָכאַמאָל אַרויסגעשלעפּט פון מיין טרויעריגע לאַגע. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין אַ חבר פון גימנאַזיע איז אַריינגעטראָטען אין דינסט אַלס פריוווילינער סאָלדאַט פון צווייטען גראַד, ד. ה. צו דינען בלויז זעקס מאָנאַטען. אַזוי ווי איך וואָלט באַלד באַדאַרפט זיך שטעלען צום פּריזיוו (פאַר

מיליטער־דינסט), האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז פאַר מיר וואָלט עס אויך ניט שלעכט געווען צו טאָן. ערשטענס וואָלט איך דערביי געהאַט אַ סך פרייע צייט אויף סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָרים אויפ׳ן לערנען זיך דעם מושטירען דאַרף מען האָבען נאָר עטליכע שטונדען אַ טאָג. צווייטענס, איז דאָך די סאָלדאַטסקע סביבה אויך אַ גוטער פעלד פאַר פאַרשפּרייטען סאָציאַליסטישע געדאַנקען. דערצו האָב איך דאָך באַדאַרפט עפּעס טאָן, זאָל זיין כאָטש וואָס עס איז, אַפילו זעהר אַ ריזיקאַלע זאַך. האָב איך ביים ענד פון יאָהר 1875 אַריינגעטראָטען אַלס פרייוויליגער אין פּיעכאָטנעם (פוסגעהענדען) פּאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם טייל שטאָדט פון קיעוו, אויפ׳ן פּאָדאָל, וואו מיינע עלטערען האָבען געוואוינט.

אזוי ווי איך בין געווען אויף מיין אייגענעם „פאַרטש״, האָב איך געהאַט אַ רעכט צו וואוינען אויסער דער קאַזאַרמע. איך האָב פון דעם געהאַט גרויסע באַקוועמליכקייטען, אָבער באַלד האָט עס אויך רואינירט די מיליטערישע קאַריערע, וואָס איך האָב זיך אויסגעקליבען.

די בונטאַרען אין קיעוו.

מיין מוטער און מיינע איבריגע נאָהענטע קרובים זיינען געווען צופרידען וואָס איך טרעט אריין אין מיליטער־דינסט: זיי האָבען גערעכענט, אַז צוליב דעם וועל איך דאָך מוזען זיך צוריקהאַלטען פון רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, וועל איך כאָטש ניט אַריינפאַלען אין טורמע. אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער דוקא פאַרקעהרט. ווי נאָר איך האָב זיך פאַרשריבען אַלס פרייוויליגער, נאָך איידער דער שניידער האָט אויסגעפּיעט אויפנעהען מיר דעם מיליטערישען מונדיר, האָב איך זיך שוין גענומען אָנפיהרען פּראָפּאַגאַנדע צווישען מיינע נייע חברים. נאָך מעהר: לויט די רעגעלען האָב איך זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע העכערע באַאַמטע — די באַטאַליאָנער און ראָטנער קאָמאַנדירען. דער ראָטנער קאָמאַנדיר איז גראַד געווען זעהר אַ ליבליכער, סימפּאַטישער און ניט קיין נאַרישער מענש. ער האָט מיך געבעטען זיצען און גענומען מיט מיר שמועסען וועגען פאַרשיידענע פראַגען. האָב איך זיך צעוואָרימט און גענומען איהם באַווייזען די גאַנצע נידערטרעכטיגקייט פון מלחמות, מאַסען־מאָרדען און דעם ספּעציעלען מיליטערישען קלאַס, וואָס איז באַשטימט דערפאַר. ווען ער האָט פון מיר דערהערט אַזוינע רייד, האָט ער מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל באַמערקט:

— איך ראט אייך, יונגערמאַן, נים ארויסצוזאָגען אזעלכע מיינונגען צווישען אונזערע מענשען, וואָרים איהר'ט זיך אָנטאָן גרויסע צרות.

איך האָב איהם אָבער ניט געפאָלגט, און ווייטער פּראָפּאגאנ־דירט ביי זיך אין דער היים און אפילו אין קאזארמע מיט איינציגע סאָלדאטען. די פעהיגערע האָב איך זאָגאר געגעבען צום לעזען פּארוועהרטע ביכלאַך, ווי „די מעשה וועגען פיר ברידער", און נאָך אזוינע, וואס זיינען דאן געווען פּאָפּולער.

ווערא זאסוליטש און די בונטאַרען.

אין דערזעלבער צייט בין איך באקאנט געוואָרען מיט די „בונטארען", וואס האָבען זיך דאן געפונען אין קיעוו. פּאסירט האָט עס אזוי:

א באקאנטער מיינער, מיט וועמענס אדרעס איך האָב זיך באַנוצט אויף דורכשרייבען זיך, האָט מיר אָנגעזאָגט, אז צו איהם איז איינמאָל געקומען עפּעס א מיידעל פון אן אנדער שטאָדט מיט א בריף, וועלכען זי וויל איבערגעבען נאָר מיר פּערזענליך.

איך האָב זי באַלד אויפגעזוכט. דער בריף איז געווען פון אי־וואַן גלושקאָוו פון כארקאָוו, און די מיידעל, וואָס האָט איהם גע־בראַכט, איז געווען ווערא זאסוליטש. גלושקאָוו האָט זי זעהר גוט רעקאָמענדירט און געבעטען מיך צו העלפען איהר זיך איינ־אָרדנען אין קיעוו, וואס ס'איז פאר איהר א נייע שטאָדט. זי האָט זיך שוין אָבער אין דעם ניט פיל גענויטיגט, ווייל זי האָט זיך שוין באַזעצט ביי די קיעווער בונטארען (רעבעלען), וועגען וועלכע איך וויל דאָ זאָגען א פּאָר ווערטער.

די עלטערען פון וולאדימיר דעבאגאָרי־מאָקריעוויטש האָבען זיך ארייגעקליבען אין אן אלטע הילצערנע הויז לעבען אוניווער־זיטעט אויף טאראסאָווער גאס. הגם די פּאָליציי האָט איהם שטארק געזוכט, פלעגט וולאדימיר מאַנאטען לאנג אפּוואוינען ביי זיינע עלטערען און פלעגט נאָך אהין ברענגען א סך טעטיגע בונ־טארען, וואס פלעגען דורכפאָהרען אָדער קומען אויף א געוויסע צייט אין קיעוו. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאכט, און אמאָל ביז טאָג, איז זייער וואוינונג געווען פול מיט סאמע עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערען, דאס רוב פון וועלכע זיינען געווען אומלעגאַלע. וולאדימיר'ס פאָטער, אן אויסגעדינטער פּאָלקאָווניק, און איבער־הויפּט די מוטער, פון פּוילישער אבשטאמונג, האָבען זיך באַצויגען צו זייער זוהן'ס אלע חברים מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמ־

קייט און ליבע, פּונקט ווי דאָס וואָלטען געווען זייערע אייגענע קינדער.

אויף דערזעלבער גאַס איז געווען נאָך אַ צווייטע וואוינונג פאַר בונטאַרען. דאָס איז געווען אַ דירה פון צוויי צימערען, געהאַלטען האָט זי לידיאַ פּאַוולאָוונאַ באַרישעוואַ, אַ געבוירענע וואָראָנצאָוואַ, אַ שוועסטער פון דעם באַריהמטען שרייבער, דעם נאָראָדניק „וו. וו." (ווע־ווע). אַז ס'איז ניט געווען גענוג פּלאַץ ביי דעבאָגאָרי־מאָקריעוויטש'ן, איז מען געקומען אַהער.

די בונטאַרען וואָס האָבען זיך דאָ אויפגעהאַלטען, האָבען קיין מורא ניט געהאַט פאַר אַן איבערפאַל פון דער פּאָליציי, הגם זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז דער דאַמאָלסטיגער קיעווער זשאַנדאַרמסקער נאַטשאַלניק באַראָן העיקינג ווייס פון אַט די הייזער אויף טאַראַסאָווער גאַס: אין געשפּרעכען מיט קרובים פון די אַרעסטירטע אָדער מיט געשטעלטע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט האָט ער אָפט באַמערקט, אַז ער ווייס עס, און אום אַרויסצעווייזען זיין ליבעראַליזם, פלעגט ער זאָגען: „איך ווייס, אַז דאָרט געפינען זיך דעבאָגאָרי־מאָקריעוויטש, סטעפּאַנאָוויטש, אַננאַ מאַקאַרעוויטש און אַנדערע, און איך וואָלט זיי געקענט אַרעסטירען, אָבער וואָצו זאָל איך עס טאָן, כל זמן איך באַקום ניט קיין באַפעהל אויף דעם פון דער הויך?" אין דער אמת'ן איז די מעשה אָבער געווען גאָר אַנדערש. זיכער האָט העיקינג ניט געוואוסט, אַז אויף טאַראַסאָווער גאַס פאַרבאַהאַלטען זיך „אומלעגאַלע", און געהערט האָט ער, אַז די בונטאַרען האָבען באַשלאָסען צו געבען אַ באַוואַפענטען ווידערשטאַנד, אין פאַל פון אַרעסט. האָט דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער פּשוט ניט געוואָלט ריזיקירען, און ער האָט דאַריבער ניט באַריכטעט צו העכערע נאַטשאַלסטוואָ וועגען די בונטאַרען־נעסטען אין קיעוו. העיקינג האָט זיי זאָגאַר ניט נאָכגעשפּירט, דאָס האָבען מיר זיכער געוואוסט. האָבען זיך די בונטאַרען אין קיעוו געפיהלט פריי און פראַנק.

ווערא זאַסוליטש האָט זיך באַזעצט ביי לידיאַ באַרישעוואַ'ן. ווען איך בין אַהין דעם ערשטען מאָל געקומען, האָב איך דאָרט געטראָפען אַ מאַן צעהן פוןביידע געשלעכטען. פון זיי האָב איך געקענט בלויז יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש'ען, און אפילו איהם האָב איך שוין לאַנג ניט געזעהן. די באַציהונגען פון אָט די בונטאַרען צווישען זיך, ווי אויך צו מיר, אפילו ביים ערשטען מאָל זיך זעהן מיט מיר, זיינען געווען זעהר איינפאַכע, וואַרימע, אויפריכטיגע. זיי האָבען איינער דעם אַנדערען געזאָגט „דו" און גע־

רופען זיך מיט די ערשטע נעמען, און איינינגע מיט פארצויגענע נעמען, ווי „מארוסיא", „וואסיליאָק" און דאָס גלייכען. זיי האָבען מיך גלייך צוגעצויגען צו זיך מיט זייער לעבעדיגקייט, סימ־פאטישקייט און אינטערעסאנטקייט. איך האָב זיך דערפיהלט, אַז איך בין אריינגעפאלען אין עפּעס א משפחה, וואָס איז שוין לאנג מיר באקאנט און נאָהענט.

געקומען בין איך אהין אין א נייענקען מונדיר פון א פריי־וויליגען, וואָס איך האָב אויפגענעהט אויף מיין אייגענעם רעכנונג. דאָס איז געווען א שבת פארנאכט. איך בין שוין דאַן געווען 20 יאָהר אלט, אָבער אזוי ווי קיין בערדעל און וואָנצעס האָבען נאָך ביי מיר נ.יט געשפּראָצט, האָב איך אויסגעזעהן פיל אינגער. די איבעריגע זיינען געווען פיל עלטער פון מיר.

ווערא זאסוליטש האָט זיך מיט מיר אביסעל דורכגעשמועסט וועגען איוואַן גלושקאָוו'ן און אנדערע כארקאָוו'ער באקאנטע. די איבעריגע האָבען ניט פארבראַכט מיט מיר ספּעציעל. דער אווענט איז אומבאמערקט אריבער אין געשפּרעכען, שפּאסען, און אין זינ־גען מאלאָרוסישע לידער. ארום האלבע נאכט האָב איך מיט פאר־געניגען אָנגענומען אימיצענס פאָרשלאג צו פארבלייבען דאָרט נעכטיגען, ווארום ביז מיין וואוינונג, אויפ'ן פּאָדאָל, האָב איך גע־האט א גרויסע שטיק וועג צו געהן.

נאָך דעם אווענט האָב איך גענומען זיי אָפט באזוכען, ביי איינמאָל א וואָך. וואָס ווייטער, זיינען זיי מיר אלץ מעהר גע־פעלען געוואָרען. הגם זיי האָבען אין מיין אנוועזענהייט ניט גערעדט וועגען קיינע פּראקטישע אויפגאבען, דאָך האָבען זיי אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון קלוגע, ערפאהרענע און אנטשלאָ־סענע רעוואָלוציאָנערען. דאָס בעסטע אין זיי איז געווען זייער לוסטיגקייט, חשק, ענערגיע, און אין יעדען וואָרט, וואָס זיי האָבען אויסגערעדט, האָט זיך געפיהלט, ווי מיר האָט זיך דאַן אויסגע־דאכט, א טיפער גלויבען אין די ריכטיגקייט פון די איבערצייגונגען, וואָס זיי פרעדיגען, אין דעם וועג פון טעטיגקייט, וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען.

דעבאגאָרי מאקריעוויטש.

איז מיין באקאנטשאפט מיט זיי, דעריבער, שנעל געוואקסען. אין עטליכע וואָכען ארום בין איך שוין מיט אלעמען געווען אויף „דו", און דאָך האָט מיר קיינער ניט פארטרויט די פּלענער און אויפגאבען פון זייער קרייזעל. דאָס איז געטאָן געוואָרען, פאר־שטעהט זיך, צוליב קאָנספּיראטיווע אויסרעכנונגען, וואָרים צוליב מיין מיליטער־דינסט האָב איך דאָך אזוי גיך ניט געקענט קיין

דירעקטען אנטייל נעהמען אין זייערע אונטערנעמונגען. אָבער פון צופעליגע באמערקונגען, וואָס איך האָב, אמת, זעהר זעלטען גע־הערט, איז מיר מיט דער צייט ניט שווער געווען צו פארשטעהן, אז דאָס רוב פון זיי זיינען נאָהענטע באקאנטע גוּן מיטגלידער פון אן ענג־פארבונדענעם רעוואָלוציאָנערען קרייזעל, וואָס זוכט צו דער־גרייכען א העכסט־וויכטיגען און עפּעס א זעהר־געפערליכען צוועק. וואָס אזוינס דאָס איז און ווער ס'זיינען די הויפּט־טוער פון דעם קרייזעל, האָב איך זיך דערוואוסט ערשט עטליכע חדשים שפּעטער. עס איז מיר אָבער ניט שווער געווען צו זעהן, אז דעם פּראָמינענט־סטען פּלאץ פארנעהמט ביי זיי וולאדימיר קארפּאָוויטש (דעבאגאָרי־מאקריעוויטש), אָדער „מישקא“, ווי מ'האָט איהם גערופען. ער איז געווען זעהר א פרעהליכער, לעבענסלוסטיגער און א קלוגער, שארפזיניגער דעבאטאנט, וואָס האָט געקענט לייכט צוקלאפּען זיי־נעם א געגנער, אפילו א סך געבילדעטערען פון איהם. ער איז געווען ניט קיין פיל־באלעזענער. ווען ער איז געווען אין אוניווערסיטעט, ווי ער דערצעהלט אליין אין זיינע ערינערונגען, פלעגט ער זיך גאנצע אווענטען, פונקט ווי אנדערע, אומשלעפּען איבער די שענ־קען, אָפּשטעהן ביז האלבע נאכט ביי די ביליארד־טישען און צו־קוקען ווי מ'שפּילט. אליין שפּילען האָט ער קיין געלט ניט גע־האט. אָפטמאָל פלעגען זיי אָפּזיצען גאנצע אווענטען ביי'ם שאך־ברעטעל און אנאליזירען די שאך־פארטייען פון דעם אמע־ריקאנער שאכמאטיסט מאָרפי, וועלכער איז דאַן געווען שטארק באריהמט. זומער פלעגט ער פארברייגגען די גאנצע לעדיגע צייט זיינע אין דאָרף, אומבראָדזשענדיג גאנצע טעג איבער די פעלדער און וועלדער.

קיין געבאָרענע תשוקע צום לעזען האָט ער, אפּנים, קיינמאָל ניט געהאט. שפּעטער איז ער נאָך געוואָרען א פארברענטער נאָב־פאָלגער פון באקונין'ס טעאָריע, אז פאר רעוואָלוציאָנערער טעטיג־קייט דאַרף מען קיין שום וויסענשאפטליכע צופערטיגונג ניט האָ־בען. ווען דעבאגאָרי־מאקריעוויטש איז אין יאָהר 1874 באקענט געוואָרען מיט באקונינ'ען אין שווייצאריען און איז מיט איהם זאָגאר געוואָרען אויף „דו“, האָט ער אינגאנצען אויפגעהערט צו לעזען, און פלעגט אָפּלאכען פון אנדערע, כמעט אויפגעבראכט ווערען, דערפאר וואָס זיי לעזען. ער פלעגט עס האלטען פאר א שעדליכען צייט־פארטרייב. נאָך מעהר: ער האָט מיר און אנ־דערע ניט איינמאָל געזאָגט, אז ער וואָלט געווען זעהר צופרידען, ווען ער וואָלט פארגעסען די ביסעל בילדונג, וואָס ער האָט גע־

קראַגען אין גימנאַזיע און אוניווערסיטעט, וואָרים דאַן וואָלט ער געשטאַנען נעהענטער צו די בעזגראַמאָטנע פאָלקס־מאַסען, און ער וואָלט זיי געקענט לייכטער פאַרשטעהן און דערנעהענטערען זיך מיט זיי.

דעבאַטירען האָט ער ניט מורא געהאַט אפילו מיט פיל גע־בילדעטערע, באַלעזענערע פון איהם. אחוץ זיינע געבאָרענע דיסקוסיאָנס־פעהיגקייטען, האָט ער אויך געהאַט אַ סך מוט און העזה, און פלעגט זיך כאַפּען דעבאַטירען וועגען אזעלכע ענינים, מיט וועלכע ער איז געווען ווייניג באַקאַנט און כמעט גאָר ניט געלעזען וועגען דעם. עס איז איהם געווען גענוג צו הערען אַ וואָרט, גאַנץ אָפט פלעגט ער כאַפּען אַן אַרגומענט פון זיין איי־גענעם דעבאַטאַנט אין מיטען דעם ויכוח, און פאַרפיהרען אַ גאַנצען פלפול וועגען דעם. אזוי ווי ער פלעגט זיך ווייניג קימערען, צי זיין טענה איז אַ ריכטיגע צי ניט, פלעגט ער טאקע אמאָל אַריינקריכען אין אַ בלאָטע. איך געדענק אזאַ מין ויכוח האָט ער געהאַט מיט מיר און ווערא זאַסוליטש. דאָס איז געווען אין יאָהר 1881, אין שווייצאַריע. ער איז דאָס דאַן אַנטלאָפען פון סיביר נאָך אויסלאַנד.

מיר האָבען גערעדט וועגען רוסלאַנד, וועגען דעם, צי אונ־זער לאַנד דאַרף דורכמאַכען די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונגס־שטופע. די דאָזיגע פראַגע האָט דאַן אַלעמען שטאַרק אינטע־רעסירט, און ווערא זאַסוליטש האָט זיך גראָד דאַן געווענדעט מיט אַ בריף וועגען דעם צו מאַרקס'ן און ענגעלס'ן, וועגען וואָס איך וועל שפּעטער דערצעהלען מיט מעהר איינצעלהייטען. לויט די אַנזיכטען פון דעם דאַמאָלסט־באַוואוסטען רוסישען עקאָנאָ־מיסט וו. וו., האָט מען ביי אונז געהאַלטען, אַז מאַרקס' טעאָריע קען ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף רוסלאַנד. וולאַדימיר קאָר־פּאָוויטש האָט געהערט פון דעם און גענומען אליין אויך דאָס באַהויפּטען.

— דו זאָגסט, אַז מאַרקס' טעאָריע איז ניט פּאַסיג פאַר רוסלאַנד, אָבער זאָג מיר נאָר וואו האָסטו עס גענומען, האָסטו דען געלעזען מאַרקס' „קאַפּיטאַל“? — האָב איך זיך מיט איהם אַ רייץ געטאָן.

— יע, איך האָב געלעזען דעם בוך, זיצענדיג אין טורמע און אויפ'ן עטאַפּ אין סיביר. אמת, ניט אין גאַנצען, אָבער אַ באַדייטענדען טייל האָב איך דורכגעלעזען און האָב זיך איבער־

ציִיגט, אַז קאַרל מאַרקס׳ טעאָריע איז טאַקע אַ גאַנץ קלוגע, אָבער פאַר רוסלאַנד טויג זי ניט.

אַזוי ווי איך האָב שוין מישקע׳ן גאַנץ לאַנג און גוט געקענט, האָב איך זיך ניט באַנוגענט מיט דער דאָזיגער ערקלערונג זיינער און האָב איהם ווייטער געפרעגט, וויפיל זייטען האָט ער פון׳ם בוך איבערגעלעזען. איך געדענק, אַז ארום 200 זייטען האָט ער געזאָגט.

— און פון דעם האָסטו זיך שוין איבערציִיגט, אַז מאַרקס׳ שיטה טויג ניט פאַר רוסלאַנד?

— יע! — האָט ער גאַנץ מוטיג ערקלערט.

— אָבער אויף די ערשטע פאַר הונדערט זייטען פאַרהאַנדעלט דאָך מאַרקס וועגען „סחורות און געלט", וועגען „אויס־טויש־פּראָצעס", „געלט־צירקולאַציאָן", „פאַרוואַנדלונג פון געלט אין קאַפּיטאַל".

און איך מיט ווערא זאַסוליטש האָבען איהם באַוויזען, אַז אין די דאָזיגע קאַפּיטלען ווערען אַנטוויקעלט אַלגעמיינע עקאָנאָמישע געזעצען, וועלכע זיינען גלייך אָנווענדבאַר פאַר אַבי וועלכער לאַנד.

אַז וולאַדימיר קאַרפּאָוויטש האָט דערזעהן, דאָס ער איז געשלאָגען, האָט ער נאָר אויסגעשריען:

— אפנים, אַז איהר׳ט אויסגע׳חזר׳ט דעם בוך אויף אויס־ווענינג!

— זאַי זיך מודה, — בין איך צו איהם צוגעשטאַנען, — אַז דו׳סט אפילו קיין 200 זייטען אויך ניט דורכלעזען.

— ניין, בנאמנות, כ׳האָב געפּרובירט לעזען, אָבער ער איז מיר אויסגעקומען אומעטיג, אומאינטערעסאַנט, — האָט ער זיך שוין גענומען אביסעל אונטערגעבען.

לאָמיר זיך אָבער צוריקקעהרען צו דער פריהערדיגער צייט, צו די יאָהרען 76—1875. „מישקאַ" איז דאַן געווען פול מיט יונגע קרעפטען און ענערגיע, און האָט זיך ארומגעטראָגען מיט אַלערליי סאָרטען געפעהרליכע פּלענער, וועגען וואָס איך וועל אמאָל דערציעהלען. ער איז זעלטען ווען געזעסען ליידיג: אויב ער האָט ניט דעבאַטירט מיט אימיצען, איז ער געזעסען און געשפּילט אין שאַך, צי געשאָסען פון אַ רעוואָלווער, געשאַרפט אַ שפּיז, אָדער צוגעפערטיגט פאַלשע פּאַספּאָרטען, אויסגעשניצט שטעמפּלען א. ד. גל.

אויסגעזעהן האָט ער דאַן געזונט, שעהן, מיט אויסדרוקס־

פולע, ענערגישע געזיכטס־צוגען, און האָט דעריבער געהאַט ערפאָלג ביי פרויען.

אין יענער צייט איז ער געווען אין זעהר אינטימע באַציהונגען מיט מאַריע פאַולאָוונא קאָוואַלעווסקאַיאַ, אַ געבוירענע וואָראָנצאָווא, אַ שוועסטער פון וו. וו. מאַריע, אָדער „מאַרוסיע“, ווי מ׳האָט איהר גערופען, איז ניט בלויז געווען איינע פון די פראָמינענטסטע מיטגלידער פון אונזער קרוזשאָק, נאָר אויך איינע פון די סאַמע טעטיגסטע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די 70גער יאָהרען, ווי זי האָט עס באַוויזען אין דער צייט פון איהר אַרעסט, אין געריכט, אויף קאַטאָרגע און באַזונדערס מיט איהר מאַרטירער־טויט אין קאַרע. אין מיין בוך „16 יאָהר אין סיביר“ דערצעהל איך וועגען איהר מיט מעהר איינצעלהייטען. דאָ וועל איך זיך באַנוגענען וועגען איהר מיט אַ פאָר ווערטער.

ווען איך האָב זיך מיט איהר באַקענט, איז זי געווען אַ יאָהר 25 אַלט. אַ קורץ־געוויקסיגע, מיט אַ טונקעלען, כמעט ציגיינערשען געזיכטס־קאָליר, גרויסע טונקעל־ברוינע אויגען און פעך־שוואַרצע האָר, איז מאַרוסיע ניט געווען קיין שעהנע, אָבער מיט איהר אומגעהויערער לעבעדיגקייט און היציגען טעמפּעראַמענט האָט זי אויף אַלעמען געמאַכט אַ צויבערליכען איינדרוק. די בלוט האָט אין איהר שטענדיג געקאָכט. זי האָט אַ רגע ניט געקענט איינזיצען שטיל, לעדיג, אָהן אַן אַרבייט. פונקט ווי דעבאַגאָרי־מאָקריעוויטש, האָט זי ליב געהאַט דעבאַטען, געזאַנגען, מאַלאָרוסישע לידער, הוליאַנקעס, געלעכטער. לויט איהרע איבערצייגונגען, איז זי אויך געווען אַן אָנהענגערין פון די סאַמע עקסטרעמסטע און אַנטשיידענסטע קאַמפּס־מעטאָדען.

מישקע׳ן האָט זי ליב געהאַט מיט׳ן גאַנצען פייער פון איהר נשמה, און האָט צוליב איהם פאַרלאָזען איהר מאַן און אַ קינד.

אַ חוץ מאַרוסיע׳ן זיינען אין אונזער קרוזשאָק געווען נאָך דריי פרויען: וועראַ זאַסוליטש, אַננאַ מאַקאַרעוויטש און מאַריאַ קאָלענקינאַ. מאַרוסיע׳ס שוועסטער, לידיאַ באַדישעוואַ, איז צוליב געוויסע אורזאַכען ניט געווען קיין מיטגליד ביי אונז, אָבער זי האָט אַ טעטיגען אַנטייל גענומען אין אַ סך אונטערנעהמונגען, און האָט געהאַט אַלעמענס צוטרוי און סימפּאַטיע.

יעדע איינע פון אונזערע פרויען איז, אין אַ געוויסען זין, געווען מערקווירדיג, באַזונדערס אַננאַ מאַקאַרעוויטש. אַחוץ אַ

סך פאַרשיידענע מעלות, וואָס זי איז באַזעסען, האָט זי אויך געהאַט אַן אָנציהענדען פּראַכטפאָלען אויסזעהן. זי איז געווען אַ בלאָנדינקע, מיט העלע אויגען און עטוואָס געגרייזעלטע האָר, וועלכע זי האָט שטענדיג געטראָגען פאַרפלאָכטען אין אַ גראָבען לאַנגען צאָפּ. איהרע געזיכטס־צוגען זיינען געווען רעגעלמעסיגע, דער קאָליר פון איהר הויט אַ ווייסער, כמעט אַ דורכזיכטבארער. פון מיטעלען וואוקס, אַ שלאַנקע, מיט לייכטע טריט, געקליידט שטענדיג עלעגאַנט, האָט זי ניט אויסגעזעהן ווי אַ „ניהיליסטקע“. אויפ׳ן גאַס האָט זי געצויגען צו זיך אויפמערקזאַמקייט, און אַלס אַן אומלעגאַלע האָט עס איהר אָפט פאַרשאַפט צרות און געפאַהר.

איינמאָל האָט זי אונז דערצעהלט, אַז זי האָט באַגעגענט אויפ׳ן גאַס דעם זשאַנדאַרמסקען פּאָלקאָווניק באַראָן העיקינג, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ צייט זי נאָכגעקוקט. דאָס הייסט, ער האָט זי דערקענט. האָט אָבער אימיצער דערביי באַמערקט, אַז דאָס איז נאָך קיין באַוויז ניט: עס איז גיכער וואהרשיינ־ליך, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקען אויף אַ שעהנע פרויען־צימער, וואָרים העיקינג איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסען לאָוועלאַס, אַ פרויען־יעגער. אָבער ווי איבערראַשט זיינען מיר געוואָרען, ווען אין עטליכע טעג אַרום האָט דער באַלבעטון העי־קינג אליין דערצעהלט וועגען דעם פאַר איינעם, וואָס איז גע־קומען צו איהם וועגען די וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער׳ן פּאָליציי־אויפזיכט. „איך האָב זי דערקענט“, האָט ער געזאָגט, „לויט איהרע פּרימעטעס, און כ׳האָב זי געוואָלט פאַרהאַלטען. אָבער כ׳האָב זיך באַדאַכט: וואָצו זאָל איך עס טאָן? זי איז אַ שעהנינקע, זאָל זי נאָך זיין פריי, כל זמן איך האָב ניט קיין באַפעהל צו אַרעסטירען זי“.

זיין שעהנקייטס־פאַרגעטערונג איז אָבער געגאַנגען אַזוי וויית, אַז שפּעטער, ווען ס׳איז אפילו אָנגעקומען אַ באַפעהל וועגען דעם, האָט ער זי אויך ניט אַרעסטירט.

אַננאַ (ראָזענשטיין) מאַקאַרעוויטש.

מיט אַננאַ מאַקאַרעוויטש האָב איך זיך באַקענט, ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, מיט אַ יאָהר צוריק ביי דאָקטאָר עממע׳ן אין הויז. נעהנטער בין איך אָבער מיט איהר באַפריינ־דעט געוואָרען, ווען איך האָב, צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג, באַגעגענט זי צווישען די סאַמע עקסטרעמע בונטאַרען, וואָרים

לויט איהר כאַראַקטער און אויסזעהן האָט זי זיך פאַר זיי גאָר ניט געפּאַסט, וואָס זי האָט מיר אַליין דערנאָך צוגעגעבען.

אננא, ווי מ'האָט זי גערופען, איז געווען אַ בת־יחידה ביי איהר פאָטער, זעהר אַ רייכער סוחר אין סימפעראָפּאָל. צו 16 יאָהר האָט זי געענדיגט גימנאַזיע מיט אַ מעדאַל און איז אַוועק־געפאָהרען אין שווייצאַריע און אריינגעטראָטען אין ציורי־כער פּאָליטעכניקום. זי איז וואהרשיינליך געווען די ערשטע פרוי אין רוסלאַנד, און אפשר אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט זיך אויסגעקליבען אַ טעכנישע וויסענשאַפט פאַר אַ ספּעציאַליטעט. די ערשטע צייט האָט זי זיך מיט גרויס תשוקה צוגעכאַפּט צו דעם, און האָט גלייך ארויסגעוויזען זעלטענע פעהיגקייטען, אַ מערקווירדיגען אויסדויער און ריזיגען ערפאָלג. ניט דוקא די פּראָפעסאָרען, נאָר אפילו די שווייצאַרער סטודענטען פלעגען אנטציקט ווערען פון די אנטוואָרטען וואָס די יונגינקע און דערצו נאָך שעהנינקע רוסישע סטודענטקע פלעגט געבען אויף די עקזאַמענעס. זייער אנטציקונג פלעגען זיי גאַנץ אָפט אויסדריקען: מחנות'ווייז פלעגען זיי איהר באַגלייטען אהיים, און ביינאַכט זינגען סערענאַדעס אונטער'ן פענסטער פון איהר וואוינונג. אַלע, אריינגערעכענט די פּראָפעסאָרען, האָבען איהר פּראָפעצאַיעט אַ גלענצענדע צוקונפט אויפ'ן וויסענשאַפט־ליכען געביט. אין גיכען אָבער האָט זי זיך גענומען אויף אַן אנדער וועג.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון די 70גער יאָהרען. אין ציוריך זיינען דאַן געלאָפען אַלע פאַרטגעשריטענע יונגע־לייט און פרויען פון רוסלאַנד, צו קריגען דאָרט אַ העכערע בילדונג. עס זיינען אהין אויך געקומען אַ סך רוסישע עמיגראַנטען, פאַר־שיידענע סאָרטען רעוואָלוציאָנערען. ס'האָבען זיך אָנגעפאַנגען ויכוחים וועגען דעם „גורל פון רוסלאַנד", וועגען די זיכערסטע מיטלען ווי אזוי צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ גן־עדן אויף דער ערד א. ד. גל. די געפיהלפולע, עמפינדילכע אננא האָט, פאַרשטעהט זיך, ניט געקענט פאַרבלייבען גלייכגילטיג צו אזוינע הויכע, און פאַר איהר גאַנץ נייע, אידעאַלען פון אַלגעמיינער גלייכהייט און גליק פאַר די אומגליקליכע, ערנידריגטע. האָט זי אַוועקגעוואָר־פען איהר שטודיום אין פּאָליטעכניקום און האָט זיך מיט'ן גאַנ־צען פייער פון איהר נשמה איבערגעגעבען צו באַקענען זיך מיט סאָציאַלע פראַגען. זי האָט זיך גענומען לעזען סאָציאַליסטישע שריפטען, באַזוכען אַלע רעפעראַטען און פאַרזאַמלונגען, און זי

האָט זיך באַלד אויך אַנגעשלאָסען אָן אַ קרוזשאָק פון די ברידער זשעבוניסטען, וועגען וועלכען איך האָב שוין פריהער אַ ביסעל דערצעהלט. אין יענעם קרוזשאָק איז געוועזען אַ מיטגליד, אַ יונגער, זעהר פעהיגער מענש מיט׳ן נאָמען מאַקאַרעוויטש, מיט וועמען אננא ראָזענשטיין האָט זיך נאָהענט באַקענט, און דערנאָך מיט איהם געהייראַט.

די זשעבוניסטען, אָדער „סען־זשעבוניסטען", ווי מ׳האָט זיי גערופען, זיינען געווען אָנהענגער פון לאַווראָוו׳ס אַנזיכטען. זיי האָבען זיך באַשעפטיגט מיט פרידליכער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָ־ציאַליזם צווישען דער פּויערשער באַפעלקערונג פון מאַלאָראָסיע. די דריי ברידער זשעבוניעוו (ניקאָלאַי, וולאַדימיר, סערגעי) האָבען גע׳ירשנ׳ט אַ גאַנץ גרויסען פאַרמעגען פון זייערע על־טערען, רייכע גוטסבאַזיצער פון טשערניגאָווער גובערניע. האָט זיך זייער קרוזשאָק גערעכענט פאַר ניט קיין אָרימען, פאַר אַ פאַרזאָרגטען אין מאַטעריעלען הינזיכט.

די זשעבוניסטען האָבען זיך אויסגעקליבען אַן אַנדער וועג ווי אַזוי אריינצודרינגען אין פאָלק, אַ פיל לייכטערען פון דאָס רוב אַנדערע פּראָפּאַגאַנדיסטען פון יענער צייט. זיי האָבען באַ־שלאָסען אַוועקצולאָזען זיך אין פאָלק, הויפּטזעכליך אַלס שול־לעהרער, און אויך אַלס פעלדשערס, שרייבער און ד. גל., ניט זייענדיג דערביי געצוואונגען צו ווערען „אומלעגאַל".

אום צו געפינען שטעלען אין דערפער האָט זיי אויסגעהאָל־פען דער גלח פון דאָרף דעטאָווקי, קאָנאָטאָפּער אויעזד, טשער־ניגאָווער גוב., וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש, דער פאָטער פון דעם באַריהמטען רעוואָלוציאָנער יאַקאָוו וואַסיליעוויטש סטאַפּאַנאָ־וויטש. צום סאָציאַליזם איז ער גאָר ניט געווען געניינט, און ער האָט אין אַלגעמיין ניט געגלויבט, אַז דורך פּראָפּאַגאַנדע קען מען דערגרייכען ראַדיקאַלע ענדערונגען אין רוסלאַנד, אָבער אַלס קלוגער מענש האָט ער געהאַלטען פאַר זעהר ניצליך צו געבען בילדונג די מאַסען, צו האָבען געבילדעטע יונגע לייט אין די דערפער. „קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע, — פלעגט ער זאָגען, — וועט איהר מיט די פּויערים ניט מאַכען, אָבער לעזען און שריי־בען קענט איהר זיי אויסלערנען".

פאָלקס־שולען זיינען אין יענער צייט געווען זעהר ווייניג. האָט וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש געוואָלט פאַרגרעסערען זייער צאָהל דורך די רעוואָלוציאָנערע יונגע לייט. ער איז אליין ארומגע־פאָהרען איבער די דערפער, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער

זיין רשות און אלס גלח האט ער געפאדערט פון די פויערים זיי זאלען אלע גלייך ביישטייערען אויף אויסהאלטען לעהרער פאר זייערע קינדער. און טאמער פאלגען זיי ניט, האט ער זיי גע־סטראשעט, וועלען די גלחים פאר זיי ניט פראווען די נויטיגע צערעמאניעס פון חתונות, לויות און ד. גל.

און דאס האט טאקע געווירקט: מ'האט זיך גענומען עפענען שולען, און די זשעבוניסטען זיינען געווארען ביי זיי די לעהרער. אבער צוליב דער מסירה פון טרודניצקי'ן, דעם גרעסטען פאר־רעטער פון יענער צייט, וועגען וועמען איך האב שוין פריהער דערצעהלט, זיינען די דאזיגע לעהרער, פונקט ווי מאסען אנ־דערע רעוואלוציאנערן, ארייננפאלען אין טורמע. די ברידער זשעבוניעוו איז פונדעסטוועגען געלונגען ווי עס איז נצול צו ווערען, און זיי זיינען אנטלאפען נאך דער שווייץ.

אננא מאקארעוויטש איז אויך געווען צווישען טרודניצקי'ס נע'מסור'טע, אבער זי האט זיך ארויסגעדרעהט, נאר אנשטאט לויפען נאך אויסלאנד איז זי פארבליבען אין רוסלאנד אלס אומ־לעגאלע.

וויערא זאסוליטש און מאריא קאלענקינא.

גאנץ אנדערש זיינען געווען די אנדערע צוויי פרויען פון אונזער קרוזשאק — וויערא זאסוליטש און מאריא קאלענקינא. זיי האבען זיך מיט קיין זאך ניט אויסגעצייכענט, ניט מיט קיין פעהיגקייטען און ניט מיט קיין אנדער זאך. און דאך זיינען זיי אויך געווען מערקווירדיגע פרויען, באזונדערס די ערשטע, וויערא זאסוליטש.

וויערא, אדער „מארפושא", ווי איהר צונעמעניש איז גע־ווען, האט שוין געהאט א סך א שעהנערע רעוואלוציאנערע פאר־גאנגענהייט ניט דוקא ווי יענע צוויי פרויען, נאר אפילו ווי ווער פון די מענער, די מיטגלידער פון אונזער קרוזשאק.

ווי באוואוסט, איז זי געווען פארמישט אין דער ניעטשאיע־ווער דיעלע און איז צום ערשטען מאל ארעסטירט געווארען נאך אין יאהר 1869. נאכדעם איז זי אן ערך פון א פאר יאהר אפ־געזעסען אין דער „דריטער אפטיילונג" און אין פעטראפאוולאווער פעסטונג. דערנאך האט מען עטליכע יאהר נאכאנאנד געהאלטען אין ארויבערשיקען זי אדמיניסטראטיוו פון איין פארווארפענעם העק אויפ'ן צפון נאך א צווייטען, און דערביי האט מען זי אלע וויילע איינגעשפארט אין א טורמע. אין יאהר 1875 האט זי ענדליך גע'פועל'ט מ'זאל איהר ערלויבען זיך באזעצען אין כאר־

קאָוו אום אריינצוטרעטען דאָרט אויף אַקושאָרסקע קורסען. זי איז אָבער באַלד פון דאָרט אוועק נאָך קיעוו.

פונדעסטוועגן, כאָטש זי האָט שוין א סך דורכגעמאַכט און גענוג זיך אָנגעליטען, האָט זיך עס אויף איהר ניט אָנגעזעהן. זי האָט אויסגעקוקט ווי א געזונטע, שעהנע, פעסט־געבויטע [illegible] מיידעל, וואָס איז פעהיג אויף די שווערסטע סאָרטען ארבייט. מיט איהרע מאָגערען און איהר גאַנצען אויסערליכען אויסזעהן האָט זי אויך ניט אויסגעוויזען ווי א דוואָריאַנקע, וואָס זי איז אין דער ווירקליכקייט געווען. זי פלעגט ריידען הויך, כמעט שרייען אויפ'ן קול און מאַכען שטאַרק מיט די הענט. זי איז געווען אן עכטער טיפ פון א „ניהיליסטקע" פון די 60־גער יאָהרען.

אלס פרויענצימער האָט זי געהאַט וועניג חן און אויף איהרע געזיכטס־צוגען האָט מען גאָר נישט געקענט באַמערקען, אַפילו אין די אויגען האָט געלויכטען א געבאָרענער שכל. ווען מ'האָט זיך מיט איהר אָבער פאַנאַנדערגעשמועסט, האָט מען באַלד דערזעהן גאַנץ קלאָר, אַז זי איז א זאָנדערבאַרע און ווייט ניט קיין געוועהנליכע מיידעל. די ערשטע זאַך האָט זיך גלייך געוואָרפען אין די אויגען איהר אויסערגעוועהנליכע פשוט'קייט און אויפריכטיגקייט אין יעדען קעהר איהרען, אין איהרע באַציהונגען צו אלעמען. ניט בלויז האָט זי ניט געזוכט ארויסרוקען זיך פאָראויס, קריכען אויבען אָן, ציהען צו זיך אויפמערקזאַמקייט, פאַרקעהרט: זי האָט, דאַכט זיך, אַזוי ווי געזוכט צו פאַרשטעקען זיך, פאַרבלייבען אָן א זייט, אין א ווינקעל, אַז קיינער זאָל זי ניט באַמערקען, כאָטש לויט איהר פאַרשטאַנד און אנטוויקלונג, און איבערהויפּט באַלעזענקייט, איז זי געשטאַנען העכער פון אלע איבעריגע אין אונזער קרוזשאָק. די געפיהלען פון אייגענליבע און אַמביציע זיינען איהר געווען אין גאַנצען פרעמד. און זי איז אַזוי פאַרבליבען דעם גאַנצען לעבען. שפעטער, ווען איהר נאָמען איז געוואָרען באַריהמט אין דער וועלט, זיינען אַט די מעלות פון איהר כאַראַקטער נאָך גרעסער געוואָרען.

ווען זי איז געווען אין דעם בונטאַרישען קרוזשאָק, ווי אויך שפעטער אין אַנדערע, האָט זי זיך גענומען די פשוט'סטע סאָרטען ארבייט און פליכטען, ווי צ. ב., פון א הויז־באַלעבאָסטע, א קעכין, א דינסט־מיידעל און דאָס גל. און צו וואָס זי האָט זיך ניט גענומען, האָט זי עס געטאָן מיט חשק, געוויסענהאַפט, און דערצו שטיל, פשוט, אָהן צופיל טומעל און גערויש, און אָהן

אויפֿרעגונג און טענות צו אנדערע — זאכען, וואָס זיינען גאנץ אָפט פאָרגעקומען ביי רעוואָלוציאָנערע „באַלעבאָסטעס" פון קאָנספיראטיווע דירות.

נאָך איידער איך האָב זיך מיט איהר באקענט, האָט מאַרפושאַ נאָך אין זומער פון יאָהר 1875 שוין געגאַנגען „אין פאָלק" צוזאַמען מיט יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש און איוואן באָכאַנאָווסקי, און ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבען האָט זי אויסגעצייכענט ערפילט איהר ראָלע פון אַ דאָרפס־פרוי. זי האָט זיך אָנגעגעבען אלס ווייב פון איינעם פון די דערמאָנטע צוויי באַגלייטער איהרע, כ'געדענק שוין ניט וועמענס, דאכט זיך סטעפּאַנאָוויטש'עס.

וויערא איז געוועזן אַן עכטער גרויס־רוסישער טיפּ, מיט אַ קלינגענדען מאָסקווער אַקצענט. אין אָנפאַנג, ווען זי איז אַראָפּגעקומען אין אוקראַינע, האָט זי ניט גוט פאַרשטאַנען מאַלאָרוסיש. זיינען צוליב דעם אָפט ארויסגעקומען מיספאַרשטענדניסען צווישען איהר און איהרע שכנים, וועלכע פלעגען גוטמוטיג שפּאַסען און מאַכען חוזק פון איהר, דער „קאַצאַפּקע".

נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך האָט זיך שוין אין איהר דאַן שטאַרק ארויסגעוויזען: ווי נאָר זי האָט געקראָגען אַ פרייע רגע צייט, האָט זי זיך געכאַפּט לעזען אַ בוך. און געלעזען האָט זי מיט דעמזעלבען חשק אַלץ, וואָס ס'איז איהר נאָר אריינגעפאַלען אין די הענט — ערנסטע ווערק, זשורנאַל־אַרטיקלען, אויסלענדישע ראָמאַנען און ד. גל. אַזוי דאָרשטיג איז זי געוועזן צו לערנען און וויסען וואָס מעהר.

דער לעזער, וואָס איז ניט באַקענט מיט יענער מערקווירדיגער צייט, וועט קוים אימשטאַנד זיין אָפּצושעצען דעם דאָזיגען כאַראַקטער־שטריך וויערא'ס. וועל איך דעריבער דערמאָנען, אַז אין יענער צייט, אין מיטען פון די 70־גער יאָהרען, האָט מען געקוקט קרום אויף די יעניגע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט לעזען ביכער, איבערהויפּט לעגאַלע ביכער. „מישקאַ", דער פיהרער פון אונזער קרוזשאָק, וועלכער איז געווען באַקונין'ס אַ נאָכפאָלגער, האָט גע'טענה'ט, אַז מ'דאַרף קיין זאַך ניט לעזען און „ס'וואָלט נאָך געווען זעהר גוט צו פאַרגעסען אפילו דאָס, וואָס מ'האָט פריהער געלערנט, ווארים דאָס שטערט צו דערנעהנטערען זיך מיט'ן פאָלק און צוזאַמענגיסען זיך מיט איהם".*) איך געדענק איינמאָל, ווען איך האָב גע־

*) אין זיינע ערינערונגען (ז. 115), זאָגט דעבאגאָרי־מאָק־

לייענט עפעס אַן אַרטיקעל מיכאַילאָווסקי'ס, האָט „מישקאַ" מיט אַ גרויסען געלעכטער זיך געווענדעט צו די אַנוועזענדע חברים זיינע: „זעהט נאָר, ביי מיכאַילאָווסקי'ן קלייבט ער שכל!" און די איבעריגע האָבען מיט איהם מיטגעלאַכט.

האָט מען דעריבער באַדאַרפט באַזיצען אַן אומגעהויערען דאָרשט צו וויסענשאַפט, אַז מ'זאָל אין אַזאַ סביבה זיך איבער־געבען צו אַזאַ „שעדליכע" באַשעפטיגונג ווי לעזען ביכער.

וויערא זאַסוליטש איז געווען אין די פריינדליכסטע באַצי־הונגען מיט אַלעמען אָהן אויסנאַהמע, אָבער באַזונדערס איז זי געווען נאָהענט באַפריינדעט מיט מאַריע קאַלענקינאַ, יאַקאָוו סטעפאַנאָוויטש און דערנאָך מיט מיר. אין יעדען איינעם פון אונזערע חברים האָט זי געפונען מעלות און קיין חסרונות האָט זי גאָר ניט באַמערקט. אין יענער צייט, און אין אַ גרויסען גראַד אויך שפּעטער אין איהר לעבען, איז וויערא זאַסוליטש געווען גענייגט אַביסעל צו אידעאַליזירען די לייטע וואָס זיינען איהר געווען סימפּאַטיש, באַזונדערס אין אָנפאַנג פון איהר באַ־קאַנטשאַפט מיט זיי.

איך האַלט אויך פאַר נויטיג צו דערמאָנען, אַז וויערא זאַ־סוליטש האָט נאָך דאַן ניט באַזעסען דעם כאַראַקטער־שטריך, וואָס סטעפּניאַק (קראַווטשינסקי) שרייבט איהר צו: „די רוסישע הולאַת צו מאַטערען די אייגענע נשמה, גריבלען זיך אין די פאַר־באָרגענסטע טיפסטע ווינקעלאַך, פּאַלמעסען זיך און שניידען אויף ברעקלאַך און פּיצלאַך, זוכען אויף זיך פלעקען און חסרונות, אָפט גאָר ניט עקזיסטירענדע און אַלעמאָל פאַרגרעסערטע". אַזאַ איז זי געווען שפּעטער נאָך איהר אַטענטאַט אויפ'ן גענעראַל טרע־פּאָוו. אָבער אין יאָהר 1875, ווען מיר האָבען זיך מיט איהר באַגעגענט אין קיעוו, איז זי געווען אַ גאַנץ אַנדערע. איך האָב זי געקענט גאַנץ נאָהענט און איך ערקלעהר לחלוטין, אַז דאַן, אין מיטען פון די 70־גער יאָהרען, איז ביי וויערא'ן קיין זכר ניט געווען פון די דאָזיגע שטריכען פון סטעפּניאַק'ס כאַראַקטעריס־טיק. אפשר זיינען זיי געווען אַזוי טיף באַגראָבען אין איהר נאַטור, אַז ניט דווקא מיר, איהרע עטליכע פריינד, האָבען עס

היעוויטש, אַז אַנדערע האָבען זיך אַזוי אויסגעדריקט. אָבער מיר אַלע געדענקען דאָך גאַנץ גוט, אַז ער אַליין טאַקע האָט אָנגעפיהרט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר עם־הארצות.

ניט באמערקט, נאר אפילו זי אליין וואלט עס מסתמא אפגעלייקענט, ווען אימיצער וואלט עס געזאגט.

דאן האט זי נאך קיין האר ניט געליטען פון „מרה־שחורה־אטאקעס", וועלכע, לויט סטעפניאק'ס ווערטער, פלעגן זי פון צייט צו צייט באפאלען און אנהאלטען צו עטליכע טעג נאכאנאנד. אין יענער צייט, און נאכדעם א צוויי־דריי יאהר, האט זיך וויערא געפיהלט אויסגעצייכענט, איז געוועזן לעבענסלוסטיג, פרעהליך, און קיינמאל ניט געוועזן אין קיין שלעכטער שטימונג.

איך דארף אבער אויך באמערקען, אז אין יענער צייט האט וויערא ניט ארויסגעוויזען קיין שום אונטערנעהמונגס־גייסט. ביים פארהאנדלען אלגעמיינע זאכען פון קרוזשאק, איז זי, גאנץ אנדערש פון מארוסיען און אניא'ן, געזעסען רוהיג און אויפמערקזאם זיך צוגעהערט וואס אנדערע זאגען. דערביי האט זי אויך ניט ארויסגעוויזען קיין „אויסערגעוועהנליכע דענקונגס־קראפט", קיין „זעלבסטשטענדיגקייט", קיין „אומפעהיגקייט צו געהן איבער אויסגעטראטענע וועגעלאך", וואס סטעפניאק דערצעהלט אונז, און וואס זי האט שפעטער טאקע ווירקליך ארויסגעוויזען. דאן האט זי נאך ניט „איבערגעטראכט און קריטיקירט אלץ", ווי סטעפניאק זאגט, נאר זי האט א סך זאכען געגלויבט אויפ'ן ווארט. זי האט מיט פארגעניגען איינגעשטימט מיט אלע באשלוסען און אויך אלע טעטיגקייט־פלענער, וואס זיינען פארגעשלאגען געווארען פון אנדערע חברים. דאס ערקלעהרט זיך, איבערהויפט, מיט די איינענשאפטען פון איהר כאראקטער — באשיידענקייט און די טבע צו פארגרעסערען אן אנדערען'ס פעהיגקייט און, פארקעהרט, פארקלענערען איהרע אייגענע. די נייגונג אין פראקטישע אנגעלעגענהייטען צו פאלגען וואס אנדערע סימפאטישע מענשען פלעגן איהר הייסען, איז ביי איהר פארבליבען אויף שפעטער, אין איהר ווייטערדיגער טעטיגקייט.

ביים שלוס פון אט דער קורצער כאראקטעריסטיק פון וויערא זאסוליטש, וועל איך באמערקען, אז אחוץ אונז דריי — קאלענקינא, סטעפאנאוויטש און איך — האט כמעט קיינער פון די איבעריגע מיטגלידער פון יענעם קרוזשאק ניט געקענט דאן זיך פארשטעלען, אז אין אט דער באשיידענער שטילער מיידעל אהן שום טביעות ליגט פארבאהאלטען די זעלטענע פעהיגקייט צו אויסערגעוועהנליכע העלדישקייט, צו אומענדליכער זעלבסטאפפערונג, פאלשטענדיג ניט קימערענדיג זיך וועגען אייגענעם געזונט און אפילו וועגען לעבען.

מאַריאַ קאַלענקינאַ.

די דריטע מערקווירדיגע פרוי פון אונזער קרוזשאָק איז געווען מאַריאַ קאַלענקינאַ. זי איז געווען וויערא זאַסוליטש'עס בעסטער פריינד, הגם זיי האָבען אויסגעזעהן צו באַזיצען גאַנץ פאַרשיידענע כאַראַקטערען און האָבען אין אַלגעמיין געהאַט ווענינ עהנליכקייט איינע אויף די אַנדערע אין זייער אויסערליכען אויסזעהן, נייגונג און בילדונג. זאַסוליטש איז געווען ניט אין ערך מעהר געבילדעט און אנטוויקעלטער פון איהר. קאַלענקינא האָט איהר גאַנצע בילדונג געקראָגען פון נעקראַסאָוו'ס געדיכטען. אימיצער האָט איהר געגעבען נעקראַסאָוו'ס אַ בוך, און פון דעם האָט זי געשעפט איהר גאַנצע קענטנים.

איך מוז אָבער דאָ באַמערקען, אַז שפּעטער, זיצענדיג אין טורמע און אויף קאַטאָרגע, האָט קאַלענקינאַ זעלבסטשטענדיג זיך ערווארבען פאַרהאַלטענסמעסיג אַ סך בילדונג און דערנאָך, ווען זי האָט זיך באַזעצט אין אירקוטסק, האָט זי זיך באַשעפטיגט מיט לערנען קינדער און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. דאכט זיך, אַז זי באַשעפטיגט זיך עד היום מיט דעם.

קאַלענקינא האָט אָבער געהאַט אַ רייכע אינערליכע נאַטור אַזוי ווי ווערא זאַסוליטש און פּונקט ווי זאַסוליטש איז זי געווען באַשיידען, האָט ניט געזוכט ארויסצורוקען זיך אויבען אָן, נאָר פאַרקערט, פאַרבלייבען אין שאָטען אומבאַמערקט. איהר הויפּטשטריך אָבער, מיט וועלכען זי איז געווען עהנליך צו ווערא זאַסוליטש, איז איהר אומגעהויערע פעהיגקייט אויף העראָאישע טהאַטען, איהר זעלבסטאָפּפערונג, מקריב זיין זיך פאַר איהר אידעאַל, וואָס זי האָט טאַקע באַוויזען אין דער ווירקליכקייט.

אַלע מיטגלידער פון אונזער קרוזשאָק האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז זי איז אַן אויסערגעוויינליכע נאַטור, אַ מערקווירדיגע רעוואָלוציאָנערקע, און האָבען זיך דאריבער צו איהר באַצויגען מיט פיל אויפמערקזאַמקייט און גרויס סימפּאַטיע. אָבער טיפער, גרינדליכער פון אַלעמען האָט זי זאַסוליטש דערקענט און אבגעשעצט און האָט זיך מיט איהר זעהר נאָהענט באַפריינדעט.

יאַקאָוו סטעפאַנאָוויטש.

(פיהרער פון פראָמינענטסטען באַקוניסטישען קרוזשאָק אין די 70גער יאָהרען)

מענער האָט דער דרום-בונטאַרסקער קרוזשאָק געהאַט ניט אין ערך מעהר ווי פרויען, אָבער זיי האָבען זיך ווייט ניט אַזוי שטאַרק

ארויסגעוויזען מיט רעוואָלוציאָנערע מעלות ווי אונזערע עטליכע פרויען. פון די פערצעהן מאנסבילען האָבען זיך בלויז עטליכע אויסגעצייכענט שפּעטער, און נאָר אַ צוויי־דריי מעג מען צורע־כענען צו די אויסערגעוויינליכע רעוואָלוציאָנערען פון יענער צייט. צווישען אָט די האָט דעם פּראָמינענטסטען פּלאַץ אָהן ספק פאַר־נומען יאַקאָוו יואסיליעוויטש סטעפּאַנאָוויטש, וועגען וועמען סטעפּ־ניאַק זאָגט גאַנץ ריכטיג אין זיין „אונטערערדישע רוסלאַנד“, אַז אַ געוויסע צייט איז ער „געווען שיער ניט דער פּאָפּולערסטער מענש אין דער פּאַרטיי“.*)

סטעפּאַנאָוויטש'עס נאָמען פלעגט מען דאַן געוועהנליך דער־מאָנען צוזאַמען מיט מאַקריעוויטש'עס, ווי מ'פלעגט דאַן דאָס רוב דערמאָנען נעמען פאָרוויין, למשל, ראָגאַטשאָוו'ס נאָמען פלעגט דער־מאָנט ווערען צוזאַמען מיט קראַוטשינסקי'ס (אָדער פאַרקערהרט) און קאָוואַליק'ס מיט וואָינאַראַלסקי'ס. דאָס מיינט אָבער נאָך ניט, אַז זיי זיינען געווען זעהר נאָהענטע פריינד, פּאַרקערט: זיי זיינען געווען ווייט ניט עהנליך אויפ'ן אַנדערען, ניט לויט'ן כאַראַקטער, נייגונגען, און ניט לויט זייערע יאָהרען. צוגעבונדען איינער צום אַנדערען האָט זיי, איבערהויפּט, די אַלגעמיינע זאַך, פאַר וועלכע זיי האָבען געקעמפט, דערזעלבער ציעל, צו וועלכען זיי האָבען געשטרעבט.

הגם מישקאָ (מאַקריעוויטש) איז געווען דער „גענעראַל“ פון אונזער קרוזשאָק, דאָך האָט ער אַ סך זאַכען נאָכגעגעבען „דמיט־רי'ן“, ווי סטעפּאַנאָוויטש האָט דאַן געהייסען אין דער רעוואָלו־ציאָנערער וועלט. אין אונזער קרוזשאָק האָט סטעפּאַנאָוויטש געהאַט פּונקט אַזוי פיל דעה און פרעסטיזש ווי מאַקריעוויטש, און איהם האָט מען נאָך אַ סך מעהר געליבט און געאַכטעט, כאָטש מישקאָ האָט געצווינגען צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין שעהנעם אויסזעהן און געשליפענעם צונג. דמיטרי איז גע־ווען זעהר אַ שטילער, אַ באַשיידענער, אַ שעמעוודיגער; ער האָט אָבער געהאַט מעהר אונטערנעהמונגס־גייסט און פראַקטישען שכל. די הויפּט־פאַרבינדונגען און באַציהונגען מיט די פּויערים, וואָס ס'איז געווען דער פונדאַמענט פון די אויפגאַבען און פּלענער פון יענעם קרייזעל, זיינען אייגענטליך געלעגען אויסשליסליך אין זיינע הענט. דאַריבער, הגם ער איז דאַן געווען נאָך אַ גאַנץ יונ־גער מענש, ניט מעהר ווי אַ יאָהר 21־22, איז ער גיך געוואָרען

*) „אונטערערדישע רוסלאַנד“, ז. 30.

דערווירקליכער פיהרער פון דעם סאַמע פּראָמינענטסטען קרוז־שאָק אין מיטען פון די 70־גער יאָהרען.

סטעפּאַנאָוויטש, ווי איך האָב שוין דערצעהלט, איז געווען אַ זוהן פון אַ דאָרפס־גלח אין טשערניגאָווער גובערניע. ווען ער איז געווען אין די לעצטע קלאַסען גימנאַזיע האָט ער, פּונקט ווי דאָס רוב דעמאָלטדיגע רעוואָלוציאָנערען, אָנגעפאַנגען זיין גרעזעלשאַפט־ליכע טעטיגקייט אויפ'ן פרידליכען קולטורעלען געביט. ער האָט זיך באַטייליגט אין איינע פון די אוקראַינאָפילער קרייזלאַך, וואָס האָבען זיך דאַן פאַרשפּרייט. זייער צוועק איז געווען אַ גאַנץ באַשיידענער — צו העלפען אַנטוויקלען די אוקראַינער שפּראַך און ליטעראַטור און דאָס גלייבען. אָבער די צאַרסקע רעגירונג פון דעם „רעפאָרמאַטאָר" אַלעקסאַנדער דעם 2טען האָט געהאַלטען פאַר העכסט־שעדליך די ארבייט פון די דאָזיגע קרייזלאַך און האָט זיי אויף אַלערליי אופנים פאַרפאָלגט. ווען סטעפּאַנאָוויטש האָט זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אוממעגליך אָנצופיהרען אפילו די סאַמע קלענסטע, באַשיידענסטע בילדונגס־ארבייט, האָט ער אונטער'ן איינפלוס פון אונזער פאַרטגעשריטענער ליטעראַטור, זיך גענומען נויגען צום סאָציאַליזם, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַ סך אַנדערע יונגע לייט פון דער בעסטער טייל פון אונזער שטודי־רענדער יוגענד.

ער האָט גלענצענד געענדיגט גימנאַזיע, און איז אין יאָהר 1872 אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט שטודירען מעדיצין. אין פריהלינג אָבער פון יענעם יאָהר האָט זיך אָנגעפאַנגען די באַרימטע באַוועגונג פון אונזער רעוואָלוציאָנערער יוגענד צו „געהן אין פאָלק". מיט די פעסטע אַנטשלאָסענהייט און ענערגיע, מיט וואָס סטעפּאַנאָוויטש האָט זיך גאַנץ באַצייטענס אויסגעצייכענט, האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין דעם ווירבעל־שטראָם, וואָס האָט פאַרשלונגען ניט איין טויזענט פון די בעסטע, באַגאַבטסטע יונגע לייט און מיידלאַך פון אונזער לאַנד.

סטעפּאַנאָוויטש האָט פאַרלאָזן דעם אוניווערזיטעט און זיין מעדיצין קאַריערע, און אין זעהר אַ קורצער צייט איז ער געוואָרען אַן אַנהענגער פון פרידליכער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס לאַווראָוו האָט געפּרעדיגט.

פון אָנפאַנג איז ער אריין אין דעם קרייזעל פון די „זשע־בוניסטען" און האָט געהאַט בדעה צו געהן אין פאָלק אַלס שוהל־לעהרער. דערנאָך איז ער צוגעשטאַנען צו דעם באַריהמטען קריי־זעל פון די טשאַיקאָווצעס, וואָס האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין איי־

ניגע אוניווערזיטעט־שטעדט — אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס. ווען ער האָט זיך געקליבען גײן אין פאָלק, האָט ער, אזוי ווי אַנדערע דעמאָלטדיגע סאָציאליסטען, זיך אויסגעלערענט אַ מלאכה: ער האָט אויסגעקליבען שוסטעריי. קיין ערפאָלג האָט ער אָבער אין דעם ניט געהאַט. ווען איהם איז ענדליך, נאָך פיל באמיהונגען, געלונגען צו מאַכען די ערשטע פּאָר שטיוועל, האָט ער עס געבראַכט אויפ'ן מארק. דער ערשטער קונה האָט איהם געזאָגט: „כּאַ וואָל־סטו בעסער געבראַכט בלויז די פעל, וואָלט איך עס געקויפט, אָבער די שטיוועל טויגען אויף כּפּרות".

אין אָסיען פון יאָהר 1873 איז ער ארייננעטראָטען אין דער באוואוסטער „קיעווער קאָמונע", וואו ער האָט זיך באזונדערס נאָהענט באקאנט מיט ברעשקאָווסקאַיאַ און פאָלענקינא, מיט וועמען ער איז אויף איבעראיאָר זומער צוזאַמען געגאנגען אין פאָלק. אָבער נאָך פריהער פאַר דעם האָט ער מיט דעבאגארי מאָקריע־וויטש'ען און נאָך דריי חברים דורכגעוואנדערט עטליכע מאלאָ־רוסישע גובערניעס, אלס פאַרבער פון געוואנט אָדער אמאָל אלס פּראָסטער ארבייטער. מאקריעוויטש דערצעהלט וועגען דעם מיט איינצעלהייטען אין זיינע „עראינערונגען" (ז. 132־33).

פון סטעפאנאָוויטש'עס מעשות וועגען זיינע וואנדערונגען מיט ברעשקאָווסקאַיאַ איז ביי מיר אין זכרון פארבליבען פאָלגענדער אינטערעסאנטער פאַל, וועלכער האָט זיך שיער ניט געענדיגט פאַר איהם זעהר טרויעריג.

זיי זיינען איינמאָל ארייננעפאלען אין אַ דאָרף פון דער סעקטע שטונדיסטען, וועלכע האָבען זיך דאַן געגומען פארשפּריי־טען אין כערסאָנער און קיעווער גובערניעס. די הויפט פּראָפּאַ־גאנדע צווישען די שטונדיסטען האָט אָנגעפיהרט דער קלוגער פויער ריאַבאָשאַפּקאַ. ברעשקאָווסקאַיאַ און סטעפאנאָוויטש האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט, וואָס זיי האָבען זיך אנגעטראָפען אויף אזא סעקטע, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ נייס. עס האָבען זיך גלייך פאַר־בונדען געשפּרעכען און ויכוחים וועגען די מעלות פון אָט דער סעק־טע, מיט וואָס זי איז בעסער פון דער פּראַוואָסלאַווער רעליגיע. די צוויי רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט און געגומען פּראָפּאַגאנדירען די שטונדיסטען, דורך פּסוקים פון הייליגע ספרים, און אריבערבויגען זיי אויף אונזער זייט. האָבען די שטונדיסטען געבעטען זיי צו ווארטען ביז זייער פּרעדיגער ריאַ־באָשאַפּקאַ וועט קומען און האָבען מיט זיי אַ דעבאַטע, וועט מען זעהן ווער עס האָט רעכט. הגם סטעפאנאָוויטש האָט מורא גע־

האָט פאַר אַזאַ דעבאַטע, האָט ער פונדעסטוועגן געמוזט מרוצה ווערען און וואַרטען.

באַלד איז געקומען ריאַבאָשאַפּקאַ. מ'האָט מסתּמא נאָך איהם ספּעציעל געשיקט. דער ביטרער ריאַבאָשאַפּקאַ האָט זיך גלייך געכאַפּט מיט וואָס פאַר אַ סאָרט מענשען ער האָט דאָ צו טאָן. האָט ער געבעטען דעם יונגען סטעפּאַנאָוויטש'ן צו ערקלערען, אין דער אַנוועזענהייט פון זיינע נאָכפאָלגער, אין וואָס זיין „אמונה" באַשטעהט. ווען סטעפּאַנאָוויטש האָט אין קורצען איי־בערגעדערצעהלט דאָס, וואָס ער האָט שוין ניט איינמאָל געטאָן פאַר פילע פון די שטונדיסטען, האָט ריאַבאָשאַפּקאַ אויסגעשריען:

— אַזוי גאָר! אַזאַ חברה־מאַן ביזטו?! כ'וואָלט דיר באַ־דאַרפט פאַרדרעהען די הענט אַהינטער, בינדען און אַוועקשלע־פען אין וואָלאָסט.

ער וועט עס אָבער ניט טאָן, האָט ריאַבאָשאַפּקאַ ערקלערט, ווייל ערשטענס איז סטעפּאַנאָוויטש נאָך זעהר יונג און דערצו וויל ריאָבאָשאַפּקאַ דאָס ניט טאָן צוליב זיינע רעליגיעזע אנשוי־אונגען. האָט ער זיי דאריבער געהייסען אָפּטראָגען זיך וואָס שנעלער.

שפּעטער האָט סטעפּאַנאָוויטש באַשריבען דעם דאָזיגען פאַל—ס'באַרשטעהט זיך אַזוי, אַז די צענזור זאָל עס ערלויבען — און אַוועקגעשיקט אינ'ם זשורנאַל „אָטיעטשעסטווענניע זאַפּיסקי". ער האָט באַלד ערהאַלטען זעהר אַ שמייכעלהאַפטען בריף פון מיכאַי־לאָווסקי'ן (דעם רעדאַקטאָר פון דעם דערמאָנטען זשורנאַל), אַז דאָס וועט געדרוקט זיין מיט איינינע ענדערונגען.

די צענזור האָט עס אָבער ניט ערלויבט צו דרוקען און דער מאַ־נוסקריפּט איז פאַרלאָרען געגאַנגען, ווייל דער זשורנאַל האָט זיך אין גיכען צוגעמאַכט.

מיכאַאיל פראָלענקאָ.

איינער פון די סאַמע פּראָמינענטסטע פאַרטרעטער ניט בלויז פון אונזער קרוזשאָק נאָר אין אַלגעמיין פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג פון יענער צייט איז געווען מיכאַאיל פראָלענקאָ. אין דער „גאַלערעע פון די פאַרהאַפטעטע אין דער שליסעלבורגער פעסטונג" גיט וויערא פיגנער אַ סך ביאָגראַפישען מאַטעריאַל וועגען איהם. איך וועל זיך דאָ באַנוגענען מיט די באַדייטענדסטע פאַקטען פון זיין לעבען.

ער האָט ניט באַלאַנגט, ווי דאָס רוב דעמאָלטיגע רעוואָ־

לוציאָנערען, צום פּריווילעגירטען שטאַנד. געבאָרען געוואָרען איז ער אין יאָהר 1848 אין סטאַוורָאָפּאָל. זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַן אויפזעהער אין אַ קויהלען־מינע אין קובאַנער גע־גענד, איז געשטאָרבען ווען מיכאאיל איז געווען בלויז עטליכע יאָהר אַלט. די מוטער האָט זיך גענוג אָנגעליטען נויט און צרות אויפצוהאָדעווען איהם. זי איז אָבער געווען אַן אויסערגעוועהנ־ליכע פרוי און האָט געזעהן צו געבען איהם אַ גוטע ערציהונג און בילדונג. דורך אַ צופאַל איז איהר געלונגען אריינצוגעבען איהם אין אויעזדנע אוטשילישצע, וועלכע ער האָט געענדיגט אַלס דער בעסטער. דערנאָך האָט מען איהם געהאָלפען אריינגעהן אין סטאַווראָפּאָליער גימנאַזיע און נאָכדעם איז ער אוועקגע־פאָהרען אין פּעטערבורג און אריינגעטראָטען אין טעכנאָלאָגישען אינסטיטוט. אין אַ יאָהר ארום אָבער איז ער אוועק נאָך מאָסק־ווע מיט'ן אבזיכט צו ענדיגען דאָרט אַן אַגריקולטורעלע אקאַ־דעמיע און געהן העלפען די פּויערים. ער איז אָבער שנעל פאַר־כאַפּט געוואָרען פונ'ם רעוואָלוציאָנערען שטראָם, האָט אוועקגע־וואָרפען די אקאַדעמיע און איז צוגעשטאַנען צום מאָסקווער קרוזשאָק פון די טשאַיקאָווצעס.

אין פריהלינג פון יאָהר 1874 איז ער אוועק „אין פאָלק“. ער מיט נאָך עטליכע חברים האָבען זיך אוועקגעלאָזען זוכען די סעקטע „ביעגונעס“, ערגעץ אין די אוראַל־בערג, אָבער זיי זיינען געקומען מיט לעדיגען צוריק: זיי האָבען קיין סעקטעס ניט גע־פונען, פונקט ווי די אַנדערע חברים, וואָס האָבען געזוכט סעק־טעס ביי דער וואָלגע.

אין אָסיען פון יאָהר 1874 איז פראָלענקאָ געוואָרען אַן אומלעגאַלער, און איז אַזוי פאַרבליבען ביז'ן מאַנאַט מאַרט פון יאָהר 1881, ס'הייסט גאַנצע זיבען יאָהר. דאָס איז מעהר ווי אירגענד אַנדער רוסישער רעוואָלוציאָנער האָט געקענט באַ־ווייזען. ער איז פאַר דער צייט אפילו ניט געפאָהרען אין אויס־לאַנד, אום אָפּצואָווישען דעם סליאַד הינטער זיך, ווי אַנדערע פלעגען עס געוועהנליך טאָן. ער פלעגט בלויז אריבערפאָהרען פון דרום אויפ'ן צפון, און צוריק.

ווען פראָלענקאָ איז געקומען אין אדעס, האָט ער זיך נאָ־העענט באַפריינדעט מיט אַננאַ מאַקאַרעוויטש, וויקטאָר קאָסטיור־רין, איוואַן דראָביאַזגין און אַנדערע דאָרטיגע טשאַיקאָווצעס, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג צוריק געווען „לאַווריסטען“, נאָר

זיי זיינען צוגעשטאַנען צו די באַקוניסטען ווייל זיי האָבען זיך אַנטוישט אין דעם ערפאָלג פון פּראָפּאַגאַנדע.

אין דעם קיעווער בונטאַרסקען קרוזשאָק איז „מיכאַילאָ“, ווי מ'האָט איהם גערופען, געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע, ערפאַהרענסטע מיטגלידער. ער איז נאָך דאַן געווען יונג, אַ יאָהר 25—26, און גאַנץ באַשיידען, האָט זיך ניט געשפּאַרט אויבען־אָן, אָבער מ'האָט שוין פון איהם אַ סך געהאַלטען פאַר זיין זעלבסטשטענדיגקייט און איניציאַטיווע.

סערגעי טשובאַראָוו.

צווישען די פּראָמינענטסטע איז אויך געווען סערגעי טשובאַראָוו, וועלכער איז אויך געווען באַקענט אונטער'ן נאָמען „דער גרינער“, „דער קאַפּיטאַן“ און „דער אַמעריקאַנער“. ווי אַזוי ער האָט געקראָגען די ערשטע צוויי נעמען, ווייס איך נישט. „דער אַמעריקאַנער“ אָבער האָט מען איהם גערופען דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ לאַנגע צייט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד־אַמעריקע. ער איז געווען אַ יאָהר 25—26 אַלט און אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט האָט ער געהאַט אַ גרעסערע ווי ווער פון אונז, וואָרים ער איז, צוזאַמען מיט וויערא זאַסוליטש, געווען פאַרמישט אין דעם ניעטשאַיעווסקען פּראָצעס.

אַלס סטודענט פון דער פּעטראָווו־ראַזומעווער אַקאַדעמיע (אַגריקולטורעלער) אין יאָהר 1869, האָט טשובאַראָוו זעהר אַ ווייטע שייכות געהאַט מיט ניעטשאַיעוו'ס פאַרשווערונג. פונדעסטוועגען האָט איהם די פּאָליציי שטאַרק געזוכט. איז ער דעריבער אַנטלאָפען נאָך אַמעריקע. עטליכע יאָהר האָט ער זיך אַפּגעוואָלגערט אַלס ארבייטער אין פלאָרידע און איז געקומען צוריק. ער איז אריין אין אונזער קרוזשאָק אַביסעל פריהער פון מיר.

ער איז געווען אַ פרעהליכער, גוטער מענש, און ניט קיין נאַר, און האָט אַלעמען לוסטיג געמאַכט. די אינטערעסען פון די אַרבייטער־מאַסען איז ער געווען איבערגעבען מיט לייב און לעבען. דאָס האָט ער דערנאָך באַוויזען מיט זיין העלדישען טויט אויף דער תליה. אין דער צייט אָבער, וואָס איך האָב איהם געקענט, האָט ער זיך ניט צופיל אויסגעצייכענט מיט קיין זאַך. פאַר אונזער קרוזשאָק איז ער אָבער געווען פון אומגעהויערען ווערטה צוליב אָט וואָס: זיין פאָטער, אַ גוטס־באַזיצער פון פּענזער גובערניע, האָט איהם איבערגעלאָזען אַ גאַנץ רייכע ירושה,

א נשקשה׳דיגען הויף מיט ערד, וואָס ער האָט איבערגעגעבען זיין ברודער צו פאַרוואַלטען, און ער האָט פון איהם געקראָגען א געוויסען געצאָהלט. דעם גרעסטען טייל פון אָט דעם איינקונפט זיינעם האָט ער פאַרנוצט אויף די הוצאות פון אונזער קרייזעל. דאָס איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון אונזערע מאַטעריעלע מיטלען.

קוריצין, דער פּאַררעטער.

אָפּשטעלען זיך אויף די איבריגע מיטגלידער פון דעם ערשטען בונטאַרסקען קרוזשאָק איז מיר איצט אוממעגליך. צוליב דער שטרענגער קאָנספּיראַציע, וואָס האָט דאַן געהערשט צווישען רעוואָלוציאָנערען, איז זעהר שווער געווען צו באַקענען זיך נאָהענט מיט אַלעמען. האָב איך דעריבער כאַראַקטעריזירט, כאָטש אין קורצען, די עלטערע, וואָס זיינען בולט׳ער פאַרבליבען ביי מיר אין זכרון. דאָס הייסט אָבער ניט, אז א חוץ זיי האָט זיך שוין מעהר קיינער ניט אויסגעצייכענט. שפּעטער זיינען אַרויסגעשפּרונגען און באַוואוסט געוואָרען נאָך אייניגע מיטגלידער פון יענעם קרוזשאָק. ניט וועגען אַלע האָב איך אָבער ביאָגראַפישע איינצעלהייטען, און געדענק שוין כמעט ניט זייערע נעמען אפילו. וועגען עטליכע וועל איך נאָך אפשר דערצעהלען ביי אַן אנדער געלעגענהייט. דערווייל וועל איך דאָ במאַערקען וועגען איינעם, וועלכער איז אויך באַריהמט געוואָרען, אָבער אויף א זעהר טרויריגען אופן. איך מיין דאָ דעם רענעגאַט פּיאָדאָר קוריצין.

הגם מ׳האָט גלייך פון אָנפאַנג געקענט זעהן, אז ער איז א פּייגלינג, און מ׳קען זיך אויף איהם ניט פאַרלאָזען, פונדעסטוועגען האָט מען, צום באַדויערען, ניט אָנגענומען די נויטיגע מיטלען. דער פאָלגענדער פאַל ווייזט קלאָר, וואָס פאַר א מין מענשעל ער איז געווען.

דאָס האָט פּאַסירט אין אווינטער־נאַכט אין יאָהר 1875-76 ביי לידיע באַרישעוואַ אין הויז. א סך בונטאַרען האָבען זיך דאַן פאַרזאַמעלט דאָרט. פּלוצלונג האָט דער גלעקעל שאַרף א קלונג געטאָן.

„זשאַנדאַרען!" — האָט אימיצער א זאָג געטאָן. אַלע אַנוועזענדע זיינען פאַרבליבען רוהיג אויף זייערע ערטער. איינער אָבער האָט זיך שרעקליך דערשראָקען, איז בלאַס געוואָרען און האָט זיך גענומען אַרומקוקען מיט די ווערטער „מ׳דאַרף זיך באַהאַלטען". און ער איז גלייך אונטערגעקראָכען אונטער׳ן סאָפע. כאָטש ס׳איז ניט געווען צום לאַכען, האָבען עטליכע דאָך זיך ניט גע־

קענט איינהאלטען פון געלעכטער. נאָך לעכערליכער איז געוואָרען זיין לאגע, ווען ס'האָט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז ניט קיין זשאנדארען זיינען געקומען, נאָר אייגענע באקאנטע. איך געדענק, אז קאָוואַלעסקאיא האָט דאן געזאָגט צו די נעהענטערע חברים, אז אין פאַל פון אן ארעסט קען נאָך פעדקא אלעמען פארראטען.

פעדקא איז דאָס געווען פיאָדאָר קוריצין. ער איז געווען אן אונאנגענעהמער, א באשרענקטער, אן אומעטיגער און קיינער האָט איהם ניט ליעב געהאַט.

ליזאָגוב און נאַטאַנסאָן.

אין יענער צייט, ווען איך האָב זיך באקענט מיט די בונטאַרען, איז באלד אין קיעוו געקומען דמיטרי ליזאָגוב. ווי איך האָב שוין דערצעהלט, האָט ער ניט געטאָרט ארויספאָהרען פון זיין אימעניע. ער האָט אָבער ניט געקענט דאָרט איינזיצען און האָט גענומען כלאָפּאָטשען מ'זאָל איהם ערלויבען ארויספאָהרען אויף א ביסעל צייט. ווען ער האָט די ערלויבניש געקראָגען, איז ער אוועקגעפאָהרען אין פעטערבורג, און אויפ'ן וועג צוריק האָט ער אראָפּגעשטייגט אין קיעוו צו זעהן זיך מיט מיר, מיט קאַלאדקעוויטש'ן און אנדערע חברים.

ער האָט עס אונז דאן דער ערשטער געבראַכט דעם גרוס פון דעם דורכפאַל פון די פעטערבורגער חברים, וואָס זיינען אוועק אין פאָלק. און פון אונז האָט ער זיך דערוואוסט, אז מיר האָבען אויך ניט געהאַט קיין ערפאָלג אין אונזער פּראָפּאגאנדע צווישען די פויערים. איך האָב באמערקט, אז אויך אין זיינע אנזיכטען איז פאָרגעקומען א באדייטענדע ענדערונג: ער איז אויך א סך „לינקער" געוואָרען און גענומען זיך, קענטיג, באציהען גערולדיג צו די באקוניסטען. האָב איך באשלאָסען צו באקענען איהם מיט דעבאגאָרי־מאָקריעוויטש'ן און סטעפאַנאָוויטש'ן, די פיהרער פון דעם בונטארסקען קרוזשאָק. דערביי האָב איך געהאַט אין זינען, אז מיר וועלען קריגען פון איהם גרויסע **געלט־שטיצע.**

איך האָב זיי צונויפגעפיהרט, און זיי זיינען איינער די אנדערע געפעהלען געוואָרען, האָבען א סך פארבראַכט, אָבער קיין געלט־הילף האָבען מיר יענעם מאָל, דאכט זיך, ניט געקראָגען. וויפיל איך קען זיך דערמאָנען, האָט ער מיר דערצעהלט, **אז ער האָט זיך אין פעטערבורג דאן באקענט מיט דעם זעהר פּאָפּולערען רע־וואָלוציאָנער מארק אנדרעיעוויטש נאַטאַנסאָן, וועלכער האָט זיך** געשטעלט די אויפגאבע צוריק אויפצובויען די צושעדיגטע אָרגאַ־

גיזאציעס. און אויף דעם האָט ליזאַנוב איינגעווילינגט אוועקצו־געבען אַלע זיינע געלט־מיטלען.

סעמיאָן לוריע׳ס אַנטלויפעו פון טורמע און דער מערקווירדי־גער אידעל סאָלאָמאָן.

באַזונדערס שטאַרק האָב איך זיך דערנהענטערט צו די קיע־ווער בונטאַרען, ווען מ׳האָט אָרגאַניזירט ארויסצו׳גנב׳ענען דעם סטודענט סימיאָן לוריע פון טורמע.

איך האָב שוין אויבען דערצעהלט, אז אקסעלראָד האָט גע־האט א ריזיגיען איינפלוס אויף זיינע חברים. צווישען זיי איז געווען סעמיאָן לוריע, דער בן־יחיד פון א גאַנץ רייכען סוחר. די סאָציאַליסטישע כוואַליע פון געהן אין פאָלק האָט איהם אויך פארכאַפּט, אָבער ער איז ניט אוועק אין פאָלק. ער האָט אויף זיך גענומען די עובדה פון האַלטען ביי זיך די אדרעסען פון די יעניגע, וואָס זיינען אין פאָלק, און דורך איהם פלעגט מען זיך דורכשרייבען. איז ער דעריבער געווען אין זעהר א ריזיקאַלער לאַגע: ביי אימיצענס קלענסטע אומפאָרזיכטיגקייט איז ער גע־שטאַנען אין געפאַהר. און דאָס האָט טאַקע באַלד פּאַסירט. מען האָט ביי אימיצען געפונען זיין אדרעס און מ׳האָט איהם ארעס־טירט

דאָס איז געווען דער ערשטער ארעסט פון א סאָציאַליסט אין קיעוו, האָט עס דעריבער ארויפגעטריבען א שרעק אויף אַלעמען. דערצו האָט מען אָנדערצעהלט אַלערליי מעשיות, אז מ׳ווענדט אָן גרויזאַמע מיטלען געגען די פּאָליטישע ארעסטירטע, זאָגאר אז מען פּייניגט זיי. דאָס איז אָבער ניט געווען אמת.

א לאַנגע צייט האָט מען סעמיאָן׳ען געהאַלטען אין אן איינ־זאַמען קאַמער אין פּאָליציי־סקען אוטשאַסטאָק. פאַר אונטעררור־קען עטליכע קאָפּיקעס דעם טורמע־וועכטער האָבען מיר געקענט ניט בלויז צושיקען איהם ממש אַלץ, נאָר מ׳האָט געקענט אפילו זעהן זיך מיט איהם און פאַרברענגען א צייט לאַנג. איך אַליין בין ניט איינמאָל געווען ביי איהם און פאַרבראַכט מיט איהם.

ווען מיר האָבען געזעהן, אז ער ווערט ניט שטרענג באוואַכט, האָבען מיר איהם גענומען איינריידען ער זאָל אַנטלויפען, און מיר וועלען איהם העלפען. א צייט לאַנג האָט ער עס ניט געוואָלט, אָבער נאָכדעם ווי ער איז שוין אָפּגעזעסען א יאָהר צייט און די לונגען זיינען ביי איהם אָנגעריהרט געוואָרען, האָט ער איינגע־ווילינגט.

דעם אנטלויפען איז ניט אזוי שווער געווען דורכצופיהרען ווי דערנאָך דעם באהאלטען איהם. די ליבעראלען אין קיעוו זיינען נאָך אלץ געווען אָנגעשראָקען און האָבען מורא געהאט אריינצו־לאָזען צו זיך אזא מין מענשען. דאָן האָב איך צופעליג באגעגענט א „סימפאטיזירער“, וועלכער האָט מיר ארויסגעהאָלפען. און דאָס איז גראד געווען אזא מענש, פון וועלכען מ'האָט עס אם ווענינגסטענס געקענט ערווארטען.

ער איז געווען א פשוט'ער, ווענינ־געבילדעטער איד'ל, פון א יאָהר 24־25, א מיאוסער אויפ'ן אויסזעהן, א שלעכט־געקליי־דעטער. ער פלעגט אויספילען פארשיידענע שליחות, גאנגען. „סאלאמאן“ האָט ער געהייסען צווישען באקאנטע. ער איז געווען אויסערגעוועהנליך עהרליך, גוט פון נאטור און מענשען־ליבענד. ער איז תמיד גרייט געווען צו טאָן אייך א טובה, און טאקע מיט'ן גאנצען הארצען, אָהן א ברעקעל אייגעננוץ דערביי.

האָט ער געהאט א גרויסע צאָהל באקאנטע און פריינד, צווי־שען גוים אזוי גוט ווי צווישען אידען, צווישען רייכע און א סך מעהר צווישען אָרימע. אלע האָבען צו איהם געפיהלט אמת'ע סימפאטיע און אומבאשרענקטען צוטרויען.*)

ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אז מ'קען איהם פארטרויען, האָב איך איהם געפרעגט, צי ער ווייס ניט עפעס א פאָלשטענדיג זיכערען פלאץ וואו צו פארבאהאלטען א באקאנטען. דעם גאנצען אמת האָב איך צוליב קאָנספיראטיווע אורזאכען ניט געקענט איהם אויסזאָגען.

האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער אָרים און שמוציג־געקליי־דעטער סאלאמאן האָט געהאט א רייכען באקאנטען, וועלכער האָט פארנומען א שעהנע דירה און האָט ניט מורא געהאט אריינצו־נעמען צו זיך אַן „אומלעגאלען“, כאָטש ער האָט דערביי ריזיקירט פארשיקט צו ווערען אין סיביר, און אפשר נאָך אויף קאטאָרגע.

איך וועל דאָ ניט איבערגעבען ווי אזוי לוריע איז דאָן אנט־לאָפען פון טורמע. איך האָב עס שוין באשריבען אין א צווייטען אָרט. דא וועל איך נאָר דערצעהלען, וואָס מיט מיר האָט דאָן פאסירט.

אזוי ווי פאר לוריע'ס אנטלויפען האָב איך זיך מיט איהם געזעהן און באראָן העיקינג האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט מען אין דערזעלבער נאכט געמאכט ביי מיר א הויז־זוכונג אין

*) איך האָב איהם געווידמעט א באזונדער כאראקטער־באשרייבונג. — ל. ד

מיין אבוועזענהייט. האָב איך מורא געהאט צו קומען אהיים און באשלאָסען צו באַראטען זיך פריהער מיט מיינע חברים.

זיי האָבען מיר געראטען צו פארבלייבען דערווייל מיט זיי ביז מ'וועט זעהן, וואס העיקינג וועט טאָן. מיר האָבען אויסגערעכענט, אז העיקינג אליין וועט זוכען צו פארשטיקען דעם גאנצען עסק, ווארים ווען לוריע וואָלט בעסער באוואכט געוואָרען, וואָלט איהם דאָך ניט מעגליך געווען צו אנטלויפען.

דאָס האָט זיך ארויסגעוויזען ריכטיג. העיקיניג האָט ניט געמאכט קיין גרויסען טומעל וועגען לוריע'ס אנטלויפען. האָב איך אין א טאָג פינף־זעקס ארום באשלאָסען צוריקצוקערען זיך צו מיין דינסט. איך האָב גערענקט, אז פאר ניט מעלדען זיך די עטליכע טעג וועל איך קיין גרויסען שטראָף ניט באקומען. עס יז אָבער ארויסגעקומען ערגער. דער נאטשאלניק פון מיין דיוויזיע האָט מיך פערזענליך אויסגעפרעגט און געהייסען מיך איבערגעבען צו א קריגס־געריכט. צו אָט דעם „פארברעכען” איז צוגעקומען נאָך איינער: ווען איך בין געווען ארעסטירט, האָב איך באליידיגט דעם אָפיציער, וואס האָט מיר באוואכט. האָט מיך דערפאר ערווארטעט א יאָהר אָנדערהאלבען אָדער צוויי אין פעסטונג.

אָבער סטעפאנאָוויטש און וויערא זאסוליטש, וועלכע האָבען זיך מיט מיר דורכגעשריבען, האָבען מיר געהאָלפען אויספיהרען מיין פלאן צו אנטלויפען פון טורמע, וואָס מיר איז געלונגען צו פארווירקליכען (דעם 19טען פעברואר, 1876).